STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10089

ZSHON KRISTOF

Romain Rolland

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראמען ראלאנד

זשאַן קריסטאָף

III. יוגענד

איבערזעצט פון ל. מ. בעניאמין

אונטער דער רעדאַקציאָן פון דר. ק. פאַרנבערג

ליטעראַרישער פאַרלאַג, ניו־יאָרק

1921

I.

דאָס הויז איילער

דאס הויז איז געווען איינגעטונקט אין א שטילקייט. זינט דעם פאטערס טוידט איז אלץ געווען ווי אפגעשטאר־בען. איצט, אז מעלכיאר'ס הילכיגע שטים איז אנטשוויגען געווארען, האט מען פון אין דער פריה ביז אין אבענט מעהר ניט געהערט, ווי דאס מאנאטאנע מורמלען פון טייך.

קריסטאף האט זיך ווידער אריינגעווארפען אין א הארטנעקיגע ארבייט. אין א שטומען צארן האט ער זיך אליין געוואלט באשטראפען, פאר וואס ער האט געוואלט זיין גליקליך. פארגליווערט אין זיין שטאלץ, האט ער ניט געענטפערט אויף די אויסדרוקען פון מיטגעפיהל און סימ־פאטיע. אהן אייןווארט אויסצוריידען האט ער זיך ארייג־געווארפען אין זיינע טעגליכע פליכטען, און האט געגעבען זיינע שטונדען מיט אן איזיגער אויפמערקזאמקייט. זיינע שילער, וואס האבען געוואוסט פון זיין אומגליק, האבען זיך געפיהלט געקריינקט פאר וואס ער האט אזוי ווייניג גע־פיהל. אבער די עלטערע, וואס האבען שוין געהאט א שטי־קעל ידיעה אין צרות, האבען געוואוסט, אז אזא קאלטקייט לפנים, קען זיין נאר א צודעק פאר א טיפען שמערץ, און זיי האבען מיט איהם רחמנות געהאט. ער האט זיי בשום אופן ניט געדאנקט פאר זייער סימפאטיע: אפילו די מוזיק אליין האט איהם ניט געבראכט קיין דערלייכטערונג. ער האט געשפילט אהן פארגעניגען, ווי א חוב. מען האט גע־קאנט מיינען, אז ער האט געהאט א גרויזאמע פרייד ניט צו האבען קיין פארגעניגען פון קיין זאך. אדער זיך אזוי

איינצוריידען, אוועקנעהמענדיג ביי זיך יעדען צוועק פון לעבען און פון דעסטוועגען דאַך צו לעבען.

זיינעביידע ברידער, דערשראָקען פון דער שטילקייט פון טוידטען הויז, האָבען זיך געאיילט פון דאָרט צו אנטלויפען. רודאָלף איז אריין ביי זיין פעטער טעאָדאָר אין געשעפט און האָט געוואוינט ביי איהם. וואס איז שייך ערנסטען איז ער, נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעפּרובירט צוויי דריי באשעפטיגונגען, אנגעקומען אויף א שיף, וואס איז געגאַנגען צווישען מאַינץ און קעלן; ער פלעגט זיך באווייזען נאָר ווען ער האָט גענויטיגט געלט. קריסטאָף איז געבליבען אליין מיט דער מוטער אין דעם צו גרויסען הויז, און די קאַרגקייט פון מיטלען און די אַפּצאָהלונג פון געוויסע חובות, וואָס האָבען זיך באוויזען נאָכ'ן פאָטערס טוידט, האָבען זיי געצוואונגען, ווי שווער עס איז ניט געווען פאַר זיי, צו זוכען אן אנדער וואָהנונג, א באַשיידענערע און ניט אזא טייערע.

זיי האָבען געפונען א קליינע וואָהנונג — צוויי דריי צימערן אויף א צווייטען עטאַזש אין א הויז אויף דער מאַרקגאַס. די געגענד איז געווען א קאַכיגע אין מיטען שטאָדט, ווייט פון טייך, ווייט פון די בוימער, און פון אלע פריינדליכע פלעצער. אבער מען האָט געמוזט פאָלגען דעם שכל, ניט דעם געפיהל; קריסטאָף האָט דאָרט געפונען א גוטע געלעגענהייט צו באַפרידיגען זיין טרויעריגען באַגעהר זיך צו פייניגען. אויסערדעם איז דער בעל־הבית פון הויז, דער אלטער רעגיסטראַט איילער, געווען זיין זיידענס א גוטער פריינד, און האָט געקענט די גאַנצע פאַמיליע; דאס איז געווען גענוג, אז לואיזע זאָל זיך באַשליסען. זי האָט זיך געפיהלט פאַרלאָרען אין גרויסען הויז, און שטאַרק צוגעצוי־

גען צו מענשען. וואס האבען געהאט א גוטע ערינערונג אן די, וועמען זי האט געליעבט.

זיי האבען געמאכט הכנות זיך אריבערצוקלייבען. זיי האבען לאנג אויסגעטרונקען די ביטערע מעלאנכאליע פון די לעצטע טעג אין דעם טרויעריגען און טייערן היים, וואס זיי פארלאזען אויף אייביג. זיי האבען קוים געוואגט איינער דעם אנדערן ארויסצוזאגען זייער טרויער: זיי האבען זיך געשעמט דערמיט, אדער מורא געהאט פאר דעם. יעדערער פון זיי האט געטראכט, אז ער דארף ניט ארויסווייזען זיין שוואכקייט פאר'ן אנדערן. ביים טיש, איינע אליין איז טונקעלן צימער מיט האלב אראפגעלאזענע פארהאנגען, פלעגען זיי ניט וואגען אויפצוהויבען דעם קול, און פלעגען אפעסען אין איילעניש, ניט קוקענדיג איינער אויפ'ן אנדערן פון מורא, אז זיי וועלען ניט קאנען באהאלטען זייער זארג. זיי פלעגען באלד נאך דעם זיך פאנאנדערגעהן. קריסטאף פלעגט זיך אומקעהרען צו זיינע באשעפטיגונגען: אבער, ווי נאר ער האט געהאט א פרייע מינוט, פלעגט ער קומען צוריק, באהאלטענערהייט זיך אריינכאפען אין הויז, אויף די שפּיץ פינגער זיך ארויפקלייבען אין זיין צימער אויף דער שיילקע און פארמאכענדיג די טיר, זיך שטיל אוועקזעצען אין א ווינקעל ענטוועדער אויף זיין קופערט, אדער אויפ'ן געזימס פון פענסטער: און אזוי, ניט טראכטענדיג, פלעגט ער פארבלייבען, ארייננציהענדיג אין זיך דאס אומקלארע מורמלען פון אלטען הויז, וואס ציטערט אויף ביי יעדען קלענסטען טריט. זיין הארץ האט געציטערט אויך אזוי ווי דאס הויז. ער פלעגט זיך צוהערען צו יעדען קלענסטען גערויש פון אינעווייניג אדער פון דרויסען: צום סקריפּענען פון פאדלאגע, צו אלע געוויינליכע גערוישען. ער פלעגט

דערקענען זיי אַלעמען, ניט וויסענדיג וואו ער איז אויף דער וועלט: זיינע געדאַנקען פלענען זיין פאַרטרונקען אין די בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט: ער פלעגט ניט אַרויס פון זיין באַטויבונג ביז דער זייגער פון סענטמאַרט־קירך פלעגט איהם דערמאַנען, אַז מען דאַרף זיך אויפהויבען.

אין אונטערשטען שטאָק הערען זיך לואיזע'ס טריט. אַרומגעהענדיג שטיל הין און צוריק. שטונדען לאַנג הערט מען איהר גאַר ניט, זי מאַכט גאַר ניט קיין גערויש. קריס־טאָף הערט זיך גוט צו. ער געהט אַרונטער, אַביסעל אומ־רוהיג, ווי מען פאַרבלייבט לאַנג נאָך אַ גרויסען אומגליק. ער עפענט די טיר: לואיזע איז אומגעקעהרט צו איהם מיט'ן רוקען. זי זיצט לעבען אַ שאַף, אין מיטען פון אַ קופּע זאַכען: קליידער, אַלטע זאַכען, צעריסענע שטיקער, זכרונות וואָס זי האָט פאַרנאַנדערגענומען אונטער דעם אויסרייד, אַז זי וויל זיי פאַריכטען. עס פעהלט איהר דער כח: יענעם שטיק דערמאַנט איהר אַן עפּעס, זי דרעהט עס און דרעהט צווישען די פינגער, און הויבט אַן צו חלומען. דאָס שטיק פאַלט איהר אַרויס פון די הענט. זי פאַרבלייבט שטונדען־לאַנג מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט, זיצענדיג אין שטול באַ־טויבט פון איהר שמערץ.

די אָרימע לואיזע לעבט איצט דעם גרעסטען טייל פון איהר לעבען אין דער פאַרגאַנגענהייט — אין יענער טרויע־ריגער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז פאַר איהר געווען זעהר קאַרג מיט פרייד: אָבער זי איז אַזוי געוואָהנט געווען צו ליידען, אַז זי האָט געפיהלט דאַנקבאַרקייט פאַר די קלענס־טע געפעליקייט, וואָס איז איהר אַרויסגעוויזען געוואָרען: און די בלאַסע שטראַלען, וואָס האָבען געלויכטען פאַר איהר ווייט, ווייט איינער פון אַנדערן אין איהר לאַנגען לעבען, זיי־

נען געווען גענוג עס צו באלייכטען. דאס גאנצע בייז, וואס מעלכיאר האט איהר געטאן, איז געווען פארגעסען; זי האט געדיינקט נאר דאס גוטע. די געשיכטע פון איהר חתונה איז געווען דער גרעסטער ראמאן פון איהר לעבען. אויב מעלכיאר איז אין דעם געווען אריינגעצויגען דורך א קאפריז, אויף וועלכען ער האט באלד חרטה געהאט, האט זי אבער זיך איהם אפגעגעבען מיט'ן גאנצען הארצען: זי האט געגלויבט, אז זי ווערט געליעבט אזוי ווי זי אליין ליעבט: און זי האט דאפיר געפיהלט צו מעלכיארן א צערטליכע דאנקבארקייט. דאס וואס ער איז געווארען שפעטער, האט זי געזוכט ניט צו פארשטעהן. ניט זייענדיג פעהיג צו זוכען די ווירק־ליכקייט ווי זי איז, האט זי געוואוסט עס נאר צו טראגען ווי עס איז, ווי אן אונטערטעניגע, ערליכע פרוי, וועלכע האט גאר ניט נויטיג צו פארשטעהן דאס לעבען אום צו לעבען. דאס, וואס זי האט זיך ניט געקאנט דערקלערען, האט זי איבערגעלאזען צו גאט, אז ער זאל עס דערקלערען. דורך א באזונדערן מין פרומקייט האט זי ארויפגעווארפען אויף גאט די פאראנטווארטליכקייט פאר אלע אומגערעכטיג־קייטען, וואס זי האט געהאט אויסצושטעהן פון מעלכיארן און פון די אנדערע: צורעכענענדיג צו זיי אליין נאר דאס גוטס, וואס זי האט פון זיי באקומען. אט אזוי האט איהר טרויעריגער לעבען איהר ניט איבערגעלאזען קיין ביטערע ערינערונג. זי האט זיך נאר געפיהלט אויסגעמאטערט — שוואך ווי זי איז געווען פון די פיעל יאהרען פון נויט און מידקייט: און איצט, אז מעלריאר איז מעהר ניט געווען: איצט ווען צוויי האבען דאס הויז פארלאזען און דער דריטער קאן שוין אויסקומען אהן איהר, האט זי פארלארען יעדען מוט צו האנדלען: זי איז געווען פארמאטערט, פאר־

שלאָפען. איהר ווילען איז געווען באַטויבט. זי האָט דורכגע־
מאַכט איינעם פון יענע גראַסטעגישע קריזיסען, וואָס באַ־
פאַלען אָפּט אויף די עלטערע יאָהרען אויף ארבייטזאַמע
מענשען, ווען עפּעס אן אומערוואַרטעטער קלאַפּ נעמט ביי
זיי אוועק יעדען מאָטיוו צו ארבייטען. זי האָט מעהר ניט
געהאט קיין מוט צו ענדיגען די זאַך, וואָס זי האָט געשטריקט.
צו ברייגגען אין אָרדנונג דעם שופלאַד, וואָס זי האָט געע־
פענט, אויפצושטעהן אום צו פאַרמאַכען דאס פענסטער:
זי פלעגט בלייבען זיצען, אָהן כח, אָהן געדאנקען — נאר
מיט זכרונות. זי האָט געוואוסט, אז זי ווערט צונישצעט
און זי פלעגט רויט ווערן דערפון ווי פון שאַנד: זי האָט זיך
אָנגעשטרענגט עס צו באַהאַלטען פון איהר זוהן: און קריס־
טאָף, וואָס איז געווען אריינגעטאָן אין דעם עגאָיזם פון
זיין אייגענעם שמערץ, האָט קיין זאך ניט געמערקט. ער איז
בלי ספק אָפּט אין זיך געווען זעהר אומגעדולדיג ווענען דער
לאַנגזאַמקייט מיט וועלכער די מוטער האָט איצט גערעדט
און געטאָן די קלענסטע זאכען. אָבער ווי פארשידען איהר
איצטיגע האַנדלונגען זיינען ניט געווען אין פארגלייך מיט
איהר פריהערדיגער רירעוודיקייט, האָט ער ביז איצט זיך
ווענען דעם ניט געזאָרגט.

יענעם טאָג איז ער צום ערשטען מאָל דערפון איבע־
ראַשט געווארען, ווען ער האָט איהר געפונען אין מיטען פון
די שופלאַדען, וואָס זיינען געווען אויסגעשאָטען אופן פאָד־
לאָגע, לעבען איהרע פיס, פול אין איהרע הענט, אין קופּעם
ביז די קניע. זי איז געזעסען מיט אן אויסגעצויגענער האַלז,
דעם קאָפּ אויסגעשטרעקט פאָראויס, און דער פנים שטייף
און פארגליווערט. הערענדיג אז ער קומט אָן, האָט זי א
ציטער געטאָן. א רויטקייט איז אריין אין איהרע בלאַסע באַ־

קען: מיט אן אינסטינקטיווער באוועגונג האט זי געזוכט צו באהאלטען די זאכען. וואס זי האט געהאלטען, און האט גע־שטאמעלט מיט א פארשעמטען שמייכעל:

— „דו זעהסט, איך מאך ארדנונג..."

דער אנבליק פון דער ארימער, חרוב'ער נשמה צווישען די הייליגקייטען פון איהר פארגאנגענהייט האט איהם פאר־כאפט פאר'ן הארצען מיט א טיפען רחמנות. דאך כדי איהר ארויסצורייסען פון איהר אפאטיע, האט ער מיט אביסעל א שארפען און בייזען טאן באמערקט:

— „לעבעדיגער, מאמע, רירעווודיגער! דו דארפסט ניט פארבלייבען שטענדיג אין מיטען פון אט דעם גאנצען שטויב, אין פארמאכטען צימער. דאס איז שעדליך. מען דארף זיך אויפמונטערן אביסעל און מאכען א סוף צו דער גאנצער אויפקלייבעניש."

„יא" — האט זי געזאגט אונטערטעניג.

זי האט געפרובירט זיך אויפהויבען כדי די אלע זאכען ווידער אריינצושפארען אין די שופלאדען. אבער זי האט באלד ווידער זיך אוועקגעזעצט, לאזענדיג ארונטערפאלען דאס, וואס זי האט געהאלטען אין האנט.

„איך קאן ניט, איך קאן ניט" — האט ז יגעזיפצעט — „איך וועל קיינמאל דערמיט ניט פארטיג ווערען."

ער האט זיך דערשראקען. ער האט זיך אריבערגע־בויגען איבער איהר און איהר א גלעט געטאן מיט'ן האנט איבער'ן שטערן.

— „אבער, מאמע, וואס איז מיט דיר," — האט ער געזאגט — „ווילסטו, איך זאל דיר העלפען, ביזטו קראנק?"

זי האט ניט געענטפערט. א טיפער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען ביי איהר. ער האט איהר גענומען פאר די

הענט. האָט זיך אַראָפּגעלאָזען פאַר איהר אויף די קניע, כדי אין דער האַלב פינסטערניש איהר בעסער צו קאָנען זעהן.

— „מאַמע!" — האָט ער געזאָגט צושראָקען.

לואיזע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַן זיין פּלייצע און האָט אויסגעבראָכען מיט אַ געוויין.

„מיין קליינער" — האָט זי איבערגע'חזר'ט, זיך אַנ־שפּאַרענדיג אַן איהם — „מיין קליינער!... דו וועסט מיך ניט פאַרלאָזען? פאַרשפּרעך מיר, אַז דו וועסט מיך ניט פאַרלאָזען?"

עס האָט איהם געריסען די האַרץ פון רחמנות.

— „אַבער ניין, מאַמע, איך וועל דיך ניט פאַרלאָזען. פון וואַנענט קומט צו דיר אַזאַ געדאַנק?"

„איך בין אַזוי אומגליקליך! זיי האָבען מיך אַלע פאַר־לאָזען, אַלע..."

זי האָט אָנגעוויזען אויף די זאַכען, וואָס האָבען זיך געוואַלגערט אַרום איהר: און מען האָט ניט געוואוסט: צו רעדט זי וועגען זיי, אָדער וועגען איהרע זיהן און איהרע נפטרים?

„דו וועסט פאַרבלייבען מיט מיר? דו וועסט מיך ניט פאַרלאָזען?... וואָס וועט פון מיר ווערן, אויב דו וועסט אויך אַוועק?"

— „איך געה ניט אַוועק. איך זאָג דיר: מיר בלייבען צוזאַמען. וויין ניט. איך פאַרשפּרעך דיר."

זי האָט ווייטער געוויינט, ניט קאָנענדיג זיך צוריקהאַל־טען. ער האָט איהר אָפּגעטריקענט די אויגען מיט זיין טיכעל.

— „וואָס איז מיט דיר, טייערע מאַמע טוט דיר עפּעס וועה?"

„איך ווייס ניט, איך ווייס ניט, וואס מיט מיר איז."
זי האט זיך אנגעטאן, א כח זיך צו בארוהיגען און צו שמייכלען.

„איך זוך צו זיין שכל'דיג: ביי יעדער קליינינקייט הייב איך אן צו וויינען... דו זעהסט, איך הייב שוין ווידער אן... זיי מיר מוחל. איך בין נאריש, איך בין אלט. איך האב מעהר קיין כח ניט. קיין זאך פרייט מיך מעהר ניט. איך טויג מעהר צו קיין זאך ניט. איך וואלט געוואלט ליעגען באגראבען צוזאמען מיט יענע..."

ער האט איהר צוגעדריקט צום הארצען ווי א קינד.

— „מאך זיך קיין הארצווייטאג ניט, רוה זיך אויס. טראכט וועגען קיין זאך ניט..."

ביסלאכווייס האט זי זיך בארוהיגט.

„עס איז אזוי נאריש, איך שעם זיך... אבער וואס איז עס אזוינס? וואס איז מיט מיר?"

אט די אלטע ארבייטערקע האט ניט געקאנט פארשטעהן פאר וואס איהרע כחות זיינען אזוי פלוצלונג צוזאמענגעבראכען געווארען, און זי האט דורך דעם זיך געפיהלט ערנידעריגט טיף אין הארצען. ער האט זיך געמאכט, ווי ער באמערקט עס כלומרשט ניט.

— „אביסעל פארמאטערט מאמע" — האט ער געזאגט. באמיהענדיג זיך צו נעהמען א גלייכגילטיגען טאן — „דאס איז גאר ניט, דו וועסט זעהן."

אבער ער איז אויך געווען אומרוהיג. פון קינדווייס אן איז ער געוואוינט געווען איהר צו זעהן מוטיג, זיך בויגענדיג פאר'ן שיקזאל, און שווייגענדיג איבערצוטראגען אלע קלעפ. און איהר צוזאמענברעכען האט איהם פארשאפט שרעק.

ער האָט איהר געהאָלפען צוזאַמען צו קלייבען די זאַכען, וואָס זיינען געווען צעוואָרפען אויפ'ן פאָדלאָגע. פון צייט צו צייט פלעגט זי זיך אָפּשטעלען ביי עפּעס א זאַך: אָבער ער פלעגט עס שטיל ארויסנעמען ביי איהר פון האַנט: און זי האָט עס איהם געלאָזען טאָן.

פון דעם אויגענבליק אז האט ער זיך געמאכט פאר א חוב צו פארברייינגען מעהר מיט איהר. ווי נאר ער פלעגט אפטאן זיין ארבייט, פלעגט ער קומען צו איהר, אנשטאט זיך צו פארמאכען אליין ביי זיך. ער האט איצט געפיהלט, ווי איינזאם זי איז געווען, און אז זי איז ניט שטארק גענוג עס צו קאנען אריבערטראגען; עס איז געווען א געפאר איהר אזוי דארט צו לאזען.

ער פלעגט זיך אוועקזעצען פון אבענט לעבען איהר ביים אפענעם פענסטער, וואס האט ארויסגעקוקט אויפן וועג. די לאנדשאפט פלעגט לאנגזאם ווערן באדעקט מיט פינס־טערניש. די מענשען פלעגען קומען אהיים. פון וויטען פלעגען זיך באוויזען די קליינע ליכט, וואס מען צינדט אן אין די הייזער. זיי האבען עס שוין טויזענטער מאל געהאט געזעהן. באלד אבער האט מען זיי שוין אויך ניט געזעהן. זיי פלעגען זיך איבערוואלפען מיט ווערטער. זיי פלעגען איינע די אנדערע אויפמערקזאמער מאכען אויף די קלענס־טע, גוט באקאנטע און שוין געווען אנגעקוקטע פאסירונגען פון אבענט, שטענדיג מיט א נייעם אינטערעס. זיי פלעגען לאנג שווייגען, אדער לואיזע פלעגט גאר אהן א דייטליכע אורזאך זיך מיט אמאל דערמאנען אן גאר א זייטיגע גע־שיכטע, וואס איז איהר דורכגעלאפען דורכ'ן קאפ. איהר צונג איז אביסעל פרייער געווארען איצט, ווען זי האט דער־פיהלט לעבען זיך א ליעבענדע הארץ. זי האט זיך אנגע־שטרענגט צו ריידען. דאס איז איהר אנגעקומען שווער, ווייל

זי איז געווען געוואוהנט זיך צו האַלטען אַז אַ זייט: זי האָט געהאַלטען איהרע זיהן און איהר מאַן פאַר צו אינטעליגענט. אַז זיי זאָלען זיך מיט איהר אונטערהאַלטען. און זי האָט ניט געהאַט די העזה זיך אריינצומישען אין זייער'ן אַ געשפּרעך. קריסטאָף'ס צערטליכע איבערגעבענקייט איז געווען פאַר איהר אַ גאַנץ נייע און אַהן אַ שיעור זיסע זאַך. אָבער צו דערזעלבער צייט האָט עס איהר געשראָקען. זי האָט גע־זוכט ווערטער, און עס איז איהר שווער געווען זיי צו געפי־נען: איהרע פראַזען פלעגען בלייבען ניט פאַרענדיגט, ניט פאַרשטענדליך. אָפטמאָל פלעגט זי זיך שעמען דערמיט. וואָס זי האָט געזאָגט: זי פלעגט אַ קוק טאָן אויפ'ן זוהן און אנטשווייגען ווערן אין מיטען פון אַ געשיכטע. ער אָבער פלעגט איהר דריקען די האַנט, און זי פלעגט זיך ווידער פיהלען זיכער. ער האָט זיך געפיהלט פול מיט ליעבע און רחמנות צו דער קינדערשער און מוטערליכער נשמה, אַז וועלכער ער פלעגט אַלס קינד זיך דראַפּען און וועלכע זוכט איצט אין איהם אַן אָנשפּאַר. און ער האָט געפונען אַ מעלאַנכאָלישען פאַרגעניגען אין די קליינע פּלוידערייען, וואָס וואָלטען פאַר יעדען אַנדערן געווען גאָר ניט אינטע־רעסאַנט: אין די ניט וויכטיגע זכרונות פון אַ באַגרענעצטען לעבען אַהן פרייד, אָבער וואָס איז אין לואיזעס אויגען געווען טייערער ווי אוצרות. אָפטמאָל פלעגט ער זוכען איבערצור־רייסען איהרע רייד: ער האָט מורא געהאַט, אַז די זכרונות וועלען איהר נאָך טרויעריגער מאַכען: און ער פלעגט איהר איינריידען צו געהן זיך לייגען. זי פלעגט פאַרשטעהן דעם מיין און פלעגט מיט אַ דאַנקבאַרען בליק ענטפערן:

— „ניין, איך פאַרזיכער דיך, עס איז גוט פאַר מיר: זאָלען מיר בלייבען נאָך אַ ווײַלע.“

אזוי פלעגען זיי פארבלייבען ביז שפעט אין אבענט. ביז אלץ פלעגט איינשלאפען ארום און ארום. דאמאלט פלעגען זיי זיך זאגען א גוטע נאכט: זי פלעגט זיך פיהלען אבסיעל לייכטער, ווייל זי האט זיך באפרייט פון א טייל פון איהר הארץ ווייטאג; און ער פלעגט האבען אביסעל א שווערערע הארץ פון דער נייער משא, וואס ער האט צו־געלייגט צו די, וועלכע ער טראגט שוין.

עס איז געקומען דער טאג פון אריבערקלייבען זיך. דעם אבענט פריהער זיינען זיי געבליבען לענגער ווי געוויינליך אין דעם ניט באלויכטעטען צימער. זיי האבען ניט גערעדט צווישען זיך. פון צייט צו צייט האט לואיזע א זיפץ געטאן: „א! מיין גאט!" קריסטאף האט געפרובירט באשעפטיגען איהר אויפמערקזאמקייט מיט טויזענט קלייניגקייטען פון מארגענדיגען אריבערציהען. זי האט ניט געוואלט זיך געהן לייגען. ער האט צערטליך איהר דערצו געצוואונגען. אבער ער אליין האט, קומענדיג צו זיך אין צימער, נאך א לאנגע צייט זיך ניט געלייגט. אנגעשפארט אן פענסטער, האט ער זיך אנגעשטרענגט דורכצוקוקען דורך די פינסטערניש, צום לעצטען מאל צו זעהן די זיך באוועגענדע שאטענס פון טייך הינטער דער הויז. ער האט געהערט דעם ווינט צווישען די גרויסע בוימער פון מינא׳ס גארטען. דער הימעל איז געווען שווארץ. א קאלטער רעגען האט אנגעהויבען צו פאלען. די וועטערפאנעס האבען געסקריפעט. אין א שכנות׳דיגן הויז האט א קינד געוויינט. די נאכט איז געלעגען מיט א דריקענדען טרויער אויף דער ערד און אויף דער נשמה. די אומעטיגע קלאנגען פון די שעהן, די האלבע און די פערטעלס זיינען געפאלען איינע נאך די אנדערע איינטאניג אין די שוידערליכע שטילקייט וועלכע איז נאר איבערגעריסען

געוואָרען פון דעם גערויש פון רעגען. וואָס איז געפאַלען אויף די דעכער און אויפ'ן ברוק.

ווען קריסטאָף האָט סוף כל סוף זיך באַשלאָסען מיט א פאַרגליווערט האַרץ און קערפּער צו געהן זיך לייגען, האָט ער געהערט ווי דער פענסטער אונטער זיינעם פאַרמאַכט זיך. און ליגענדיג אויפ'ן בעט, האָט ער טרויעריג געטראַכט ווי גרויזאַם עס איז פאַר די אָרימע מענשען זיך צו צובינדען צו דער פאַרגאַנגענהייט; וואָרום זיי האָבען ניט קיין רעכט אויף די פאַרגאַנגענהייט ווי די רייכע; זיי האָבען ניט קיין הויז, ניט קיין ווינקעל אויף דער ערד, וואָס זאָל זיין אַ מקום מנוחה פאַר זייערע זכרונות; זייערע שמחות, זייערע צרות, זייערע טעג ווערן צושטרייט דורך דעם ווינט.

אויף מארגעו האבעו זיי איז גום רעגעו אריבערגעפיהרט
זייערע ארימע בעביכעס איז דער נייער וואהנונג. פישער,
דער אלטער טאפעצירער, האט זיי געליהעו א פערד און ווע־
געל: און ער אליין איז געקומעו זיי העלפעו. אבער זיי
האבעו ניט געקאנט מיטנעמעו מיט זיך די גאנצע מעבעל.
ווארום די וואהנונג, איו וועלכע זיי האבעו אריבערגעצויגעו
איז געוועו פיעל קלענער ווי די אלטע. קריסטאף האט גע־
מוזט איבעריידעו די מוטער איבערצולאזעו די עלטעסטע אם
וויניגסטענס נוצליכע זאכעו. דאס איז איהם ניט לייכט
אנגעקומעו. ווארום יעדע קלענסטע זאך האט פאר איהר גע־
האט א ווערט: צו עס איז געוועו א הינקעדיגער טיש, אדער
א צובראכענער שטול, זי האט קיין זאך ניט געוואלט מקריב
זיין. פישער, מיט דער גאנצער אויטאריטעט פון זיין אל־
טער פריינדשאפט צום זיידעו, האט געמוזט זיין ברומענדע
שטים צולייגעו צו קריסטאף'ס. און דערצו האט ער אלס גר־
טער מענש און אלס איינער, וואס פארשטעהט וואס הארצ־
וויטאג איז, איהר צוגעזאגט צו האלטעו פאר איהר די אלע
טייערע חפצים, זי זאל זיי קאנעו ווען עס איז אפנעמעו.
ערשט דאמאלט האט זי מסכים געוועו מיט א צוריסענע הארץ
זיך צו געזעגענעו דערמיט.

ביידע ברידער האט מעו געלאזט וויסעו וועגעו דעם
אריבערקלייבעו זיך: אבער ערנסט איז געקומעו מיט אז
אבענט פריהער, כדי צו זאגעו, אז ער קאו דאביי ניט זיין:
און רודאלף האט זיך ארום מיטאגצייט באוויזעו, אויף איין

מינוט: ער האָט געזעהן ווי מען לייגט אַרויף די מעבעל אויפ'ן וואָגען, האָט געגעבען עטליכע עצות און איז אַוועק מיט אַ מינע פון זעהר אַ פאַרנומענעם מענשען.

די פּראָצעסיע האָט זיך געשלעפּט דורך די בלאָטיגע גאַסען. קריסטאָף האָט געהאַלטען פאַר'ן צאָם דאָס פערד, וואָס האָט זיך אויסגעגליטשט אויף דעם גליטשיגען ברוק. לואיזע איז געגאַנגען לעבען איהר זוהן, זוכענדיג איהם צו באַשיצען געגען דעם רעגען, וואָס האָט געגאָסען אָהן אן אויפ־הער. און אַזוי זיינען זיי ענדליך אָנגעקומען אין די נאַסע וואָהנונג, וועלכע האָט אויסגעזעהן נאָך אומעטיגער צוליעב דאָס בלאַסע ליכט, וואָס האָט אָפּגעשלאָגען פון דעם נידע־ריגען הימעל. זיי וואָלטען ניט געקאָנט אַריבערטראָגען דעם שווערען אומעט וואָס האָט זיי געדריקט, ווען ניט די פריינד־ליכקייט פון די בעליבתים. אָבער ווען דער וואָגען איז שוין געווען אָפּגעפאָהרען, די מעבעל אַנגעשטעלט אין צי־מער; ווען די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזען, און קריסטאָף און לואיזע האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען אויסגעמאַטערטע איי־נער אויף אַ קעסטעל און די אַנדערע אויף אַ זאַק, האָבען זיי דערהערט אויפ'ן טרעפּ אַ קליינעם, טרוקענעם הוסט: מען האָט געקלאַפּט ביי זיי אין טיר. דער אַלטער איילער איז אַריין, און זיך מיט גרויס צערעמאָניעס ענטשולדיגט, וואָס ער שטערט די טייערע געסט; אָבער ער האָפּט, אַז כדי צו פייערן דעם ערשטען אָבענט פון זייער אָנקומען, וועלן זיי איהם פאַרשאַפען די פרייד צו עסען אָבענט־ברויט צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. לואיזע, וואָס איז איז גאַנצען געווען פאַרזונקען אין איהר טרויער, האָט געוואָלט זיך ענטזאָגען. קריסטאָף איז ניט געווען אויפגעלייגט צו אַזוינע פאַמיליען פאַרזאַמלונגען: אָבער דער אַלטער איז ניט אָפּגע־

שטאנען, און קריסטאף, טראכטענדיג, אז עס וועט זיין בעד־סער פאר די מוטער ניט צו פארברייננגען דעם ערשטען אבענד אין דער נייער וואהנונג איינע אליין מיט איהרע געדאנקען. האט איהר געצוואונגען אנצונעמען די איינלאדונג.

זיי זיינען ארונטער אויף דעם אונטערשטען עטאזש.— וואו זיי האבען געפונען די גאנצע פאמיליע פארזאמעלט: דעם אלטען, זיין טאכטער, זיין איידעם, פאגעל; און זיינע אייניקלעך: א אינגעל און א מיידעל, אביסעל אינגער ווי קריסטאף. אלע האבען געפאדעט ארום זיי, האבען זיי פריינדליך מקבל פנים געווען, האבען זיך נאכגעפרעגט: צו זיי זיינען פארמאטערט, צו זיי זיינען צופרידען מיט די צימערן? צו זיי דארפען עפעס? מען האט זיי געשטעלט א צענדליג פראגעס, וועלכע דער פארגלושעטער קריסטאף האט אפילו ניט פארשטאנען, ווארום זיי האבען אלע מיט אמאל גערעדט. די זופ איז שוין געווען דערלאנגט: מען האט זיך געזעצטביים טיש. דאך דער טומעל האט אנגע־האלטען. אמאליע, איילער'ס טאכטער, האט באלד זיך אוועקגעלאזען באקענען לואיזען מיט אלע אומשטענדען פון דער געגענד, מיט די געוואהנהייטען און מיט די מעלות פון הויז, מיט דער שעה ווען דער מילך־מאן קומט, מיט דער שעה, ווען זי שטעהט אויף, מיט די פארשידענע ליפעראנטען און מיט די פרייזען, וואס זי צאהלט זיי. זי האט איהר ניט אפגעלאזען ביז זי האט איהר אלע ניט ערקלעהרט. די פאר־גלושעטע לואיזע האט זיך אנגעטאן א כח ארויסצואווייזען אינטערעס צו די ערקלערונגען; אבער די באמערקונגען, וואס זי האט פון צייט צו צייט ארייגעווארפען, האבען געוויזען, אז זי האט גאר ניט פארשטאנען, און האבען ביי אמאליע'ן ארויסגערופען גרויס פארוואונדערונג און נאך מעהר גייע

ערקלערונגען. דער אַלטער קאָנצעלאַריסט איילער האָט גע־זוכט קריסטאָף'ן צו באַווייזען אַלע שוועריקייטען פון דער מוזיקאַלישער פּראָפעסיע. קריסטאָף'ס שכנה פון דער צווייטער זייט, אַמאַליעס טאָכטער, ראָזע, האָט פון אנהויב עסען אַן ניט אויפגעהערט צו פּלוידערן מיט אַזאַ היץ, אַז זי האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט אָפּצוכאַפּען דעם אָטעם: זי פּלעגט בלייבען שטעהן אין מיטען פון אַ זאַץ, אַבער באַלד ווידער אָנגעהן ווייטער. פּאָגעל, אַ כמורנער, האָט זיך באַ־קלאָגט אויף דאָס עסען, און עס האָבען זיך אָנגעהויבען מכח דעם היציגע וכוחים. אַמאַליע, איילער און די קליינע האָבען איבערגעריסען זייערע געשפּרעכען, כדי צו נעמען אַן אָנטייל אין דער דעבאַטע: און עס האָבען זיך אַרויסגעוויזען מיי־נונגס פאַרשידענהייטען אָהן אַ סוף: צו די געבראָטענס איז צופיעל אָדער צוואוייניג געזאַלצען: זיי האָבען איינע די אַנדערע אַרויסגעשטעלט פאַר עדות, און, נאַטירליך, איז קיינעם'ס מיינונג ניט געווען גלייך צום צווייטענס. יעדער איינער האָט געקוועטשט מיט די פּלייעצעס איבער דעם גע־שמאַק פון זיין שכן און געהאַלטען נאָר זיין אייגענעם גע־שמאַק פאַר געזונט און קלוג. זיי וואָלטען וועגען דעם זיך גע־קאָנט אַרומקריגען ביז יציאת נשמה.

צום סוף זיינען אַלע מושנה געוואָרען אָנצוהויבען קרעכצענען איבער די שלעכטע צייטען. זיי האָבען פון טיפען האַרצען אַרויסגעוויזען זייער מיטלייד מיט לואיזאַ'ס און קריסטאָף'ס צער און האָבען געלויבט זייער מוטיגע האַלטונג אין אַזוינע אויסדריקען, וואָס האָבען איהם גערירט. זיי איז געפעלען געוואָרען זיך צו דערמאָנען ניט נאָר אַן דעם אומגליק פון זייערע געסט, נאָר אַן זייערע אייגענע צרות און אַן די צרות פון זייער פריינד און פון אַלעמען, וועמען

זיי האבען געקענט: און זיי זיינען אלע געווען מסכים. אז די גוטע מענשען זיינען שטענדיג אומגליקליך: און אז פרייד איז באשערט נאר פאר עגאיסטען און שלעכטע מענשען. זיי זיינען געקומען צום מוסר השכל, אז דאס לעבען איז טרויע־ריג און טויג צו גאר ניט: און אז עס וואלט פיעל בעסער געווען צו שטארבען, ווען עס וואלט ניט געווען גאט'ס ווילען. דאס מען מוז לעבען כדי צו ליידען. אזוי ווי די נעדאנקען האבען צוגעטראפען צו קריסטאף'ס איצטיגען פעסימיזם. האבען זיי ביי איהם ארויסגערופען גרויס אכטונג צו זיינע בעלי־בתים. און ער האט צוגעמאכט די אויגען אויף זייערע קליינע שגעונות.

ווען ער און די מוטער זיינען ארויף אין דעם אנגעוואר־פענעם צימער, האבען זיי זיך געפיהלט טרויעריג און פאר־מאטערט, אבער אביסעל וויניגער איינזאם: און בעת קריס־טאף האט, מיט די אויגען געעפענט אין דער נאכט, ניט גע־קאנט איינשלאפען צוליעב פארמאטערטקייט און צוליעב דעם טומעל פון דער גאס, און זיך צוגעהערט צו די שווערע וואג־גענס, וואס האבען געמאכט אויפציטערן די ווענט, האט ער געזוכט זיך איינצוריידען, אז ער איז דא, אויב ניט גליקלי־כער, ווייניגסטענס ניט אזוי אומגליקליך, ווייל דא אונטען וואהנען ערליכע לייט — כאטש אביסעל לאנגווייליגע — וועלכע מוזען אריבערטראגען די זעלבע צרות וואס ער, וועל־כע פארשטעהן איהם, ווי עס ווייזט אויס, און וועמען ער פארשטעהט געווים.

אבער נאכדעם ווי ער האט פארט איינגעשלאפען, איז ער גאר ניט גוט אויפגעלייגט געווען, ווען באגינען האבען איהם אויפגעוועקט די קולות פון זיינע שכנים, וואס האבען

זיך אַרומגעריסען צווישען זיך און דער סקריפּ פון א פּאמ־פּע, וואָס איז פון אַן אויפגערעגטע האַנט אויפגעדרייט גע־וואָרען כּדי באַלד צו געבען א גרויסע באַד דעם הויף און די טרעפּ.

יוליום איילער איז געווען א קליינער, איינגעבויגענער אַלטיטשקער מיט מוטנע, אומרוהיגע אויגען, מיט א רויטען, צורונצעלטען און יעשטופּעלטען פּנים, מיט א מויל אָהן ציינער און א ניט געקאַמטע באָרד, וועלכע ער פּלעגט שטענדיג צופּען מיט די הענט. זעהר ערליך, אביסעל א חקרן, איז ער געווען א גוטברודער מיט'ן יידען. מען האָט געזאָגט אז ער איז זעהר ענליך צו יענעם. און באמת איז ער געווען פון זעלבען דור, ערצויגען אין דיזעלבע פּרינציפּען: אבער עס האָט איהם געפעהלט דאָס שטאַרקע, פיזישע לעבען פון זשאַן-מישעל, דאָס הייסט, אז כאָטש ער האָט געטראַכט ווי יענער, איז ער בעצם דאָך געווען אנדערש: ווארום דאָס וואָס מאַכט דעם מענשען איז מעהר דאָס טעמפּעראַמענט. איידער די געדאַנקען: און ווי פיעל און ווי גרויס עס זאָלען ניט זיין די אונטערשיידונגען, אמת'ע אדער איינגעבילדעטע, וואס די אינטעליגענץ שאַרפט צווישען מענשען, איז דאָך די אמת גרויסע צוגלידערונג פון די מענשען די — צווישען געזונטע און ניט געזונטע. דער אַלטער איילער איז ניט געווען צווישען די געזונטע. ער האָט גערעדט וועגען מאָראַל ווי דער זיידע: אבער זיין מאָראַל גופא איז ניט געווען דיזעלבע ווי ביים זיידען: ער האָט ניט געהאט יענעמס געזונטען מאַגען, יענעמס לונגען און יענעמס מונטערע קראַפט. אלץ איז ביי איהם און ביי זיינע געבויט געווען נאָך א קאַרגען און שפּאָרזאַמען פּלאַן. נאָכדעם ווי ער האָט 40 יאָהר אָפּגעדינט אלס קאַנצעלאַריסט און איז איצט געווען אויף רוה, האָט ער

שווער געליטענ פונ דעם גאָר ניט טאָנ. וואָס דריקט אַזוי שטאַרק יענע אַלטע לייט, וועלכע האָבענ גאָר ניט אָפּגע־שפּאַרט פאַר זייער אינערליכען לעבענ אינ די לעצטע יאָהרענ. אַלע זיינע נאַטירליכע אונ ערוואָרבענע געוואָהנהייטענ. אַלע געוואָהנהייטענ פונ זיינ פּראָפעסיע האָבענ איהם צוגענומענ עפּעס א מינ איינגעשראָקענקייט אונ אומעט. וועלכע מענ האָט געקאָנט געפינענ אינ א געוויסענ גראַד אויך ביי יעדענ פונ זיינע קינדער.

זיינ איידעם פאָגעל, א בעאַמטער אינ שלאָס־קאַנצע־לאַריע, איז געווענ אַרום פופציג יאָהר אַלט. הויך, קרעפטיג, אינגאַנצענ פּליכעוואַטע, מיט גאָלדענע ברילענ צו די שלייפענ צוגעקלעפּט, אונ נאָך גאַנצ גוט אויסקוקענדיג. האָט ער זיך איינגערעדט, אַז ער איז שטענדיג קראַנק, אונ ער איז עס אויך געווענ; וואָרום כאָטש ער האָט ניט געהאַט די אַלע קראַנקהייטענ וואָס ער האָט זיך איינגערעדט, איז אָבער זיינ נשמה געווענ פאַרזייערט דורך די נישטיגקייטענ פונ זיינ פּראָפעסיע אונ זיינ גוף — אביסעל חרוב פונ דעם שטענ־דיגענ זיצענ. זעהר אַרבייטזאַם, ניט אָהנ פאַרדינסטענ, זאָ־גאָר מיט א געוויסער בילדונג, איז ער געווענ א קרבנ פונ דער משוגענער, מאָדערנער לעבענספיהרונג: אונ ווי א סך פונ די בעאַמטע, וואָס זיינענ צוגעשמידט צו זייער שרייב־טיש, איז ער געווענ באַהערשט פונ דעם טייוועל פונ היפּאָ־כאָנדריע — איינער פונ יענע אומגליקליכע, וועלכע געטהע האָט אָנגערופענ „טרויעריגער, ניט גריכישער היפּאָכאָנדרי־קער“, אונ מיט וועלכע ער האָט געהאַט רחמנות, כאָטש ער האָט זיי זעהר שטאַרק אויסגעמיטענ.

אַמאַליע האָט ניט געהאַט ניט דאָס, ניט יענעס. געזונט. הילכיג אונ אַרבייטזאַם, האָט זי ניט אַרויסגעוויזענ קיינ

גרויס סימפאטיע צו דעם מאַנ'ס יללות. זי פלעגט איהם גאַנץ גראַבלאַך אויפטרייסלען. אבער קיין מענשליכע קראפט קאָן לאַנג ניט אויסהאַלטען ביים צוזאַמענלעבען: און אויב איין א פאמיליע איז איינער אדער דער אנדערער א נעווראַסטעניק, וועלען לויט אַלע וואַרשיינליכקייטען עס ביידע ווערן אין עט־ליכע יאָהר ארום. אומזיסט האַט אמאַליע זיך געבייזערט אויף פּאַגלען: אומזיסט האַט זי געהאַלטען אין איין פּראַ־טעסטירען פון געוואהנהייט און ווייל עס איז געווען נויטיג: אין א מינוט ארום פלעגט זי שוין באַקלאַגען איהר טרויערי־גע לאַגע, נאָך העכער פאַר איהם: דאָך איהר אריבערגעהן פון שילטען אויף יאָמערן פלעגט איהם קיין גוטעס ניט טאָן: פּארקעהרט, דורך דעם, וואָס זי פלעגט אזוי הויך נאָכשרייען זיינע נאַרישקייטען, פלעגט זי נאָך צעהנמאַל אזוי פיעל פאַר־שטאַרקערן זיין האַרצווייטאַג. צו ענד האַט זי ניט נאָר צו־שמעטערט דעם אומגליקליכען פּאַגעל, וועלכער איז געווען א צושראָקענער פון זיינע אייגענע יללות, וואָס האָבען אפּגע־קלונגען איצט צוריק אויף אזא שרעקליכען אופן, נאָר זי האַט יעדען איינעם צעבראָכען, זיך אליין אויך. זי האַט זיך אליין איינגעוואוהנט גאָר אהן אן אורזאַך צו יאָמערן אי־בער די געזונט פון זיך אליין, פון איהר פאַטער, פון איהר טאָכטער און פון איהר זוהן. דאס איז ביי איהר געווארען א משוגעת: דאס איבער'חזר'נדיג אזוי פיעל מאָל, האָט זי אליין אנגעהויבען גלויבען אין דעם. די קלענסטע פּארקילונג האָט מען גענומען טראַגיש: אלץ איז געווען אן אורזאַך צו זיין פאַרזאָרגט. נאָך מעהר, פלעגט מען זיך גוט פיהלען, האָט זי אנגעהויבען מורא צו האָבען פאַר די קומענדע קראַנקהייט. אַט אזוי איז דאָס לעבען אוועק אין שטענדיגער מורא. סוף כל סוף האָט מען אנגעהויבען דאָביי ניט שלעכט זיך צו

פיהלען. עס האָט אויסגעוויזען, ווי שטענדיגע יללות וואָל־
טען העלפען, אז אלע זאָלען זיין געזונט. יעדער איינער
האָט געגעסען, געשלאָפען, געאַרבייט ווי געוויינליך: און
דאָס הויז־לעבען איז דערפון ניט געשטערט געוואָרען. אמאָ־
ליעס תשוקה פאַר אַרבייט איז דורכאויס ניט געווען באַ־
פרידיגט דערמיט וואָס זי אַליין פלעגט אַרומפּאַדען פון
פריהמאָרגען ביז ביי נאַכט, פון קיך ביז׳ן קעלער: זיי האָ־
בען אלע געמוזט אַרבייטען צוזאַמען מיט איהר: און אַט
אַזוי האָט מען געהאַלטען אין איין איבערשטעלען די מעבעל,
וואַשען די פּאָדלאָגעס, ווישען דעם פּאַרקעט, הויך ריידען,
טופּען מיט די פיס און טרייסלען די ווענט.

די ביידע קינדער, וועלכע זיינען געווען אונטערדריקט
פון אַזאַ שרייענדיגער אויטאָריטעט, וואָס האָט קיינעם ניט
דורכגעלאָזען, האָבען געהאַלטען פאַר גאַנץ נאַטירליך זיך
אונטער איהר צו אונטערוואַרפען. דער אינגעל, לעאָנאַרד,
איז געווען אַ גאַנץ שעהנער, כאָטש מיט אַ גאַנץ וואָכעדיגען
פּנים און שטייפע מאַנירען. די יונגע מיידעל, ראָזאַ, אַ
בלאָנדינקע מיט גאַנץ שעהנע, בלויע און צערטליכע אויגען
וואָלט געמאַכט אַ גאַנץ סימפּאַטישען איינדרוק, באַזונדערס
דורך די פרישקייט פון איהר צאַרטער הויט און דורך דעם
אויסדרוק פון גוטסקייט, ווען די נאָז וואָלט ניט געווען צו
גרויס און אַביסעל פאַרקרימט. דאָס האָט געמאַכט איהר
געזיכט גראָב און איהר צוגעגעבען אַ נאַרישען אויסדרוק.
זי האָט דערמאָנט אַז האָלביין׳ס אַ יונגע מיידעל איז באַזעַ־
לער מוזעאום, — דער טאָכטער פון בורגמייסטער מאַיאַר
— וואָס זיצט דאָרט מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגען, די הענט
אויף די קניע און מיט די פאַרבלאָזע האָר פאַרנאַנדערגעַ־
וואָרפען איבער די פּלייצעס, און איז גרויס פאַרלעגענ־

הייט און שעמט זיך מיט איהר מיאוסער נאז. נאר ראזא האט וועגען דעם זיך ניט געזארגט און דאס האט איהר קיין מאל ניט אפגעהאלטען פון איהר אייביגען פלוידערן. שטענדיג האט מען איהר געהערט דערציילענדיג מעשות אהן א סוף מיט איהר שניידענדער שטים, שטענדיג זיך שטיקענ־דיג, ווי זי וואלט קיין צייט ניט געהאט אלץ ארויסצוריידען. שטענדיג אויפגערעגט און צעהיצט, ניט קוקענדיג אויף דעם. וואס אלע האבען זיך פאר דעם אויף איהר געבייזערט: אי די מוטער, און דער פאטער און אפילו דער זיידע. זיי אלע זיינען געווען בייז ניט אזוי דערפאר וואס זי רעדט צופיעל, נאר ווייל זי לאזט דורך דעם זיי ניט ריידען. ווארום אט די אויסגעצייכענטע מענשען, גוטע, ערליכע, איבערגעבענע,— די סאמע שמעטענע פון גוטע מענשען — האבען געהאט אלע גוטע מדות: נאר זיי האט געפעהלט איינע, וואס איז די פראכט פון לעבען: די מדה פון שווייגען.

קריסטאָף איז געווען אין א געדולדיגער שטימונג. זיי־נע צרות האָבען איינגעשטילט זיין אומגעדולדיגען, אויפקאָ־כענדען טעמפעראַמענט. די ערפאַרונג וואָס ער האָט גע־מאַכט מיט דער גרויזאַמער גלייכגילטיגקייט פון די עלעגאַנ־טע נפשות, האָט איהם געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל אנהויי־בען מעהרער ווערט צו לייגען אויף פשוטע, ניט גראַציעזע נפשות, וועלכע זיינען אפילו שרעקליך לאַנגווייליג, אבער האָבען א שטרענגערן באַגריף פון לעבען: און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ווייל זיי לעבען אָהן פרייד, לעבען זיי אויך אָהן שוואַכקייטען. באַשליסענדיג ביי זיך, אַז זיי זיינען אויסגעצייכענטע מענשען און אַז זיי דאַרפען איהם געפעלען, האָט ער, אלס עכטער דייטש, זיך געצוואונגען זיך איינצוריי־דען אַז זיי געפעלען איהם אין אמת'ן. אבער דאָס האָט איהם זיך ניט איינגעגעבען. איהם האָט געפעהלט יענער גוטמוטיגער דייטשער אידעאַליזם, וואָס קאָן ניט זעהן און זעהט טאַקע ניט דאָס וואָס איהם איז ניט אנגענעם צו באַ־מערקען, אוים מורא צו צעשטערן די רוה פון די געדאַנקען און די באַקוועמליכקייט פון לעבען. פאַרקעהרט, קיינמאָל האָט ער ניט געפיהלט אזוי שטאַרק די פעהלערן פון די מענ־שען, ווי דאַמאָלט בעת ער האָט זיי געליעבט, ווען ער האָט זיי געוואָלט ליעבען אין גאַנצען, אָהן וועלכע עס איז באַשריי־קונג: עס איז געווען אַז אומבאַוואוסטע און אומכאַ־זיגבאַרע באַדירפניס אין וואַרהייט, וואָס האָט איהם געמאַכט קלאָהרער צו דערקענען און שטרענגער זיך צו פאַרהאַלטען

צו די, וואָס זיינען איהם געווען אם טייערסטען. אָט אזוי האָט איהם ניט גענומען לאַנג ביז ער האָט אָנגעהויבען מיט פארדרוס און טרויער צו באמערקען די חסרונות פון זיינע בעליבתים. און זיי האָבען גאר ניט געטראַכט דערפון צו פארדעקען זייערע חסרונות. אין הפך צו דעם, וואָס עס פאַסירט אָפט, האָבען זיי דוקא אויפגעדעקט אַלץ וואָס איז אין זיי געווען אפשטויסענד. דאָס האָט קריסטאָף אויך גע־מערקט: און זיך באשולדיגענדיג אין אומרעכט, האָט ער געזוכט פון דאָס נייע צו געווינען זיינע ערשטע איינדרוקען און וויעדער אין זיי צו געפינען די אויסגעצייכענטע מעלות. וועלכע זיי האָבען מיט אזוי פיעל זאָרג געזוכט צו פארדע־קען.

ער האָט געפּרובירט זיך אריינלאָזען אין געשפּרעכען מיט'ן אלטען איילער, וועלכער האָט גאר בעסערס ניט גע־וואָלט. ער האָט געהאַט צו איהם אַ געהיימע סימפּאַטיע, אַן אנדערנקען אַן זיידען, וועלכער האָט איהם געליעבט און געלויבט. אבער דער גוטער זשאַן־מישעל האָט מעהר ווי קריסטאָף פארמאָגט די פעהיגקייט זיך איינצובילדען ווער ווייס וואָס וועגען זיינע פריינד: און קריסטאָף האָט עס גאַנץ גוט באַמערקט. אומזיסט האָט ער געזוכט זיך צו דערוויי־טען איילערס ערינערונגען וועגען זיידען. עס האָט איהם זיך נאָר איינגעגעבען ארויסצוקריגען פון איהם אַ בלאַסע קאַריקאַטור פון זשאַן מישעל און שטיקלאַך געשפּרעכען, וואָס האָבען קיין שום אינטערעס ניט געהאַט. איילערס באַריכטען פלעגען זיך אַלע אַנהויבען בזה הלשון:

—„ווי איך האָב שוין דיין אָרימען זיידען געזאָגט...“

אַז קיין אנדער זאַך האָט ער זיך ניט געקאָנט דערמאָ־

נען. ער האָט מעהר קיין זאַך ניט געהערט ווי נאָר דאָס וואָס ער אַליין האָט גערעדט.

עס איז מעגליך, אַז זשאַן מישעל האָט אויך בעסער זיך ניט צוגעהערט. דאָס רוב פריינדשאַפטען זיינען ניט מעהר ווי אַ פאַראייניגונג פאַר געגענזייטיגע באַפרידיגונגען. כדי צו קאָנען ריידען מיט אַן אַנדערן וועגען זיך. אָבער זשאַן מישעל, ווי נאַיוו ער איז ניט געווען אין זיין פרייד צו פּלוידערן, האָט דאָך, ווייניגסטענס, שטענדיג געהאַט צו פאַרטיילען סימפּאַטיע אויף אַלע זייטען. ער האָט זיך מיט אַלץ אינטערעסירט: ער פלעגט שטענדיג באַדויערן, וואָס ער איז מעהר ניט אַלט פופצעהן יאָהר, כדי צו זעהן די וואונדערבאַרע ערפינדונגען פון די נייע דורות און אַנטייל צו נעמען אין זייערע געדאַנקען. ער האָט פאַרמאָגט די טייערסטע מתנה פון לעבען: די פרישקייט פון דער נייגעריגקייט, וועלכע די יאָהרען האָבען ניט געענדערט אויף אַ האָר, און וועלכע פלעגט יעדען פריהמאָרגען נייע געבאָרען ווערען. ער האָט ניט געהאַט גענוג טאַלאַנט די מתנה אויסצונוצען: אָבער ווי פיעל טאַלאַנטפולע מענשען וואָלטען איהם מקנא געווען דערפאַר! דאָס רוב מענשען שטאַרבען אָפּ צו צוואַנציג אָדער דרייסיג יאָהר: ווי נאָר זיי זיינען אריבער דעם עלטער, זיינען זיי נאָר אַן אָפּשיין פון זיך אַליין: און דעם רעשט פון זייער לעבען פאַרברייגגען זיי נאָר אין דעם וואָס זיי קרימען איבער פון טאָג צו טאָג, נאָר אַלץ מעהר מעכאַניש דאָס וואָס זיי האָבען געזאָגט, געטאָן, געטראַכט אָדער געליעבט דאַמאָלט, ווען זיי זיינען נאָך געווען.

עס איז שוין אַזוי לאַנג אַוועק זינט דער אַלטער איילער איז עפּעס געווען — און געווען איז ער אַזוי ווייניג, — אַז דאָס וואָס איז איצט פון איהם געבליבען איז געווען גאַנץ

ארימליך און אביסעל לעבערליך. א חוץ פון זיין אלטער פראפעסיע און פון זיין פאמיליען לעבען האט ער פון קיין זאך ניט געוואוסט און ניט געוואלט וויסען. וועגען אלץ אין דער וועלט האט ער געהאט גאנץ פארטיגע מיינונגען. וואס האבען געשטאמט נאך פון זיינע אינגעלשע יאהרען. ער האט פרעטענדירט אז ער פארשטעהט זיך אויף קונסט: אבער ער האט דערביי זיך אלץ געהאלטען ביי געוויסע הייליגע נעמען, וועלכע ער פלעגט ניט קאנען דערמאנען, אז פארלערנטע מליצה פראזען: דאס איבעריגע האט קיין שום ווערדע ניט געהאט. ווען מען פלעגט צו איהםריידען וועגען מאדערנע קינסטלער, פלעגט ער גאר זיך ניט צוהערען און פלעגט נעמען ריידען פון אנדערע זאכען. ער האט זיך געהאלטען פאר א הייסען ליעבהאבער פון מוזיק און האט געבעטען קריסטאפ'ן עפעס אויפצושפילען. אבער באלד ווי קריסטאף, וואס האט איין מאל און צוויי מאל זיך געלאזט בעטען, האט אנגעהויבען צו שפילען, האט דער אלטער גענומען זיך דורך שמועסען אויפן קול מיט זיין איידעם. אזוי ווי די מוזיק וואלט פארדאפעלט זיין אינטערעס צו אלץ וואס איז ניט מוזיק. קריסטאף, א דערצארנטער, איז אויפגעשטאנען אין מיטען שטיק: קיינער האט עס ניט באמערקט. עס זיינען געווען נאר עטליכע מעלאדיעס דריי, פיער — איינע זעהר א שעהנע, די אנדערע זעהר מיאוסע, אבער אלע גלייך געהייליגטע — וואס האבען געהאט די פריווילעגיע צו באקומען א פארהעלטניסמעסיגע שטילקייט און א פולע הסכמה. ביי זייערע ערשטע טענער פלעגט דר אלטערע ארייגפאלען אין התפעלות און טרערען פלעגען זיך איהם שטעלען אין די אויגען, ניט אזוי פון דעם פארגעניגען וואס ער האט איצטער, נאר פיעל מעהר פון דעם פארגעניגען, וואס ער האט

אמאָל געהאַט דערפון. ביי קריסטאָף'ן האָבן די אלע מעלאָדיעס גענומען ארויסרופן אן עקעל, כאָטש איינציגע פון זיי, ווי בעטהאָווענס אַדעלאַידע, זיינען איהם פריהער געווען טייער: דער אַלטער פלעגט שטענדיג אונטערברומען די ערשטע טאַקטען דערפון און פלעגט ניט פאַרפעהלען צו ערקלערען אז „ד אַ ס הייסט מוזיק”, עס פאַרגלייכענדיג מיט פאַראַכטונג „מיט אַט די פאַרשאָלטענע מאָדערנע מוזיק וואָס האָט קיין שום מעלאָדיע ניט” — עס איז אמת, אז ער האָט קיין איינציגע פון זיי ניט געקענט.

זיין איידעם, אַ געבילדעטערער מענש, איז געווען באַהאַוונט אין די ארטיסטישע באַוועגונגען: אָבער דאָס איז געווען נאָך ערגער, ווארום זיינע מיינונגען זיינען געווען איז גייסט פון זיין אייביגען בטול. עס האָט איהם אפילו ניט געפעהלט ניט קיין געשמאַק, ניט קיין אינטעליגענץ: נאָר ער האָט ביי זיך ניט געקאָנט פועלן צו באַוואונדערן עפּעס אַ מאָדערנע זאַך. ער וואָלט פונקט אזוי מבטל געווען אויך מאָצאַרט'ן און בעטהאָווענען, ווען זיי וואָלטען געלעבט אין זיין צייט, און וואָלט אנערקענט די פאַרדינסטען פון וואַגנער'ן אדער פון ריכאַרד שטראַוס'ן, אויב זיי וואָלטען שוין געווען טוידט אַ יאָהר הונדערט. זיין אומצופרידענער אינסטינקט האָט איהם ניט דערלאָזען מסכים צו זיין, אז ביי זיין לעבענסצייט זאָלען זיין גרויסע, לעבעדיגע מענער. ער איז אזוי געווען פאַרביטערט דורך זיין אומגעראָטענעם לעבען, אז ער האָט זיך געזוכט איינצורעדען, דאָס ביי אלעמען איז דאָס לעבען ניט געראָטען, אז עס קאָן גאָר אנדערש ניט זיין, און אז די, וואָס גלויבען אנדערש, אדער מאַכען זיך, אז זיי גלויבען אנדערש, זיינען איינס פון די צוויי: ענטוועדער שוטים, אדער שווינדלער.

אַט אזוי האָט ער פֿון יעדען נייעם גדול געררעדט נאָר אין טאָן פֿון ביטערער איראָניע; און אזוי ווי קיין נאָר איז ער גאָר ניט געווען, פֿלעגט ער ניט פֿאַרפֿעהלען צו ענטדעקען פֿון ערשטען בליק אַן די שוואַכע און לעכערליכע זייטען. יעדער נייער נאָמען פֿלעגט ביי איהם ארויסרופֿען אַ מיסטרויען; נאָך איידער ער האָט וועמען געקענט, איז ער שוין געווען גרייט איהם צו קריטיקירען — דערפֿאַר טאַקע וואָס ער האָט איהם ניט געקענט. אויב ער האָט געהאַט סימפּאַטיע מיט קריסטאָף'ן, איז עס געווען דערפֿאַר, ווייל ער האָט געמיינט, אַז אַט דאָס מיזאַנטראָפּישע קינד געפֿינט דאָס לעבען פּונקט אזוי שלעכט ווי ער. און דערצו. האָט ער דאָך קיין טאַלאַנטען ניט. קיין זאַך דערנעהענטערט ניט אזוי קליינע, קליינליכע און אומצופֿרידענע נשמות איינע מיט די אַנדערע ווי די פֿעסטשטעלונג פֿון זייער געמיינזאַמער אָהנמאַכט. און קיין זאַך דערוועקט ניט אזוי דעם פֿאַרלאַנג צו לעבען און צו זיין געזונט ביי די וואָס זיינען געזונט און פֿעהיג צו לעבען, ווי אַט דער בונד פֿון נאַרישען פּעסימיזם פֿון די מיטעלמעסיגע און קראַנקע, וועלכע לייקענען אָפּ דאָס גליק ביי אַנדערע, דערפֿאַר וואָס זיי אַליין זיינען ניט גליקליך. קריסטאָף איז געווען דער באַוויז דאַפֿיר. אַט די טרויעריגע געדאַנקען זיינען איהם געווען גוט באַקאַנט; אָבער ער האָט זיך געוואונדערט זיי צו געפֿינען אין פֿאַגעל'ס מויל און זיי גאָר ניט צו דערקענען. נאָך מעהר, ער איז געוואָרען פֿיינדליך צו זיי, זיי האָבען איהם אָפּגעעקעלט.

און נאָך מעהר אויפֿגעבראַכט איז ער געווען פֿון אמאָליעם דרכים. די גוטע פֿרוי האָט אייגענטליך קיין זאַך מעהר ניט געטאָן, ווי נאָר פּראַקטיש דורכצופֿיהרען קריס־

טאָף׳ס טעאָריעס מכח פליכט. ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי דאָס וואָרט „פליכט" געהאַלטען אין מויל. זי האָט געאַר־בייט אָהן אויפהער און האָט געוואָלט, אַז יעדער איינער זאָל אַרבייטען ווי זי. איהר אַרבייט האָט ניט באַצוועקט צו מאַכען איהר אָדער אַנדערע גליקליכער: פאַרקעהרט. מען האָט כמעט געקאָנט זאָגען, אַז איהר צוועק איז געוועזען צו זיין אַ שטערונג פאַר אַלעמען און צו מאַכען דאָס לעבען אַזוי ניט אַנגענעהם ווי נאָר מעגליך, כדי עס צו פאַרהייליגען. קיין זאַך וואָלט איהר ניט געקאָנט באַוואויגען צו אונטערברעכען אויף איין אייגענבליק די הייליגע אַרבייט פון דער בעלהב׳תישקייט, אָט דעם קדשי קדשים, וואָס פאַרנעמט ביי אַסך פרויען דעם פּלאַץ פון אַלע אַנדערע מאָראַלישע און געזעלשאַפטליכע פליכטען. זי וואָלט זיך געהאַלטען פאַר פאַרלאָרען, ווען זי וואָלט אין דיזעלבע טעג און אין דיזעלבע שטונדען ניט געשייערט די פּאָדלאָגעס, ניט געוואַשען די פענסטער, ניט געפּוצט די קליאַמקעס פון די טירען, ניט אויסגעקלאַפּט מיט אַלע כחות די קאָוויאָרען און ניט איבערגעשטעלט די שטולען, טישען און שאַפעס. זי האָט זיך דערמיט זאָגאַר באַריהמט. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז פאַר איהר אַן עהרען־זאַך. און זי איז עס, אגב, ניט ביי אַסך פרויען דערזעלבער גייסט. וואָס מאַכט זיי כלומרשט צו פאַרטיידיגען זייער עהרע? דאָס איז אַ מין מעבעל, וואָס מען דאַרף האַלטען גלאַנציג, אַ גוט אַנגעוויקסטער פּאַרקעט, קאַלט, האַרט — און גלאַט.

די ערפילונג פון דער אויפגאַבע מאַכט פרוי פאָגעל ניט ליעבליכער. זי דראַפּעט זיך אַז די קליינליכקייטען פון דער בעלהב׳תישקייט ווי אַז אַ פליכט, וואָס איז פון גאָט באַפוי־לען, און זי פאַראַכטעט אַלע די, וואָס טוען ניט ווי זי, וואָס

נעמען זיך רוה, וואס פארשטעהן ווי צו געניסען אביסעל פון לעבען צווישען זייערע ארבייטען. זי פלעגט זיך פארקלייבען אזש אין לואיזעס צימער און איהר אויפהויבען פון ארט, ווען יענע פלעגט זיך צוזעצען און זיך פארקלערען אין מיטען פון דער ארבייט. לואיזע פלעגט זיך אפזיפצען, אבער פלעגט זיך אונטערגעבען מיט א פארשעמטען שמייכעל. צום גליק האט קריסטאף דערפון גארניט געוואוסט: אמאליגע פלעגטווארטען ביז ער פלעגט אוועק, אום צו מאכען אזוינע באפאלען אויף זייער וואהנונג: און ביז איצט האט זי איהם דירעקט נאך ניט פארטשעפעט: ער וואלט עס גאר ניט געוואלט ליידען. קוקענדיג אויף איהר, פלעגט ער זיך פיהלען שטענדיג אין א צושטאנד פון פיינדשאפט. וואס ער האט איהר אם ווייניגסטען מוחל געווען, איז געווען דער טומעל. וואס זי פלעגט אנמאכען. דאס פלעגט איהם פון די כלים ארויסברייגגען. איינגעשלאסען אין זיין צימער — א קליינע, נידעריגע לאד צום הויף צו — פלעגט ער פארקלאפען די פענסטער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס איהם פלעגט פעהלען לופט, אבי ניט צו הערען דעם טומעל פון דער בעל־הב'תישקייט פון הויז, און דאך פלעגט אפילו דאמאלט איהם זיך ניט איינגעבען דערפון זיך צו ראטעווען. ניט ווילענדיג פלעגט ער, אן אויפגערעגטער, זיך מוזען צוהערען מיט גרוים אויפמערקזאמקייט צו דעם גאנצען טומעל פון אונטען: און ווען די שרעקליכע שטים, וואס פלעגט זיך דורכרייסען דורך אלע ווענט, פלעגט נאך א מינוט פון רוה, זיך פון דאס ניי אויפהויבען, פלעגט ער א צוקאכטער ווערן: ער פלעגט שרייען, טראמפלען מיט די פיס, און דורך די ווענט שיקען א גאנצע קאלעקציע פון קללות. אין דעם אלגעמיינעם גערויש פלעגט מען עס גאר ניט באמערקען: מען פלעגט מיינען.

אז דאַס קאַמפּאַנירט ער. ער האָט געוואונשען פרוי פּאַגעל צו געהן צו אלדע שווארץ יאָהר. ניט רעספּעקט, ניט אכ־טונג פלעגען איהם ניט צוריקהאלטען. אין אזוינע מינוטען האָט זיך איהם געדאכט, אז ער וואָלט בעסער אויסגעקליבען די נאַרישטע און פאַרדאָרבענסטע פרוי, אום זי זאָל נאר שווייגען, נעגען די אינטעליגענץ און ערליכקייט און אלע אנדערע מעלות, אויב זיי מאַכען נאָר צופיעל גערויש.

אַט די שנאה צו טומעל האָט איהם דערנעהענטערט צו לעאָנארד'ן. דער יונגער אינגעל איז געווען דער איינציגער וואָס פלעגט שטענדיג בלייבען רוהיג אין מיטען פון אלגע־מיינעם טומעל, און פלעגט קיין מאָל ניט אויפהויבען די שטים שטאַרקער איז איין מאָמענט, ווי אין א צווייטען. ער פלעגט ריידען צוגעמאָסטען און ריכטיג, אויסקלייבענדיג די ווערטער און זיך ניט איילענדיג. די קאָכעדיגע אמאליע האָט קיין מאָל ניט געהאט די געדולד אפצוואווארטען ביז ער זאָל ענדיגען: אלע פלעגען זיך צושרייען איבער זיין לאַנג־זאַמקייט! ער אבער פלעגט דערפון ניט נתפעל ווערען. קיין זאַך פלעגט איהם ניט ארויסברייננגען פון זיין רוה און פון זיין האלטונג מיט דרך־ארץ. קריסטאָף איז נאָך דערפאר גע־ווען מעהר פאראינטערעסירט אין איהם, ווייל ער האָט גע־הערט אז לעאָנארד האָט באשלאָסען צו ווערן א גייסטליכער: און זיין נייגעריגקייט איז דערפאר געווארען באזונדערס שטאַרק.

קריסטאָף האָט דאמאָלט זיך געפונען אין א זאָנדערבאַ־רען צושטאַנד בנגע צו רעליגיאָן: ער האָט אליין ניט גע־וואוסט, וואָס ער פיהלט וועגען דעם. ער האָט קיין מאָל ניט געהאט קיין צייט ערנסט וועגען דעם נאָכצוטראכטען. ער איז געווען ניט גענוג געבילדעט, און איז געווען צופיעל פארטאָן, פארהאָרעוועט מאָכענדיג אזא שווערען לעבען, אום צו קאָנען זיך אליין אנאָליזירען אין זיינע געדאנקען אין אָרדנונג צו ברייננגען. היציג ווי ער איז געווען, איז ער פון

איין עקסטרים אריינגעפאלען איז א צווייטען, פון פולען גלויבען—אין פולער אפקורסות, זיך ניט קימערנדיג וועגען דעם: צו ער איז אין גאנצען אויסגעהאלטען, צו ניט. וועז ער איז געווען גליקליך האט ער ווייניג וואס געטראכט וועגען גאט. אבער איז געווען געניינגט אין איהם צו גלויבען. ווען ער איז געווען אומגליקליך, האט ער וועגען גאט יא געטראכט, אָבער ניט געוואלט גלויבען אין איהם. עס איז איהם אויסגעקומען משונהדיג, אז א גאט זאל קאנען דער־לאָזען אומגליק און אומגערעכטיגקייט. דאך, בכלל, האָבען די שווערע פראגען איהם ווייניג באשעפטיגט. אין תוך גענו־מען, איז ער געווען צו פרום אום פיעל צו טראכטען וועגען גאָט. ער האט געגלויבט אין גאָט און האט ניט געהאט נויטיג וועגען איהם צו טראכטען. דאס איז גוט פאר די וואס זיינען בטבע שוואך, אדער וואס זיינען אפגעשוואכט דורך א בלוטלאָזען לעבען. זיי לעכצען נאָך גאָט, ווי א פלאנצונג נאָך זון. דער וואס גוססט, דראפעט זיך אַן לעבען. אבער דער וואס טראָגט אין זיך די זון און דאס לעבען, צו וואס זאל ער עס זוכען אויסער זיך?

קריסטאָף וואלט וואהרשיינליך זיך ניט פארנומען מיט די אלע זאכען, ווען ער וואלט געלעבט אליין. אָבער די פליכטען פון געזעלשאַפטליכען לעבען האָבען איהם געצוואונגען זיינע געדאנקען צו באשעפטיגען מיט אָט די געפערליכע און אומנוצליכע פראגען, וואס פארנעהמען אין דער וועלט א פלאַץ גאר ניט לפי זייער ערך: און צו וועלכע מען מוז נעמען א שטעלונג, ווייל מען שטויסט זיך אַן אויף זיי ביי יעדען טריט. אזוי ווי א געזונטע, איידעלע נשמה וואס שפריצט מיט קראפט און ליעבע וואלט ניט געהאט טויזענ־דער וויכטיגערע זאכען צו טאָן, ווי זיך צו באאומרוהיגען.

אויב עס איז דא א גאט, אדער ניט!... ווען עס וואלט זיך כאטש נאר געהאנדעלט וועגען דעם: צו גלויבען אין גאט? אבער מען מוז דאך גלויבען אין א י י ן גאט פון אזא און אזא גרויס, אדער פון אזא און אזא פארמע, פון אזא פארב און פון אזא און אזא ראסע! דאך וועגען דאס אליץ האט קריסטאף נאך ניט געטראכט. יעזוס האט אין זיינע געדאנקען כמעט גאר קיין פלאץ ניט פארנומען. עס איז געווען ניט דערפאר, ווייל ער האט איהם ניט ליעב געהאט: ווען ער פלעגט טראכטען וועגען איהם, פלעגט ער איהם דוקא האלט האבען, אבער ער פלעגט וועגען איהם ניט טראכ־טען. ער פלעגט אפט זיך מאכען פארוואורפען דאפיר„ עס פלעגט איהם פארדריסען און ער פלעגט ניט פארשטעהן, פאר־וואס אינטערעסירט ער זיך ניט מעהר מיט איהם. און דאך האט ער זיך געפיהרט פרום, זיין גאנצע פאמיליע האט זיך געפיהרט פרום און דער זיידע פלעגט ניט אויפהערען צו לייענען די ביבעל: ער פלעגט פינקטליך באזוכען די גאטעס־דינסטען. ער האט זאגאר אליין אנטייל גענומען אין דעם ביז צו א געוויסען גראד, ווייל ער איז געווען אן ארגאניסט. און ער פלעגט זיין אויפגאבע ערפילען מיט א מוסטערהאפ־טער געוויסענהאפטיגקייט. אבער עס וואלט איהם זעהר שווער געווען צו זאגען ביים פארלאזען די קירך, וועגען וואס ער האט דארט געטראכט. ער האט גענומען לייענען די הייליגע שריפטען, כדי זיינע געדאנקען קלאר צו מאכען: און איז אין דעם געווארען פאראינטערעסירט, זאגאר פארגעני־גען געהאט דערפון, אבער נאר ווי פון שעהנע, זאנדערבארע ביכער, וואס אונטערשיידען זיך ניט שטארק פון אנדערע ביכער, וועלכע קיינעם פאלט גאר ניט איין צו רופען הייליגע. דעם אמת זאגענדיג: אויב ער האט געפיהלט סימפאטיע

צו יעזוסען. האָט ער צו בעטהאָווענען געפיהלט אסך מעהר סימפּאַטיע. און זיצענדיג ביי דעם אָרגאַן אין סיינט־פּלאַרי־אָז־קירך, וואו ער פלעגט זונטאג שפּילען ביים גאָטעסדינסט, איז ער געוועזן פיעל מעהר פאַראינטערעסירט מיט זיין אָר־גאַן, איידער מיט דעם גאָטעסדיענסט: און אין די טעג, ווען די קאַפּעלע פלעגט שפּילען באַך'ן איז ער געוועזן פרומער ווי אין יענע טעג, ווען זי פלעגט שפּילען מענדעלסאָן. געוויסע צערעמאָניעס פלעגען איהם אריינברייגנען אין גרויס התלהבות. אבער צו עס איז טאַקע געווען גאָט, ווען ער פלעגט דאַמאָלט ליעבען, אדער נאר די מוזיק, ווי אַן אומ־פאַרזיכטיגער גייסטליכער האָט איהם איין מאָל באַמערקט מיט א שפּאַס, ניט טראַכטענדיג וואָס פאר א שטורם זיין שפּאַס האָט ארויסגערופען? אַז אַנדערער וואָלט גאר ניט געשאַנקען קיין אויפמערקזאַמקייט דערצו, און וואָלט א האָר ניט געענדערט אין זיין זאַרט לעבען (ווי פיעל מענשען פיהלען זיך באַקוועם ניט צו וויסען, וואָס זיי טראַכטען!) אבער קריסטאָף האָט געהאַט אַזא שטאַרקע תשוקה צו זיין גאר און גאר עהרליך, אַז ביי יעדער געלעגענהייט פלעגען אויף איהם ארויספּאַלען ספקות. און פון דעם טאָג אָן, ווען ער האָט זיי דערפיהלט, איז געוואָרען פאר איהם ניט מעגליך זיי ניט צו האָבען יעדען טאָג. ער האָט זיך געמאַטערט. עס האָט איהם זיך געדאַכט אַז ער האָנדעלט מיט דאָפּעלזיניגער פאַלשקייט. צו האָט ער געגלויבט, אדער ניט?... ער האָט ניט געהאַט ניט די מאַטעריעלע, ניט די גייסטיגע מיטלען (מען דאַרף דערצו האָבען פרייע צייט) אַליין צו באַשליסען די פראַגע: און דאָך האָט די פראַגע געמוזט פאַרענטפערט ווערן, כדי ער זאָל ניט ליידען פון דעם געדאַנק, אַז ער איז ענטוועדער א גלייכגילטיגער, אדער א היפּאָקריט. ער איז

אבער געווען אומפעהיג צו זיין ניט דאס איינע און ניט דאס אנדערע.

ער האט געפּרובירט פאַרזיכטיג אויסצופרעגען די מענ־שען ארום איהם. זיי אלע זיינען געווען ביי זיך זיכער. קריסטאַף האט געברענט מיט דעם פארלאַנג צו וויסען, פארוואס זיי גלויבען. דאס האט איהם זיך ניט איינגעגע־בען. מען פלעגט איהם כמעט קיין מאל ניט געבען קיין באשטימטען ענטפער: מען פלעגט שטענדיג פארקריכען אין א זייט. איינינע האבען איהם געהאלטען פאר א חצוף און איהם געזאגט, אז ווענען אזוינע זאכען רעדט מען בכלל ניט, אז טויזענדער קליגערע און בעסערע מענשען ווי ער האבען געגלויבט, ניט צווייפלענדיג, און אז ער דארף אויך טאן ווי זיי. עס זיינען געווען אויך אזוינע, וואס האבען געמאכט א בייזע מינע, ווי ער וואלט זיי פערזענליך באליי־דיגט. זיי שטעלענדיג אזוינע פראגען: און דאך זיינען עס פילייכט ניט געווען די, וואס זיינען זעהר שטארק זיכער געווען אין זייער גלויבען. אנדערע האבען געקוועטשט מיט די פּלייצעס און האבען באמערקט מיט א שמייכעל: „עס קאן ניט שאדען!" און זייער שמייכעל האט געזאגט: „און עס איז אזוי באקוועם...." אט די האט קריסטאַף פאראכטעט פון זיין גאנצען הארצען.

ער האט געפּרובירט פארטרויען זיינע ספקות צום גייסטליכען: אבער גלייך ביי דער ערשטער פראגע האט ער דערצו פארלארען דעם חשק. מען האט מיט איהם ניט געקאנט ערנסט דיסקוטירען. ווי העפליך דער גייסטליכער האט ניט גערעדט, האט ער דאך געלאזט קלאר פיהלען, אז צווישען איהם און קריסטאַף'ן איז קיין שום גלייכהייט ניטא: עס האט אויסגעוויזען שוין לכתחילה א באשלאסענע זאך.

אַז זיין גדלות טאָר ניט אָפּגעפּרעגט ווערן און אַז דער גע־שפּרעד קאָן ניט אַריבער די גרעניצען, וועלכע ער האָט באַשטימט כּדי איהם זאָל ניט ווערן אומבאַקוועם. דאָס איז געווען אַ פּאַראַד־שפּיעל אָהן שום געפאַר. ווען קריסטאָף האָט געוואָלט אַרויסגעהן פון די גרעניצען און שטעלען פראַגען. אויף וועלכע דעם ווירדיגען הערן האָט ניט געפּאַסט צו ענט־פערן, האָט יענער איהם אָפּגעפּטרט מיט אַ שמייכעל פון אויבען אַראָפּ, מיט עטליכע לאַטיינישע ציטאַטען און מיט אַ פּאַטערליכען בייזער מתפּלל צו זיין אַז גאָט זאָל איהם עפע־נען די אויגען. קריסטאָף האָט זיך געפיהלט דורך דעם העפליכען און אומגעדולדיגען טאָן געקריינקט און באַליי־דיגט. צו מיט רעכט, אָדער מיט אומרעכט, ער וואָלט פאַר קיין זאַך אין דער וועלט מעהר ניט געזוכט קיין ישועה פון אַ גייסטליכען. ער האָט מודה געווען אַז די מענשען שטע־הען העכער פאַר איהם דורך זייער אינטעליגענץ און הייליגען טיטעל; אָבער ווען מען דיסקוטירט אַ זאַך זיינען ניטאָ קיין העכערע און קיין נידעריגערע, ניט קיין טיטולען, ניט קיין עלטער, ניט קיין נאָמען: קיין זאַך ווערט ניט פאַרע־כענט ווי נאָר דער אמת. — און פאַר איהם איז די גאַנצע וועלט גלייך.

און דערפאַר איז ער גליקליך געווען צו געפינען אַ איינ־געל אין זיינע יאָהרען, וואָס האָט געגלויבט. ער אַליין האָט קיין אַנדער זאַך ניט געוואָלט ווי נאָר צו קאָנען גלוי־בען; און ער האָט געהאָפּט, אַז לעאָנאַרד וועט איהם געבען גוטע באַווייזען פאַר דעם. ער האָט געפּרובירט זיך מתקרב זיין מיט איהם. לעאָנאַרד האָט געענטפערט מיט זיין גע־וויינליכער ווייכקייט, אָבער אָהן התפּעלות: ער האָט פאַר קיין זאַך קיין התפּעלות ניט געהאָט. אַזוי ווי מען האָט ניט

געקאנט פיהרען אין הויז קיין אנהאלטענדען געשפרעך, ניט ווערענדיג יעדען אויגענבליק אונטערבראכען דורך אמאליע'ן אדער דורכ'ן אלטען. האט קריסטאף פארגעשלאגען א שפאַציר, אין אבענט, נאכ'ן עסען. לעאנארד איז געווען צו העפליך אום צו אנטזאגען, כאטש ער וואלט זעהר געוואלט זיך ארויסמאכען דערפון. ווארום זיין שלעפעריגע נאטור האט געהאט מורא פאר'ן געהן, פאר'ן געשפרעך, און פאר אלץ וואס האט איהם געקאנט קאסטען אנשטרענגונג.

קריסטאף האט ניט געוואוסט, ווי דעם געשפרעך אנצוהויבען. נאך צוויי אדער דריי ניט געראטענע באמערקונגען וועגען גלייכגילטיגע זאכען, האט ער זיך ארויפגעווארפען מיט אביסעל א ברוטאלער פלוצליכקייט אויף דער פראגע, וואס איז איהם געלעגען אויפ'ן הארצען. ער האט לעאנארד'ן געפרעגט, צו ער וויל טאקע באמת ווערן א גייסטליכער, און צו ער טוט עס ווייל איהם געפעלט עס? לעאנארד איז געווען איבערראשט, און האט געווארפען אויף איהם אן אומרוהיגען בליק: אבער ווען ער האט דערזעהן, אז קריסטאף האט ניט קיין פיינדליכע אבזיכטען, האט ער זיך באַרוהיגט.

„יא — האט ער געענטפערט — ווי אזוי האט עס געקאנט אנדערש זיין?"

„אך — האט קריסטאף געזאגט — איהר מוזט זיין גאנץ גליקליך!"

לעאנארד האט דערפיהלט אין קריסטאף'ס טאן אן אפקלאנג פון קנאה, און עס האט איהם הנאה געטאן. ער האט באלד געענדערט זיין האלטונג: ער איז געווארען גערירט, זיין געזיכט איז געווארען ליכטיגער.

„יא — האט ער געזאגט — איך בין גליקליך".

ער האָט געשטראַלט.

— „ווי אַזוי מאַכט איהר עס?" האָט קריסטאָף אַ פרעג געטאָן.

איידער לעאָנארד האָט געענטפערט, האָט ער פאַרגע־שלאָגען זיך אוועקצוזעצען אויף א רוהיגען באַנק אין אַן אַלעיע פון קלויסטער סענט־מאַרטין. פון דאָרט האָט מען געזעהן א ווינקעל פון דעם קליינעם פּלאַץ, באַפלאַנצט מיט אַקאַציעס, און הינטען — די שטאָדט און דאָס לאַנד, גע־באָדען אין דער טונקעלקייט פון אָבענט. דער רהיין האָט געשטראָמט צו פוסען פון בערגעל. אַן אַלטער, פאַרלאָזענער בית עלמין, וועמעס קברים עס זיינען געווען פאַרטרונקען אונ־טער אַ ים פון גראָז, האָט געשלאָפען לעבען זיי הינטער זיין פאַרשלאָסענעם פאַרקאַן.

לעאָנארד האָט אָנגעהויבען צו ריידען. ער האָט גע־רעדט מיט בלישצענדע אויגען, ווי גוט עס איז צו קאָנען אַנטלויפען פון לעבען, און צו געפינען אַן אָרט וואו מען איז און מען פאַרבלייבט אויף שטענדיג באַשיצט.

קריסטאָף, וואָס האָט נאָך געבלוטיגט פון זיינע פרישע וואונדען, האָט זעהר היים מיטגעפיהלט דעם פאַרלאַנג נאָך רוה און פאַרגעסענקייט: דאָך האָט דאָס זיך ביי איהם דורכגעמישט מיט באַדויערן. ער האָט אַ פרעג געטאָן מיט אַ זיפץ:

— „צו וועט אייך פון דעסטוועגען ניט זיין שווער איינצואַנצען זיך צו ענטזאָגען פון לעבען?"

„אַ — האָט דער אַנדערער געענטפערט גאַנץ רוהיג — וואָס זאָל מען דאָרט זשאַלעווען? צו איז עס ניט טרויעריג און מיאוס?"

„עס זיינען דאך פאראן שעהנע זאכען אויך" — האט קריסטאף געזאגט, קוקענדיג אויפ'ן שעהנעם אבענט.

„עס זיינען פאראן אביסעלע שעהנע זאכען, אבער ווייניג".

— „אט דאס ביסעל איז פאר מיר גאר אסך!"

„גוט! פאר מיר איז עס א פשוטער שכל הישר. פון איין זייט, אביסעל גוטס און א סך שלעכטס; פון דער אנדער זייט — אויף דער ערד ניט גוטס און ניט שלעכטס. און נאך דעם אן אייביגער גליק: צו איז דא ווענען וואס זיך צו קוויינקלען?"

קריסטאף האט ניט שטארק האלט געהאט דעם גאנצען חשבון. אזא אויסגערעכענטע לעבען האט איהם אויסגעוויזען זעהר ארים. פונדעסטוועגען האט ער זיך אנגעטאן א כח זיך צו איבערצייגען, אז אין דעם ליגט די חכמה.

— „אזוי, הייסט עס — האט ער באמערקט אביסעל איראניש — אז עס איז ניטא קיין געפאהר. דאס איהר זאלט זיך לאזען פארפיהרען דורך א שעה פארגניגען?"

„וואס פאר א שטות! ווען מען ווייס אז עס איז גאר א שעה און נאכדעם די גאנצע אייביגקייט!"

— „זייט איהר אזוי זיכער, מכח דער אייביגקייט?"

„גאנץ נאטירליך!"

קריסטאף האט איהם גענומען אויספרעגען. א ציטער פון ביינקעניש און האפענונג איז איהם דורכגעלאפען. אט אזוי וועט לעאנארד ענדליך איהם בריינגען זיכערע באווייזען פון גלויבען! מיט וואס פאר א התלהבות וואלט ער אליין זיך ענטזאגט פון דער גאנצער איבעריגער וועלט, כדי איהם נאכצוגעהן צו גאט.

אין אנהויב האט לעאנארד, שטאלץ אויף זיין ראלע

פון אן אפּאָסטאל, און דערצו נאָך איבערצייגט אז קריס־
טאָף'ס ספקות זיינען נאר אן אָנשטעל, און אז ער וועט האָ־
בען גענוג געשמאק אוועקצולייגען די וואפען ביי די ערשטע
אַרגומענטען, זיך גענומען פאר די הייליגע שריפטען, זיך גע־
שטיצט אויף די אוטאָריטעט פון דעם ברית חדשה, אויף די
נסים, אויף דער טראדיציע: אבער ער האָט אָנגעהויבען צו
ווערן אביסעל געפאלען ביי זיך, ווען קריסטאָף האָט איהם
איבערגעריסען די רייד, נאָכדעם ווי ער האָט עטליכע מינוט
איהם אויסגעהערט, ערקלערענדיג אז דאָס הייסט ענטפערן
מיט א פראגע אויף א פראגע, און אז ער בעט איהם ניט
פארנאנדערצולייגען פאר איהם דאס אין וואָס ער צווייפעלט.
נאר צו געבען א מיטעל ווי עס צו פארענטפערן. לעאָנאַרד
האָט געמוזט דאן איינזעהן, אז קריסטאָף איז פיעל קראנ־
קער, ווי עס האָט אויסגעוויזען, און אז ער מאכט די פּרע־
טענזיעס זיך צו לאָזען איבערצייגען נאר מיט שכל'דיגע באַ־
ווייזען. פונדעסטוועגען האָט ער נאָך אלץ געמיינט, אז קריס־
טאָף שפּיעלט נאר דעם פריידיינקער (אז ער מיינט עס
ערנסט, האָט ער זיך גאר ניט געקאָנט פארשטעלען.) ער
האָט אָבער זיך אינגאנצען ניט פארלאָרען און זייענדיג
ביי זיך שטאַרק מיט דער תורה, וואס ער האָט גאר ניט
לאַנג געלערנט, האָט ער זיך געווענדעט נאָך הילף צו זיינע
שולקענטנישען: ער האָט ארויסגעלייגט, מעהר מיט אוטאָ־
ריטעט איידער מיט א סדר, זיינע אלע מעטאַפיזישע באַווײ־
זען וועגען דער עקזיסטענץ פון גאָט און אומשטערבליכקייט
פון דער נשמה. קריסטאָף האָט שטיל זיך צוגעהערט אנ־
שטרענגענדיג דעם גייסט און צורונצלענדיג דעם שטערן: ער
האָט איהם געמאכט איבער'חזר'ן די ווערטער, זיך באמיהענ־
דיג צו פארשטעהן זייער באדייט, אין זיי זיך צו פארטיפען

און נאכצופאלגען זיינע שלוסען. אבער מיט אמאל איז ער אן אויפגעקאכטער געווארען, און האט ערקלערט, אז ער מאכט פון איהם חזק, אז דאס אלץ זיינען נאר שפיצלאך. מחזקות פון שעהנע רעדנער, וועלכע פאבריצירען די ווער־טער און האבען נאכהער געווים הנאה, זיך איינרייעדענדיג אז די ווערטער שטעלען מיט זיך פאר אמת'ע זאכען. לעאַ־נאַרד, א באליידיגטער, האט גענומען ערוב זיין פאר דעם גוטען גלויבען פון זיינע פארפאסער. קריסטאף האט גע־קוועטשט מיט די פלייצעס און שילטענדיג האט ער געזאגט, אז אויב זיי זיינען ניט קיין שארלאטאנעס, זיינען זיי פאר־שאלטענע ליטעראטען: און ער האט געפאדערט אנדערע באווייזען.

ווען לעאנארד האט מיט פארוואונדערונג באמערקט, אז קריסטאף איז אזוי קראנק, אז מען קאן איהם מעהר ניט אויסהיילען, האט ער אויפגעהערט זיך מיט איהם צו אינ־טערעסירען: ער האט זיך דערמאנט, אז מען האט איהם אנגעזאגט ניט צו פארלירען קיין צייט צו פיהרען וכוחים מיט אפקורסים, — ווייניגסטענס ווען זיי בלייבען דערביי ניט צו וועלען גלויבען. דאס הייסט ריזיקירען זיך אליין צו פארשאפען אומאנגענעמליכקייטען, ניט ברייננגענדיג דעם אנדערן קיין נוצען. בעסער וואלט געווען איבערצולאזען דעם אומגליקליכען צו דעם ווילען פון גאט, וועלכער וועט איהם שוין עפענען די אויגען, אויב עס וועט איהם באשערט זיין; און אויב ניט, ווער קאן דען האבען די העזה צו געהן געגען ווילען פון גאט? לעאנארד האט דערפאר ניט געזוכט אנצוהאלטען דעם וכוח. ער האט זיך באגנוגענט דערמיט, וואס ער האט זים דערקלערט, אז לעת־עתא קאן מען גאר ניט מאכען, אז קיין שכל'דיגע באווייזען זיינען ניט אימשטאנד

אַנצואווייזען דעם וועג, אויב מען איז ניט גרייט דעם וועג צו זעהן; און אז מען מוז מתפּלל זיין און בעטען פון גאָט גנאַד: קיין זאַך איז ניט מעגליך אָהן דעם: אום צו גלויבען מוז מען עס פאַרלאַנגען, מוז מען עס וועלען.

„וועלן? — האָט קריסטאָף ביטער געטראַכט. הייסט עס, אז גאָט וועט עקסיסטירען, ווייל איך וויל אז ער זאָל עקסיסטירען! הייסט עס, אז דער טוידט וועט מעהר ניט עקסיסטירען, ווייל מיר וועט זיך וועלן איהם אָפּלייקענען!... און!... ווי לייכט איז דאָס לעבען פאַר די, וואָס האָבען ניט דעם פאַרלאַנג צו זעהן דעם אמת; פאַר די וואָס האָבען דעם כח צו זעהן דאָס, וואָס זיי ווילט זיך זעהן, און פאַר זיך צו צוטראַכטען שעהנע חלומות, אדער ווייך צו שלאָפען!"
קריסטאָף איז געווען זיכער, אז אין אזא בעט וועט ער קיינמאָל ניט שלאָפען...

לעאָנאַרד האָט ווייטער גערעדט. ער איז אַרויפגעפאָהרען אויף זיין געליעבטע טעמע: די זיסקייט פון לעבען אלס פּרוש! און אויף דער ניט געפערליכער טעריטאָריע האָט ער געקאָנט רייזען אָהן א סוף. מיט זיין מאָנאָטאָנער שטים, וואָס האָט געציטערט פון פאַרגעניגען, האָט ער גערעדט וועגען די פרייד פון א לעבען אין גאָט, מחוץ און איבער דער וועלט, ווייט פון טומעל וועגען וועלכען ער האָט גערעדט מיט א פּלוצליכען אויסדרוק פון האָס (ער האָט עס געהאַסט כמעט אזוי שטאַרק ווי קריסטאָף), ווייט פון געוואַלט, ווייט פון בייזקייט, ווייט פון די קליינע צרות פון וועלכע מען ליידעט יעדען טאָג — שטענדיג אין וואַרימען און זיכערן נעסט פון גלויבען, פון וואַנענט מען באַטראַכט אין פריידען די אומגליקען פון דער ווייטער און פרעמדער וועלט. ווען קריסטאָף האָט איהם געהערט ריידענדיג אזוי, האָט ער געגנר־

מען פארשטעהן דעם עגאאיזם פון אזא גלויבען. לעאנארד האט עס געפיהלט און זיך געאיילט צו ערקלערען די זאך... אזא לעבען פון א פרוש איז ניט קיין פוסטער לעבען. פאר־קערט: מען טוט מעהר אויף דורך תפלות איידער דורך אר־בייט; וואס וואלט די וועלט געווען אהן תפלות? מען נעמט אויף זיך א תשובה פאר אנדערע; מען ציהט אויף זיך ארויף זייערע זינד און מען שענקט זיי די אייגענע אויפטואונגען: מען ווערט דער שתדלן פאר דער וועלט ביי גאט.

קריסטאף האט זיך צוגעהערט, שווייגענדיג מיט א וואקסענדער פיינדשאפט. ער האט געפיהלט ביי לעאנארד'ן די היפאקריטסטווא פון אט דעם ענטזאגען זיך פון דער וועלט. ער איז ניט געווען אזוי אומגערעכט עס צו פאר־דעכטיגען ביי יעדען איינעם, וואס גלויבט. ער האט גע־וואוסט זעהר גוט, אז אזא ענטזאגען זיך פון לעבען באדייט ביי א קליינער צאהל די אומפעהיגקייט, א הארצרייסענדע פארצווייפלונג, דאס זוכען דעם טוידט. — אז ביי נאך א קלענערער צאהל איז עס א ליידענשאפטליכע התלהבות... (ווי לאנג האלט זי אן?...) אבער צו איז עס ניט ביי דאס רוב מענשען גאנץ אפט א קאלטער חשבון פון נשמות פאר וועל־כע זייער אייגענע רוה איז פיעל וויכטיגער ווי דאס גליק פון אנדערע, אדער פון דעם אמת? ווי שטארק מוזען די אויפריכ־טיגע הערצער ליידען בעת זיי באמערקען ווי זייער אידעאל ווערט אזוי פארמאוסט?...

לעאנארד, איינגאנצען א גליקליכער, האט איצט אנט־וויקעלט די גאנצע שעהנקייט און הארמאניע פון דער וועלט. ווי מען זעהט עס פון דער הויך פון זיין געטליכען שטייג. אונטען איז אלץ געווען טרויעריג, אומגערעכט, שמערצליך: אויבען ווערט אלץ רייז, ליכטיג, אין גוטער ארדנונג:

די וועלט איז געגליכען צו א זייגער, וואס איז וואונדערבאר צוזאמענגעשטעלט...

קריסטאָף האט זיך צוגעהערט גאנץ צעשטרייט. ער האט זיך געפרעגט: „צו גלויבט ער? אדער צו גלויבט ער, אז ער גלויבט? דאך זיין אייגענער גלויבען, זיין ליידענשאפטליכער פארלאנג צו גלויבען איז ניט געווען גערירט. ניט די מיטעלמעסיגקייט פון דער נשמה און ניט די ארימקייט פון די ארגומענטען פון אזא שוטה ווי לעאנארד האבען עס געקאנט שאדען ברייננגען.

די נאכט האט זיך אראפגעלאזען איבער דער שטאדט. דער באנק אויף וועלכער זיי זיינען געזעסען, איז געווען מיט פינסטערניש באדעקט: די שטערן האבען זיך צעפלאמט, א ווייסער טוי האט זיך אויפגעהויבען פון טייך, די גרילען האבען געפישצעט אונטער די בוימער פון בית עלמין. די גלאקען האבען אנגעהויבען צו קלינגען. איין אנהויב גאר אליין, דער ערשטער, ווי א קלאגענדע פויגעל, פרעגענדיג דעם הימעל: דאן האט א צווייטער און א דריטער, נידעריגער זיך ארייננגעמישט אין דעם יאמער: צולעצט איז געקומען דער נידעריגסטער, דער פינפטער און האט אויסגעוויזען זיי צו ענטפערן. די דריי האבען זיך צוזאמענגעגאסען. אויף דעם שפיץ פון די טורעמס איז געווען א זשוזשעריי ווי פון א מעבטיגען בינשטאק. די לופט און דאס הארץ האבען געציטערט. קריסטאָף מיט איינגעהאלטענעם אטעם האט געטראכט ווי ארים מוזיק און מוזיקער זיינען אין פארגלייך מיט אט דעם ים פון טענער, אין וועלכע טויזענדער ברואים ברומען: דאס איז די ווילדע פאונא, די פרייע וועלט פון קלאנגען אין הפּוך צו דער וועלט וואס איז איינגעצאמט, קאטאלאגיזירט, קאלט געווארען דורך דעם מענשליכען שכל.

ער האט זיך פארלארען אין אט דער שאלענדער אומענדליכ־
קייט אהן ברעגעס, און אהן גרענעצען...

און ווען דאס מעכטיגע ברומען איז געווען צו ענד,
ווען די לעצטע ציטערונגען פון דער לופט זיינען אפגעשטאר־
בען, האט קריסטאף זיך אויפגעכאפט. ער האט זיך ארומ־
געקוקט א צעמישטער... ער האט מעהר קיין זאך ניט דער־
קענט. אלץ איז געווארען אנדערש ארום איהם, אין איהם.
עס איז מעהר קיין גאט ניט געווען...

פונקט ווי דער גלויבען, איז אויך אפט דאס פארלירען
פון גלויבען אן אומערווארטעטע מתנה, א פלוצליכעס ליכט.
דער שכל האט דערמיט גאר ניט צו טאן. עס איז גענוג
עפעס א גאר נישט: א ווארט, א שווייגען, א קלונג פון א
גלאק. מען געהט שפאצירען, מען חלומט, מען טראכט
פון גאר נישט. פלוצלונג ווערט אלץ צוזאמענגעבראכען. מען
איז אליין: מען גלויבט מעהר ניט.

קריסטאף, א צושראקענער, האט ניט געקאנט פאר־
שטעהן, ווי אזוי דאס אלץ איז געווען. עס איז געווען ווי אן
אויסברוך פון א שטראם אין פרילינג...

לעאנארד'ס שטים האט ווייטער געקלונגען נאך מאנא־
טאנער ווי די שטים פון א גריל. קריסטאף האט מעהר
ניט געהערט. די נאכט האט זיך אין גאנצען צושפרייט.
לעאנארד האט זיך אפגעשטעלט. איבערראשט פון קריס־
טאף'ס אומבאוועגליכקייט, אומרוהיג וואס איז אזוי שפעט,
האט ער פארגעשלאגען צו געהן צוריק אהיים. קריסטאף
האט ניט געענטפערט. לעאנארד האט איהם גענומען פאר'ן
האנט: קריסטאף האט א ציטער געטאן און געקוקט אויף
לעאנארד'ן מיט צומישטע אויגען.

„קריסטאָף, מען דאַרף געהן אהיים" — האָט לעאָנאַרד געזאָגט.

— „געה צום טייוועל!" — האָט קריסטאָף געשריען פול מיט כעס.

„מיין גאָט! קריסאָף, וואָס האָב איך דיר געטאָן?" האָט לעאָנאַרד געפרעגט א דערשראָקענער.

— „יא, דו האָסט רעכט, מיין גוטער יונג" — האָט ער געזאָגט אין א ווייגענדען טאָן — איך ווייס ניט, וואָס איך רייד. געה צו גאָט! געה צו גאָט!"

ער איז געבליבען אליין. זיין הארץ איז געווען פול מיט פארצווייפלונג.

— „אך! מיין גאָט! מיין גאָט! — האָט ער געשריען דריקענדיג זיך די הענט און אויפהויבענדיג דעם קאָפּ צום שווארצען הימעל — פאר וואָס גלויב איך ניט מעהר? פאר וואָס קאָן איך מעהר ניט גלויבען? וואָס איז מיט מיר געשעהן?"...

עס איז געווען א גרויסער מהלך צווישען דער צושטערונג פון א גלויבען און דעם געשפּרעך, וואָס ער האָט אקארשט געהאַט מיט לעאָנאַרד'ן: עס איז געווען קלאָר, אז דער געשפּרעך איז געווען ניט מעהר שולדיג אין דעם. ווי אמאָליעם קריגערייען און די לעבערליכקייט פון זיינע בעלי־בתים זיינען געווען די אורזאַכען פון דעם איבערקערעניש. וואָס איז אין די לעצטע טעג פארגעקומען אין זיינע מאראַ־לישע באשלוסען. דאָס זיינען מעהר ניט פריצעפּקעס. דער אויפשטאַנד איז געקומען ניט פון דרויסען. אין איהם איז דער אויפשטאַנד געווען. ער האָט געפיהלט ווי אין זיין הארצען באוועגען זיך אומבעקאַנטע שרעקליכע ברואים. און ער האָט ניט געוואָגט זיך איינצובויגען איבער זיינע אייגענע

געדאנקען, כדי צו קוקען זיין צרה גלייך אין די אויגען... זיין צרה? צו איז עס געווען א צרה? בענקעניש, שכרות, גאוה׳דיגע מאטערנישען זיינען איהם באפאלען — ער האט מעהר ניט באלאנגט צו זיך אליין. אומזיסט האט ער גע־זוכט זיך צו באפעסטיגען אין זיין נעכטיגען שטרענגען זארט לעבען. אלץ איז צוזאמענגעבראכען מיט אמאל. ער האט פלוצלונג באקומען די חושים פון דער וויטער וועלט, דער ברענענדיגער, ווילדער וועלט אהן א ברעג... ווי ווייט זי שווימט אריבער איבער גאט!...

עס איז געווען נאר איין אויגענבליק. אבער עס איז גע־ווען אוים מיט דעם גאנצען גלייכגעוויכט פון זיין פריהער־דיגען לעבען.

פון דער גאַנצער פאַמיליע איז נאָר איין פּערזאָן געווען. וועמען קריסטאָף האָט ניט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמ־קייט: דאָס איז געווען די קליינע ראָזע. זי איז גאָר ניט געווען קיין פּאַרשויז, און קריסטאָף, וואָס איז אַליין אויך געווען ווייט פון שעהן איז פונדעסטוועגען געווען זעהר אַ גרויסער מקפּיד אויף די שעהנקייט פון אַנדערע. ער האָט געהאַט די רוהיגע גרויזאַמקייט פון דער יוגענד, פאַר וועלכע אַ פרוי עקסיסטערט ניט, אויב זי איז העסליך — וויי־ניגס־טענס ווען זי איז ניט אריבער דעם עלטער, ווען זי רופט אַרויס צערטליכע געפיהלען און איז ניט נאָר באַרעכטיגט צו ערנסטע, רוהיגע, בלומרשט רעליגיעזע געפיהלען. ראָזע האָט זיך אויסערדעם ניט אויסגעצייכענט מיט קיין באַזונדערע מעלות. באַטש עס האָט איהר ניט געפעהלט קיין אינטעלי־גענץ, איז זי געווען אַזאַ פּלוידערזאַק, אַז קריסטאָף האָט געוויכען פון איהר. ער האָט זיך קיין מאָל ניט געגעבען די מיה זיך נאָהענטער מיט איהר צו באַקענען: ער פלעגט קוים אויף איהר אַ קוק טאָן.

און דאָך איז זי מעהר ווערטה געווען ווי אַסך יונגע מיידלאַך: יעדענפאַלס פיעל מעהר ווערטה ווי די, אַזוי שטאַרק געליעבטע, מינאַ. זי איז געווען אַ גוטע קליינע מיידעל, אָהן גאווה, און ביז קריסטאָף׳ס קומען האָט זי גאָר ניט געמערקט, אַז זי איז מיאוס, און האָט זיך וועגען דעם גאָר ניט געזאָרגט; ווארום אַלע אַרום איהר האָבען זיך ווע־גען דעם ניט געזאָרגט. ווען עס פלעגט געשעהן אַז דער

זיידע אדער די מוטער פלעגען עס איהר ארויסזאגען, זיך בייזערנדיג אויף איהר, פלעגט זי נאר לאכען: זי האט עס ניט געגלויבט, ניט געלייגט אויף דעם קיין וויכטיגקייט און זיי — אויך ניט. עס האבען זיך געפונען אסך אזוינע מיאוסע און נאך מיאוסערע, וואס זיינען געליעבט געווארען! די דייטשען זיינען זעהר לייט מוחל פיזישע חסרונות: זיי זיינען בכח עס גארניט צו באמערקען, זיי זיינען זאגאר בכח עס צו באפוצען מיט דער הילף פון דער פאנטאזיע, וועלכע געפינט אויס אומערווארטעטע באציהונגען צווישען אזוינע פנים'ער און די בארימטעסטע מוסטערן פון מענשליכער שעהנקייט. עס איז ניט נויטיג געווען זעהר שטארק איבער־צוריידען דעם אלטען איילער'ן, אז ער זאל ערקלערן, דאס זיין איניקעל האט די נאז פון יוניאן לודאוויסי. צום גליק איז ער געווען צו בייז צו מאכען קאמפלימענטען. און ראזע, וואס איז געווען גלייכגילטיג צו דער פארמע פון איהר נאז, האט איהר גאנצען עהרגייץ אוועקגעלייגט צו ערפילען איהרע פליכטען און דער בעלהבתישקייט, לויט די אנגענומענע מנהגים. זי האט אנגענומען פאר הייליג אלץ וואס מען האט איהר געלערנט. אזוי ווי זי פלעגט זעהר וויינייג אויס־געהן, האט זי געהאט וויניג מעגליכקייטען צו פארגלייכען. און האט דערפאר גאנץ נאיוו באוואונדערט די אייגענע, און געגלויבט וואס זיי האבען געזאגט. פון דער נאטור א גאר גוטע, פארטרויליכע און לייכט צופרידענע, פלעגט זי זיך נעהמען צום הארצען פון יעדען טרויעריגען טאן פון הויז און פלעגט געהארכזאם נאכזאגען די אלע פעסימיסטישע באטראכטונגען, וואס זי האט זיך אנגעהערט. זי האט גע־האט א הארץ פול פון איבערגעבענקייט, און האט שטענדיג געטראכט וועגען אנדערע, זוכענדיג זיי צו פארשאפען פאר־

גניגען, אנטייל צו נעהמען אין זייערע זארגען, צו טרעפען זייערע פארלאנגען, נאר פון דעם באדארף צו ליעבען אַהן דעם געדאַנק וועגען געגען־ליעבע. גאַנץ נאַטירליך האַט איהר פאמיליע עס אויסגענוצט. כאָטש זיי זיינען געווען גוט און האָבען איהר האַלט געהאט: מען איז שטענדיג גענייגט צו מיסברויכען די ליעבע פון די, וואָס זיינען אינגאנצען איבעריג איבערגעבען. מען איז געווען אזוי זיכער אין איהר אויפמערקזאמקייט, אז מען איז איהר שוין גאר ניט געווען דאַנקבאר. וואס זי האַט געטאָן, האַט מען ערווארט נאָך מעהר. דערצו איז זי געווען ניט געשיקט: זי איז געווען האסטיג און אומגעדולדיג: איהרע באוועגונגען זיינען געווען פלוצליכע און אינגעלשע, זי האַט געהאט אויסברוכען פון צערטליכקייטען, וואס האָבען געפיהרט צו קאטאסטראָפען. איינמאָל איז עס געווען א צובראָכענע גלאָז, אדער אן איבערגעקעהרטער קרוג, אדער א האסטיג צוגעמאכטע טיר: אלץ זאכען וואס פלעגען ארויסרופען געגען איהר דעם צאָרן פון גאנצען הויז. שטענדיג פלעגט מען אויף איהר שרייען, און זי פלעגט שטיל אוועק אין א ווינקעל און זיך אויסוויינען. איהרע טרערען האָבען לאנג ניט אנגעהאלטען. זי פלעגט באלד ווידער האָבען א שטראלענדע געזיכט און זיך אוועקלאָזען פלוידערן, אָהן דעם שאטען פון א פאריבעל אויף וועמען עס איז.

קריסטאָף'ס קומען איז געווען א גרויסע פאסירונג אין איהר לעבען. זי האַט אָפט געהערט ווי מען האַט גערעדט וועגען איהם. קריסטאָף האַט פארנומען אן אָרט אין די געשפרעכען פון שטאָדט. ער איז געווען א מין לאָקאלע בארימטקייט: זיין נאָמען איז אָפט דערמאָנט געווארען אין די געשפרעכען פון הויז. באזונדערס ווען עס האַט נאָך גע־

לעבט דער אלטער זשאן־מישעל, וועלכער פלעגט פון גרוים שטאלץ מיט איהם זינגען זיינע שבחים פאר אלע באקאנטע. ראזע האט דעם יונגען מוזיקאנט באמערקט איין מאל אדער צוויי מאל אויף די קאנצערטען. ווען זי האט דערהערט אז ער וועט וואהנען ביי זיי, האט זי געפּאטשט מיט די הענט. שטריינג אויסגעזידעלט פאר אזא ניט קאנען זיך האלטען, איז זי גאר געווארען צעמישט. זי האט קיין בייז אין דעם ניט געזעהן. אין אזא לאנגווייליגען לעבען ווי איהרס איז א נייער גאסט געווען א גאר אומערווארטעטע צעשטרייאונג. זי האט פארבראכט די לעצטע טעג פאר זיין אנקומען אין א פיבער פון ערווארטונג. זי איז געווען אין טוידט־שרעק טאָ־מער וועט איהם דאס הויז ניט געפעלען ווערן, און זי האט זיך באמיהט צו מאכען די צימערן אויסצוקוקען אזוי גוט ווי נאר מעגליך. זי האט זאגאר געבראכט דעם פריהמאר־גען פון זיין אנקומען א בוקעט בלומען, און עס אוועקגע־שטעלט אויפ׳ן קאמין, אלס באגריסונג. זי אליין אבער האט קיין זאך ניט געטאן אויסצוזעהן בעסער: און דער ערשטער בליק, וואס קריסטאף האט איהר צוגעווארפען איז געווען געענוג, אז ער זאל איהר געפינען פאר מאוס און שלעכט גע־קליידעט. זי האט איהם ניט אזוי געאורטיילט, כאטש זי האט געהאט גענוג אורזאכען דאפיר, ווארום דער פארהאַ־וועטער, אויסגעמאַטערטער, אויסגעמאגערטער קריסטאף איז געווען נאך מאוסער ווי געוויינליך. אבער ראזע וואס איז ניט געווען פעהיג צו טראכטען שלעכט וועגען וועמען עס זאל ניט זיין: ראזע וואס האט געהאלטען איהר זיידען. איהר פאטער און איהר מוטער פאר עכטע פארשוינען, האט ניט פארפעהלט צו זעהן קריסטאף׳ן ווי זי האט ערווארט איהם צו זעהן, און זי האט איהם באוואונדערט פון גאנצען

הארצען. זי איז געווען שטארק דערשראָקען איהם צו האבען פאר א שכן ביים טיש; און צום אומגליק האָט איהר איינגעשראָקענקייט זיך אויסגעדריקט אין אזא שטראם פון ווערטער, וואס האָט איהר פון ערשטען אויגענבליק אָן דערווייטערט פון קריסטאָף׳ס סימפאטיעס. זי האָט עס ניט באַמערקט, און דער ערשטער אבענט איז דעם גאנצען לעבען פארבליבען איהר געדאנקען ווי א ליכטיגע ערינערונג. אליין אין איהר צימער. נאָכדעם ווי יענע זיינען ארויף צו זיך, האָט זי געהערט די טריט פון די נייע געסט ארומגעהענדיג איבער איהר קאָפּ; און דער גערויש האָט אָפּגעקלונגען אין איהר מיט פרייד. דאס הויז האָט איהר אויסגעוויזען ווי אויפגעלעבט.

אויף מאָרגען האָט זי צום ערשטען מאָל זיך איינגעקוקט אין שפּיגעל מיט א באזאָרגטער אויפמערקזאמקייט; און זיך נאָך ניט אָפּגעבענדיג קיין חשבון וועגען די גרוים פון איהר אומגליק, האָט זי אנגעהויבען עס צו פיהלען. זי האָט געפּרובירט אורטיילען וועגען איהרע געזיכטסצוגען, איינע ביי איינע, אבער דאס האָט איהר זיך ניט איינגעגעבען. זי האָט געהאט טרויעריגע פאָרגעפיהלען. זי האָט טיף אָפּגעזיפצט. און האָט געוואלט איינפיהרען וועלכע עס איז ענדערונגען אין איהר טואַלעט. אבער זי האָט אויף אזוי ווייט אויפגעטאָן. זיך נאָך מיאוסער צו מאַכען. עס איז איהר איינגעפאלען דער אומגליקליכער געדאנק קריסטאָף׳ן צו דערנעהמען מיט איהר אויפמערקזאמקייט. אין איהר נאַיוועז פארלאנג צו זעהן איהרע נייע פריינד וואס אפטער, און פאר זיי עפּעס צו טאָן, פלעגט זי יעדע מינוט ארויף און אראָפּלויפען די טרעפּ, מיטשלעפּענדיג מיט זיך יעדעס מאָל א אומנוצליכע זאך, און צושטעהן זיי צו העלפען און דערביי שטענדיג לאַ־

כען, פֿלוידערן און שרייען. נאָר די אומגעדולדיגע שטים פֿון איהר מוטער האָט געקאָנט אונטערברעכען איהר ברען און איהרע ריידערייען. קריסטאָף האָט געהאט אַ זויערע מינע. ווען ניט זיינע באַשלוסען צו זיין גוט, וואלט ער שוין צוואַנ־ציג מאָל ארויסגעפּלאצט. צוויי טעג האָט ער אויסגעהאלטען: אויפ'ן דריטען טאָג האָט ער פֿארמאכט די טיר אויפ'ן שלאָס. ראָזע האָט אַנגעקלאַפּט, גערופען — האָט אָבער פֿארשטאַ־נען, איז ארונטער אַ צומישטע, און האָט מעהר שוין ניט אַנגעהויבען. ער האָט ערקלעהרט, ווען ער האָט איהר גע־זעהן, אז ער איז געווען פֿארנומען מיט אַ וויכטיגער ארבייט און האָט ניט געקאָנט ווערן געשטערט. זי האָט מיט הכנעה זיך ענטשולדיגט. זי האָט זיך מעהר ניט געקאָנט נארען וועגען דעם דורכפֿאל פֿון איהרע אומשולדיגע חנדלאַך. עס האָט געווירקט פּונקט קאַפּויר, עס האָט קריסטאָף'ן דערוויי־טערט. ער האָט מעהר זיך ניט באַמיהט צו באַהאַלטען זיין שלעכטע לוינע: ער פֿלעגט זאָגאר זיך ניט צוהערען. ווען זי פֿלעגט ריידען און פֿלעגט ניט פֿארדעקען זיין אומגעדולד. זי האָט געפֿיהלט אז איהר פֿלוידעריי ערגערט איהם, און עס האָט זיך איהר איינגעגעבען דורך אנשטרענגונג פֿון ווילען צו שווייגען אַ טייל פֿון אָבענט: דאָס איז אָבער געווען אי־בער איהרע כחות: פּלוצלונג האָט זי ווידער אַנגעהויבען איהר מוזיק: און איהרע ווערטער האָבען זיך געגאָסען נאָך מעהר גערוישיג ווי ווען עס איז. קריסטאָף האָט איהר אי־בערגעלאָזען אין מיטען פֿון אַ זאַץ. זי איז ניט געווען בייז אויף איהם דערפֿאַר. זי איז געווען בייז אויף זיך. זי האָט זיך געהאלטען פֿאַר נאַריש, לאַנגווייליג, לעכערליך: אַלע איהרע פֿעהלערן זיינען איהר אויסגעקומען געוואלטיג גרויס. זי האָט געוואלט זיי באַקעמפֿען. אָבער זי האָט פֿארלאָרען

דעם מוט צוליב דעם דורכפאַל פון איהר ערשטער אנשטרענגונג. און זי האָט זיך אליין געזאָגט, אז זי וועט עס קיינמאָל ניט קאָנען, אז זי האָט ניט די קראַפט דערצו. פונדעסטוועגען האָט זי פון דאס ניי פּרובירט.

אבער זי האָט געהאט אנדערע חסרונות געגען וועלכע זי האָט קיין זאַך ניט געקאָנט טאָן: וואָס קאָן מען טאָן געגען העסליכקייט? וועגען דעם האָט זי מעהר קיין שום ספק ניט געקאָנט האָבען. די געוויסהייט פון איהר אומגליק איז איהר איין טאָג געקומען גאַנץ פּלוצלונג, ווען זי האָט אויף זיך א קוק געטאָן אין שפּיגעל. עס איז געווען ווי א דונערשלאָג. נאַטירליך האָט זי נאָך שטאַרק מגזם געווען איהר אומגליק: זי האָט געזעהן איהר נאָז צעהן מאָל אזוי גרויס ווי אין אמת'ן: עס האָט איהר אויסגעוויזען, ווי די נאָז וואָלט פארנומען די גאַנצע געזיכט. זי האָט מעהר ניט געוואָגט זיך צו באווייזען. און האָט געוואָלט שטאַרבען. אבער די יוגענט באַזיצט אזא כח פון האָפענונג, אז אזוינע אויסברוכען פון פארצווייפלונג האַלטען לאַנג ניט אָן: זי האָט שפּעטער זיך איינגערעדט, אז זי האָט זיך גענאַרט: זי האָט געזוכט זיך עס צו מאַכען גלויבען און איז א מינוט זאָגאר דערגאַנגען אזוי ווייט, אויסצוגעפינען אז איהר נאָז איז גאַנץ נאָר אמאָל און זאָגאר גאַנץ שעהן. איהער ווייבערשער אינסטינקט האָט איהר איצט געמאַכט צו זוכען, כאָטש זעהר ניט געראָטען, אלערליי קינדערשע תרופות: די האָר אזוי צו פארקאַמען, אז דער שטערן זאָל זיך ווייניגער ארויסזעהן און די פארקרימטקייט פון געזיכט זאָל זיך ניט וואַרפען אזוי אין די אויגען. דאס האָט זי ניט געטאָן פון קאָקעטעריי: קיין געדאַנקען וועגען ליעבע איז איהר אויפ'ן זינען ניט געקומען, אדער זי האָט עס אליין ניט געוואוסט. זי האָט

פארלאנגט אזוי ווייניג: גאר ניט מעהר, ווי א קליין ביסעל פריינדשאפט: אבער קריסטאף איז ניט געווען אויפגעלייגט, אפילו אט דאס ביסעל איהר צו שיינקען. ראזע האט געמיינט אז זי וועט זיין גאנץ גליקליך, אויב ער וועט ביים טרעפען זיך איהר זאגען א פריינדליכען גוט מארגען און גוט נאכט. אבער קריסטאף'ס בליק איז געוויינליך געווען אזוי הארט און אזוי קאלט! זי איז ווי פארגליווערט געווען דערפון. אמת איז, אז ער האט איהר קיין אומאנגענעמליכקייטען ניט געזאגט: אבער זי וואלט בעסער פארגעצויגען. פארוואורפען, איידער דאס גרויזאמע שווייגען.

איין אבענט איז קריסטאף געזעסען ביים קלאוויר און האט געשפילט. ער האט זיך פארקליבען אין א שאלקע, גאר אויבען אין הויז, כדי אביסעל וויינעגער צו ווערן געשטערט פון טומעל. ראזע האט אונטען זיך צוגעהערט, שטארק געריהרט. ז יהאט האלט געהאט מוזיק, כאטש איהר געשמאק, וועלכער איז קיינמאל ניט געווען אויסגעבילדעט, איז געווען א שלעכטער. אזוי לאנג ווי די מוטער איז געווען דארט, איז זי פארבליבען אין א ווינקעל, אריבערגעבויגען איבער איהר ארבייט, און עס האט אויסגעוויזען, ווי זי וואלט געווען שטארק פארנומען מיט דער ארבייט: אבער איהר נשמה איז געווען צוגעבונדען צו די טענער, וואס זיינען געקומען דארט פון אויבען און פון וועלכע זי האט גאר ניט געוואלט פארלירען. אזוי גיך ווי אמאליע איז צום גליק אוועק אויפ'ן וועג צו די שכנות, האט ראזע זיך שנעל אויפגעהויבען, האט אוועקגעווארפען די ארבייט און איז מיט א קלאפענדען הארצען ארויפגעקראכען אויף דער שאלקע. זי האט איינגעהאלטען דעם אטעם און צוגעלייגט דעם אויער צו דער טהיר. זי איז אזוי פארבליבען ביז אמאליע איז

צוריק געקומען. זי איז געגאנגען אויף די שפיץ פינגער, און האט זיך שטארק געהיט ניט צו מאכען קיין גערויש: אבער אזוי ווי זי איז געווען ניט זעהר געשיקט און דערצו האט זי זיך שטענדיג געאיילט, האט זי שטענדיג געהאלטען ביים אראפקייקלען זיך פון די טרעפ. און איינמאל ווען זי האט זיך צוגעהערט, דער קערפער איינגעבויגען און דער אויער צוגעדריקט צום לאך פון שליסעל, האט זי פארלארען דאס גלייכגעוויכט און אפגעקלאפט דעם שטערן אן טיר. זי האט זיך אזוי דערשראקען, אז זי האט פארלארען דעם אטעם. דער קלאוויר איז פלוצלונג אנטשוויגען געווארען. זי האט מעהר קיין כח ניט געהאט זיך צו ראטעווען. זי האט זיך אויפגעהויבען, ווען די טיר האט זיך געעפענט. קריסטאף האט איהר דערזעהן, און האט איהר א שליידער געטאן א דערצארנטערן בליק: נאכהער, ניט אויסריידענדיג קיין ווארט, האט ער איהר גראב א שטויס געטאן אן א זייט, איז מיט־כעם ארונטער די טרעפ, און איז אוועק. ערשט צום עסען איז ער געקומען צוריק, און ניט געשאנקען קיין אויפמערקזאמקייט צו איהרע פארצווייפעלטע בליקען, וועלכע האבען געבעטען אום ענטשולדיגונג, האט זיך געהאלטען ווי זי וואלט גאר ני טעקסיסטירט, און האט עטליכע וואכען איז גאנצען אויפגעהערט צו שפילען. ראזע האט וועגען דעם שטילערהייט פארגאסען גענוג טרערען: קיינער האט עס ניט באמערקט, ווייל קיינער האט איהר קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשאנקען. זי האט היים געבעטען גאט... וועגען וואס? זי האט אליין ניט געוואוסט. זי האט געמוזט איהרע צרות וועמען עס איז פארטרויען. זי איז געווען זיכער, אז קריסטאף האסט איהר.

און ניט קוקענדיג אויף אלץ, האט זי דאך געהאפט. עס

איז נעוועז געגוג, אז קריסטאף זאל איהר ארויסווייזען וועל־כען עס איז סמן פון אינטערעס, אז ער זאל הערען וואס זי זאגט, אז ער זאל איהר דריקען די האנט פריינדליכער ווי געוועהנליך...

עטליכע נארישע ווערטער פון איהר משפחה האבען איהר פאנטאזיע ארויסגעפיהרט אויף א גאנץ פאלשען וועג.

די גאַנצע פאַמיליע איז געווען פול מיט סימפּאַטיע צו קריסטאָף'ן. דער גרויסער, זעכצעניאָהריגער בחור'ל, אַזוי ערנסט און איינזאַם, מיט אַזאַ הויכען גדאַנק וועגען זיינע פּליכטען, האָט ביי זיי אַרויסגערופען גרויס אַכטונג. די אויסברוכען פון זיין שלעכטער לוינע, זיין פּאַרעקשענטער שווייגען, זיין אומעטיגער אויסזעהן און זיינע גראָבע מאַניערען האָבען בשום אופן ניט געקאָנט אַרויסרופען קיין פאַרוואונדערונג אין אַזאַ הויז. אפילו פרוי פאָגעל, וואָס האָט געקוקט אויף יעדען קינסטלער ווי אויף אַ פּוילאַק, האָט ניט געהאַט די העזה אויף איהם צו באַפאַלען און איהם צו מאַכען פאַרוואורפען, ווי איהר וואָלט זיך שטאַרק געוואָלט, פאַר וואָס ער פאַרטראַכט שעהן לאַנג אין אָבענט קוקענדיג אויף שטערן, זיך אַרויסבויגענדיג פון זיין פענסטער אויף דער שאַלקע צום הויף צו און זיך ניט ריהרענדיג ביז די נאַכט קומט: וואָרום זי האָט געוואוסט, אַז ער אַרבייט זיך אָן אַ גאַנצע טאָג געבענדיג שטונדען; און זי איז געווען — ווי די אַלע איבעריגע — זעהר פאַרזיכטיג נעגען איהם צוליעב עפּעס אַ באַהאַלטענעם מאָטיוו. וועגען וועלכען קיינער האָט ניט גערעדט, אָבער אַלע האָבען געוואוסט.

ראָזע האָט באַמערקט, אַז איהרע עלטערן וואָרפען זיך איבער מיט בליקען און שושקענען זיך געהיים ווען זי רעדט מיט קריסטאָף'ן. אין אָנהויב האָט זי זיך וועגען דעם ניט געקימערט. אָבער באַלד איז זי געוואָרען פאַראינטערעסירט און אויפגערעגט: זי האָט געברענט צו וויסען, וואָס זיי

ריידען, אבער זי האט ניט געהאט די העזה צו פרעגען.

איין מאל אין אבענט, ווען זי איז ארויפגעקראכען אויף א באנק, כדי דורכצוציהען א שטריק צווישען צוויי בוימער פאר וועש טריקענען, האט זי ביים אראפשפּרינגען זיך אנגעשפארט אן קריסטאף'ס פּלייצע. פונקט אין דעם אויגענבליק האט איהר בליק אויפגעכאפּט דעם בליק פון איהר זיידען און פון איהר פאטער, וועלכע זיינען געזעסען אנגעשפארט מיט די רוקענס צום וואנט פון הויז און געדויכערט זייערע ליולקעס. די ביידע מענער האבען זיך איבערגעוואונקען צווישען זיך, און יוסטוס איילער האט געזאגט צו פאגלען:

„דאס וועט זיין א שעהנע פּארל".

באקומענדיג א שטויס מיט'ן עלענבויגען פון פאגלען, וועלכער האט באמערקט אז דאס מיידעל הערט זיך צו, האט ער פארדעקט זיין באמערקונג גאנץ געשיקט (אזוי, ווייניגסטענס האט ער געמיינט) מיט אזא הויכען „הם הם", וואס וואלט געקאנט צוציהען די אויפמערקזאמקייט אויף צוואנציג טריט ארום. קריסטאף וואס איז געשטאנען צו זיי מיט'ן רוקען, האט גאר ניט באמערקט: ראזע אבער איז געווען אזוי אויפגעקאכט, אז זי האט פארגעסען, דאס זי שפּרינגט און האט א לונק געטאן א פוס. זי וואלט אנידערגעפאלען, ווען קריסטאף וואלט איהר ניט אונטערגעהאלטען שטילערהייט שילטענדיג זיך פאר איהר אייביגע אומגעלומפּערטקייט. עס האט איהר זעהר וועה געטאן: אבער זי האט עס גאר ניט געלאזען מערקען: זי האט וועגען דאס גאר ניט געטראכט: זי האט נאר געטראכט וועגען דאס וואס זי האט אקארשט געהערט. זי האט זיך אוועקגעלאזען געהן אין איהר צימער: יעדער טריט איז פאר איהר געווען פאר-

בונדען מיט גרויס שמערץ: זי האָט צוזאמענגענומען אַלע כחות כדי ניט צו לאָזען עס מערקען. זי האָט געשוואומען אין זיסער אויפרעגונג. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אויף א שטול צו פוסען פון איהר בעט און האָט באהאלטען דאס געזיכט אין די קאָלדרעס. איהר געזיכט האָט געברענט: טרערן זיינען איהר געשטאַנען אין די אויגען, און האָט זי דאָך געלאַכט. זי האָט זיך געשעמט און וואָלט געוואָלט זיך באַגראָבען טיף אין דער ערד. און זי האָט ניט געקאָנט צר זאמענברייגען איהרע געדאנקען: עס האָט איהר געקלאַפּט אין די שלייפען. איהר קניע האָט איהר פאַרשאַפט גרויס שמערץ— זי איז געווען אין א צושטאַנד פון באטויבונג און היץ. זי האָט אומקלאָר געהערט די גערוישען פון דרויסען, דעם געשריי פון די קינדער, וואָס האָבען זיך געשפּילט אויפ׳ן גאס: און די ווערטער פון זיידען האָבען נאָך געקלונגען אין איהרע אויערן. א ציטער איז איהר באפאלען, זי האָט גאַנץ שטיל געלאַכט, זי איז רויט געווארען האַלטענדיג דאס געזיכט נאָך אַלץ אין קישען, זי האָט מתפּלל געווען, געדאַנקט, געווינשט, מורא געהאַט — זי האָט געליעבט.

די מוטער האָט איהר גערופען. זי האָט געפּרובירט אויפשטעהן. ביים ערשטען טריט האָט זי דערפיהלט אזאַ אומענטניגליכען ווייטאָג, אז זי האָט כמעט געחלשט: עס האָט איהר גענומען שווינדלען אין קאָפּ. זי האָט געמיינט אַז זי האַלט ביים שטאַרבען: זי האָט געוואָלט שטאַרבען און צו דערזעלבער צייט האָט זי מיט אַלע איהרע כחות געוואָלט לעבען. לעבען פאַר דאָס פאַרשפּראָכענע גליק. די מוטער איז ענדליך געקומען, און דאָס גאַנצע הויז איז באַלד געווען אין גרויס גערודער. אנגעשאַלטען ווי געוועהנליך, און דאַן ארומגעבונדען און אריינגעלעגט אין בעט, איז זי פארטויבט געוואָרען פון

איהר פיזישען ווייטאג און פון אינעווייניגסטען גליק. א זיסע נאכט... די קלענסטע ערינערונגען אן דעם טייערען אבענט זיינען איהר הייליג געבליבען. זי האט ניט געטראכט וועגען קריסטאף'ן, און האט ניט געוואוסט וועגען וואס זי טראכט. אבער זי איז געווען גליקליך.

אויף מארגען איז קריסטאף, וועלכער האט זיך געפיהלט אזוי ווי מיטשולדיג אין דעם אומגליק, געקומען זיך דערוויסען וואס זי מאכט: און צום ערשטען מאל האט ער איהר ארויס־געוויזען א סימן פון הארציגקייט. זי איז געווען פול מיט דאנקבארקייט און האט געבענשט איהר אומגליק. זי האט זיך געוואונשען צו ליידען א גאנצען לעבען, כדי צו געניסען א גאנצען לעבען אזא פרייד. זי האט געמוזט פארבלייבען ליע־גען אויסגעצויגען עטליכע טעג זיך ניט רירענדיג: זי האט זיי פארבראכט איבערחזר'נדיג די ווערטער פון זיידען און נאכטראכטענדיג וועגען זיי: ווארום דער צווייפעל איז גע־קומען. צו האט ער געזאגט:

„דאס וועט זיין?"...

אדער נאר:

„דאס וואלט זיין?"...

אדער פיליכט איז גאר מעגליך אז ער האט אזוינס גאר ניט געזאגט? — יא, ער האט עס געזאגט, זי איז אין דעם געווען זיכער... דאך? צו האבען זיי ניט געזעהן, אז זי איז מיאוס, און אז קריסטאף קאן איהר ניט פארטראגען?... אבער עס איז אזוי גוט צו האפען! זי האט אנגעהויבען גלויבען, אז זי האט זיך פיליכט גענארט, אז זי איז גאר ניט אזוי מיאוס, ווי זי האט געמיינט: זי האט זיך אויפגעהויבען פון שטול, כדי זיך איינצוקוקען אין שפיגעל. וואס איז געהאנגען אנטקעגען: זי האט מעהר ניט געוואוסט וואס צו טראכטען.

נאָך אַלעמען קאָנען איהר זיידע און טאַטע בעסער פאַרשטעהן ווי זי: מען קאָן דאָך זיך אַליין ניט אורטיילען... מיין גאָט! ווען דאָס וואָלט געווען מעגליך!... ווען צופעליג.. ווען, זי וואָלט דאָס, וואָס זי האָט קיין מאָל ניט פאַרדעכטיגט, ווען... ווען זי וואָלט געוועז שעהן!... פיליכט האָט זי גאָר מגזם געווען קריסטאָף'ס ווייניג סימפּאַטישע געפיהלען. אמת איז אפילו אַז דער גלייכגילטיגער אינגעל האָט נאָך דעם ערשטען צייכען פון אינטערעס וועלכען ער האָט אַרויסגעוויזען אויף מאָרגען נאָך'ן אומגליק, זיך מעהר ניט געקימערט וועגען איהר; ער האָט פאַרגעסען איהר צו באַזוכען: אַבער ראָזע האָט איהם מוחל געווען: ער איז אַזוי שטאַרק פאַרנומען! ווי אַזוי האָט ער געקאָנט טראַכטען וועגען איהר? מען דאַרף אַ קינסטלער ניט אורטיילען ווי אַנדערע מענשען...

דאָך ווי ווייניג זי האָט ערוואַרט, האָט זי פאָרט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען ניט צו דערוואַרטען מיט האַרצקלאַפּען פון איהם אַ וואַרימען וואָרט, ווען ער פלעגט פאַרבייגעהן. איין איינציג וואָרט, אַ בליק... איהר פאַנטאַזיע וואָלט שוין דאָס איבעריגע געטאָן. דער אָנהויב פון אַ ליעבע נויטיגט זיך אין אַזוי ווייניג שפּייז! עס איז גענוג ווען מען זעהט זיך, ווען מען ריהרט זיך אָן פאַרבייגעהענדיג: אין אַזוינע מאָמענטען שטראָמט דורך די נשמה אַזאַ קראַפט פון חלומות, אַז זי אַליין איז גענוג צו שאַפען איהר ליעבע: אַ גאָר נישט ברייננגט איהר אַריין אין אַזאַ אויפרעגונג, אַז שפּעטער, ווען זי איז שוין מעהר באַפרידיגט און לפי ערך מעהר פינקטליך, קאָן זי עס קוים ווידער געפינען, אפילו ווען זי באַזיצט דעם געגענשטאַנד פון איהרע פאַרלאַנגען. — ראָזע האָט אין גאַנצען געלעבט אין אַ ראָמאַן, וואָס זי האָט צוזאַמענגעשמידט איינע אַליין, און פון וועלכען קיינער האָט גאָר ניט גע־

וואוסט: קריסטאף ליעבט איהר בסוד סודות און האט ניט די העזה עס איהר צו זאגען פון שעמעדיגקייט, אדער צוליעב אז אנדער נארישער, ראמאנטישער און פאנטאסטישער אור־זאך. וואס איז געפעלען געווען דער פאנטאזיע פון אט דער שטענדיג סענטימענטאלער גענזעל. אויף דעם האט זי אויפ־געבויט נארישע מעשות אהן א סוף: זי האט עס אליין גע־וואוסט, אבער זי האט עס ניט געוואלט וויסען: זי האט זיך תאוה'דיג טעג און טעג לאנג אריבערגעבויגען איבער איהר ארבייט. זי האט צוליעב דעם פארגעסען צו ריידען: איהר גאנצער שטראם פון ווערטער האט זיך אריינגעגאסען ביי איהר אין זיך, ווי א טייך וואס פארשווינדעט פלוצלונג אונ־טער דער ערד. אבער דארט האט ער גענומען זיין נקמה. דאס איז געווען א גאנצער מבול פון געשפרעכען, פון שטומע אונ־טערהאלטונגען, וועלכע קיינער אויסער איהר האט ניט גע־הערט! אפטמאל האט מען געזעהן, ווי איהרע ליפען באווע־גען זיך ווי ביי מענשען, וואס שעפטשען ביים לעזען, כדי בעסער צו פארשטעהן.

ווען זי פלעגט זיך אויפכאפען פון איהרע חלומות, איז זי געווען אי גליקליך, אי טרויעריג. זי האט גוט געוואוסט אז די זאכען זיינען ניט אזוי, ווי זי האט זיך דערצעהלט: אבער עס איז איהר געבליבען אן אבשיין פון גליק, און זי האט זיך וועקגעלאזען לעבען מיט מעהר צוטרוי. זי האט ניט אויפגעגעבען די האפענונג צו געווינען קריסטאף'ן.

זיך ניט מודה זייענדיג אליין אין דעם האט זי זיך דער־צו גענומען, מיט דער זיכערקייט פון אינסטינקט, וועלכען א גרויסע ליעבשאפט האט די אומגעלומפערטע און אומווי־סענדע מיידעל באלד געפונען דעם וועג דורך וועלכען זי קען דערגרייכען איהר פריינד'ס הארץ. זי האט זיך ניט גלייך

געווענדעט צו איהם. אָבער ווי זי איז נאָר געזונט געוואָרען און האָט זיך ווידער אנגעפאנגען באַוועגען אין הויז, האָט זי זיך דערנעהענטערט צו לואיזען. דער קלענסטער תירוץ איז פאר איהר גענוג גוט געווען. זי האָט געפונען הונדערטער געלעגענהייטען איהר געפעליגקייטען צו טאָן. ווען זי האָט געדאַרפט געהן וואו האָט זי איהר אלעמאָל איינגעשפּאָרט א גאַנג, אדער פלעגט געהן איינקויפען אין מאַרק און אויס־טענה'ען זיך מיט סוחרים. זי פלעגט איהר געהען ברענגען וואַסער פוֹן דער פּומפּע אין הויף און איהר אפילו טיילווייז צוראַמען אין הויז; פלעגט איהר אַפּוואַשען די פענסטער און אָפּרייבען די דילען ניט קוקענדיג אויף די פּראָטעסטען פון לואיזע וועלכע פלעגט פארשעהמט בלייבען פאר וואָס זי טוט ניט אליין די ארבייט, און האָט דאָך, אויסגעמאטערט ווי זי איז געווען, ניט געהאט דעם מוט זיך שטעלען אנטקעגען ווען מען איז איהר געקומען צו הילף. קריסטאָף פלעגט זיין אוועק דעם גאַנצען טאָג. לואיזע האָט זיך געפיהלט פערלאָזען. און די געזעלשאַפט פון דער ליעבליכער און שטיפערישער מיידע־לע איז איהר געווען אַנגענעהם. ראָזע פלעגט זיך ביי איהר באַזעצען. זי פלעגט זיך איהר האַנד־ארבייט מיטברענגען און ביידע פלעגען פערפיהרען לאַנגע געשפּרעכען. דאָס מייד־על פלעגט, אויף אַ כיטרען און דאָך אומגעלומפּערטען אופן פּרובירען ארויפפיהרען די רייד אויף קריסטאָף'ן. צו הערען בלויז רעדען פון איהם, צו הערען בלויז זיין נאָמען, האָט איהר גליקליך געמאכט; איהרע הענט פלעגען אַנהויבען ציטערען און די אויגען פלעגט זי אויסמיידען אויפצוהויבען... לואיזע, ערפרייט צו רעדען וועגען איהר ליעבען קריסטאָף, פלעגט ווע־גען איהם דערצעהלען ניט וויכטיגע און נארישליכע מעשות פון זיינע קינדער־יאָהרען: אָבער מען האָט ניט בעדאַרפט

מורה האבען אז ראזע וועט זיי אלס אזעלכע בעטראכטען. עס איז פאר איהר געווען א גרויסע פרייד און א טיפע אויפ־רעגונג זיך פארצושטעלען קריסטאף׳ן אלס קליין קינד, בע־געהענדיג די נארישקייטען און שטיפערישע חכמות פון די קינדער־יאהרען. די מוטערליכע צערטליכקייט וועלכע ליגט אין׳ם הארצען פון יעדער פרוי האט זיך פרעכטיג פארמישט מיט דער אנדרער צערטליכקייט. זי פלעגט דאביי הארציג לאכען און קריגען פייכטע אויגען. לואיזע איז גערירט גע־ווען פון דעם אינטערעס וואס ראזע האט איהר ארויסגעוויזען. אויך אז ניט דייטליכען אופן האט זי זיך פארגעשטעלט וואס עס קומט פאר אין דעם מיידעל׳ס הארץ און דאך האט זי געגרניט דערפון ארויסגעוויזען: אבער זי האט זיך מיט דעם געפרייט, ווייל זי איז געווען די איינציגע אין הויז וואס האט געוואוסט דעם ווערט פון א יונגען הארץ. מאנכעס מאל פלעגט זי אויפהערען רעדען, כדי צו קוקען אויף ראזע׳ן, וועל־כע, איבערראשט פון איהר שווייגען, פלעגט דאן אויפהויבען איהרע אויגען פון דער האנט־ארבייט. לואיזע שמייכעלט צו איהר און ראזע ווארפט זיך אין איהרע ארעמס פלוצלונג און אויף א ליידענשאפטליכען אופן.

אין אבענט ווען קריסטאף פלעגט אהיים קומען, פלעגט לואיזע, פול מיט דאנקבארקייט צו ראזע׳ן פאר איהר הילף און צו דערזעלבער צייט נאכפאלגענדיג א געוויסען פלאן וואס זי האט געמאכט, ניט אויפהערען לויבען איהר יונגע שכנה. קריסטאף איז גערירט געווען פון ראזע׳ס גוטסקייט. ער האט באמערקט דעם פארגעניגען וואס זי פארשאפט זיין מאמען, וועמעס געזיכט פלעגט ליכטיגער און קלארער ווערען. און ער פלעגט איהר ווארעם דאנקען. ראזע פלעט דאן עפעס מורמלען אום ניט ארויסצואווייזען איהר אויפרעגונג: זי

האָט אזוי אויסגעזעהען פאַר קריסטאָף'ן טויזענט מאָהל אינ־טעליגענטער און סימפּאַטישער ווי ווען זי פלעגט איהם עפּעס ענטפערען. ער האָט איהר בעטראַכט מיט ווייניגער פאָראור־טייל און האָט זיך ניט צוריקגעהאַלטען פון ארויסווייזען זיין איבעראַשונג, אויסגעפינענדיג איהרע געוויסע אייגענשאַפ־טען, וועלכע ער האָט ניט גערעכענט דאָס זי באַזיצט. ראָזע האָט דאָס אַלץ בעמערקט; זי האָט באַמערקט דעם פאָר־שריט וואָס זיין סימפּאַטיע פאַר איהר האָט געמאַכט, און זי האָט געטראַכט אַז אַט די סימפּאַטיע פיהרט צו ליעבע. זי האָט זיך דערפאַר מעהר ווי שטענדיג איבערגעגעבען צו איהרע חלומות. זי איז פאַרטיג געווען צו גלויבען מיט דעם שעהנעם יוגענדס־שטאַלץ אַז דאָס וואָס מען באַגעהרט מיט'ן גאַנצען וועזען ווערט סוף כל סוף דערגרייכט. איבעריגענס איז דען וואָס עס איז נאַרישעס געלעגען אין איהר וואונש? האָט דען קריסטאָף ניט געדאַרפט פיהלען, מעהר ווי אַן אַנ־דערער, איהר גוטסקייט, איהר ליעבעס־באַדאַרף צו וועלכער זי האָט זיך געווידמעט?

קריסטאָף אָבער האָט פון איהר ניט געטראַכט. ער האָט איהר געאַכטעט; זי האָט אָבער קיין פּלאַץ ניט געהאַט אין זיינע געדאַנקען. ער האָט אין יענער צייט געהאַט פיעל אַנ־דערע דאגות. קריסטאָף איז מעהר ניט געווען קריסטאָף. ער האָט זיך מעהר ניט דערקענט. אַן אומגעהייערער שמערץ און אויסמאַטערונג האָבען איהם ארומגענומען, וועלכע האָ־בען געהאַלטען ביים אָפּראַמען אַלץ, ביים איבערקעהרען אַלעס ביז אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה.

קריסטאָף האָט געפיהלט אַ שטאַרקע מידיגקייט און אַ טיפע אומרוהיגקייט. אָהן אַ שום אורזאַך איז ער געווען צו־בראָכען; דער קאָפּ איז איהם שווער געווען, די אויגען, אוי־

רען און אנדערע חושים זיינען ביי איהם געווען באַרוישט און אָפּגעטעמפּט. ער האָט זיך ניט געקענט אָפּשטעלען אויף קיין זאַך. זיינע געדאַנקען זיינען געשפּרונגען פון איין זאַך אויף אַ צווייטער ווי אין אַ שווערען פיבער. דאָס שטענדיגע אַרומשוועבען פון בילדער פאַר זיינע אויגען האָט ביי איהם אַרויסגערופען אַ שווינדעל אין קאָפּ. צו ערשט האָט ער עס צוגעשריבען צו די פריהלינג־טעג וועלכע מאַכען מיד און נערוועז. אָבער דער פריהלינג איז אוועק און זיין קראַנקהייט איז נאָך ערגער געוואָרען.

עס איז געווען דאָס וואָס דיכטער, וועלכע באַריהרען אַלעס מיט אַן איידעלער האַנט, רופען די יוגענד־אומרו־היגקייט, דער שמערץ פון כרובים, די ערוואַכונג פון ליעבע־לוסט אין דעם יונגען גוף און האַרצען. אַזוי ווי עס וואָלט באמת מעגליך געווען אויסצודריקען מיט אַ קינדערישער נאַרישקייט דעם געוואַלדיגען קריזיס פון וועלכען דער גאַנ־צער מענש ברעכט צוזאַמען, שטאַרבט אָפּ און ווערט אויפ'ס ניי געבאָרען: יענע גרויסע ערשיטערונג פון וועלכער אַלעס: דער גלויבען, דאָס דענקען, דאָס האַנדלען און דאָס גאַנצע לעבען האַלט ביים פאַרניכטעט ווערען און ווערט אויפ'ס ניי אויסגעשמידעט אין די קאָנוואָלסיעס פון פרייד און שמערץ!

זיין גוף און זיין נשמה זיינען געווען אין אַ שטאַרקער אויפרעגונג. אָהן כח צו קעמפען, פלעגט ער זיך באַטראַכטען מיט אַ געפיהל פון נייגעריגקייט און עקעל. ער האָט ניט פאַר־שטאַנען וואָס אין איהם קומט פאָר. זיין גאַנצע עקסיסטענץ האָט געהאַלטען ביים צעפאַלען ווערען. די טעג פלעגען אוועק ווי פאַרזונקען אין אַ דריקענדער באַטויבונג. אַרבייטען איז פאַר איהם אַ מאַטערניש געווען. ביי נאַכט האָט ער געהאַט

אַ שווערען און צובראָכענעם שלאָף: שרעקליכע חלומות און תּאוה־אָנפאַלען האָבען איהם געפּלאָגט. אַ חיה'שע נשמה האָט אין איהם געשטורעמט, ווי פאַרברענט, אויסגעווייקט פון שוויים, פלעגט ער זיך מיט שרעק באַטראַכטען און זיך אָנ־שטרענגען כדי פון זיך אָפּצוטרייסלען די אומרייגע און משוגענע געדאַנקען. . . און ער האָט זיך געפרעגט: צו האַלט ער טאַקע ניט ביים משוגע ווערען.

דער טאָג האָט איהם ניט געשטיצט פון די חיה'שע גע־דאַנקען. אין דער טיפעניש פון זיין נשמה האָט ער געפיהלט אַז ער פאַלט... פאַלט... קיין זאַך ניטאָ אַז וואָס זיך אָנצור־האַלטען; קיין זאַך ניט וואָס זאָל צוריקהאַלטען דעם כאַאָס. אַלע זיינע וואָפען און פעסטונגען וואָס האָבען איהם דורך אַ פיער־פאַכיגע באַשיצונג אַזוי שטאַלץ אַרומגערינגעלט: זיין גאָט, זיין קונסט, זיין שטאָלץ און זיין מאָראַלישער גלויבען — אַלעס איז איינגעפאַלען, האָט זיך, שטיקלער־ווייז אָפּגעטרייסעלט פון איהם. נאַקעט האָט ער זיך געזעהען. אויסגעשטרעקט און געבונדען, ניט קענענדיג זיך באַוועגען, אַזוי ווי אַ טויטער גוף אויף וועלכען עס קריכען ווערים. אין געוויסע מאָמענטען פלעגט ער אויף זיך אַליין אין כעס ווערן: וואָס איז געוואָרען פון זיין ווילען מיט וועלכען ער איז געווען אַזוי שטאַלץ? אומזיסט האָט ער איהם צוריקגערופען. ס'איז געווען ווי די אָנשטרענגונגען וואָס מען מאַכט אין שלאָף. וויסענדיג אַז מען חלום'ט און מען וויל זיך דאַך אויפכאַ־פּען. עס געלינגט דאַן בלויז אַריינצוזינקען, ווי אין אַ בלייע־נע מאַסע פון איין חלום אין אַנדערען כדי נאָך מעהר צו פיה־לען די דריקענדע שטיקעניש פון דער געבונדענער נשמה. צום סוף, האָט איהם אויסגעוויזען אַז עס איז לייכטער מעהר ניט צו קעמפען. ער איז פאַרבליבען אין זיין דאַמאַלסדיגען

צושטאנד מיט א פאטאלער גלייכגילטיגקייט און ענטמוטי־גונג.

דער געוויינליכער שטראָם פון זיין לעבען איז ווי אונ־טערבראָכען געווארען: ענטוועדער ער פלעגט אריינדרינגען אין אונטערערדישע שפאלטען וואו ער האָט געהאלטען ביים פארשווינדען; אדער ער האָט ארויסגעשטורעמט מיט א שניי־דענדער קראַפט. די קייט פון טעג איז צעריסען געווארען. אין מיטען פון די מאַנטאַגע. לאנגוויילִיגע שטונדען פלעגען זיך עפענען גרויסע, גענעצענדיגע לעכער אין וועלכע זיין נשמה איז פארזונקען געווארען. קריסטאָף האָט זיך צוגעקוקט צו דעם בילד אזוי ווי עס וואלט איהם פרעמד געווען. אלץ און אלע — ער אליין אויך — זיינען איהם פרעמד געווארען. זיי־נע עסקים האָט ער פארטגעזעצט און זיין ארבייט געטאן אויף א מעכאנישען אופן. עס האָט זיך איהם געדוכט אז זיין לעבענס־מעכאניזם האַלט זיך ביים אפשטעלען פון מינוט צו מינוט: אזוי ווי א ספרוזשינקע וואלט דארט קאליע געווא־רען. מיט זיין מאַמען און די בעלי בתים פון הויז ביים טיש: אין דעם ארקעסטער, צווישען די מוזיקאנטען און דעם פובלי־קום פלעגט ער פלוצלונג פיהלען א פוסטקייט אין זיין מח. ער פלעגט דאָן מיט פארוואונדערונג קוקען אויף די פארקרימטע פנים'ער וואס האבען איהם ארומגערינגעלט און ניט פאר־שטעהן קיין זאך. ער פלעגט זיך שטעלען די פראגע:

— וואס פאר א שייכות איז פאראן צווישען אט די מענשען און...

ער האט אפילו ניט געוואגט עס ארויסצוזאגען.

— און מיר?

ווייל ער האט מעהר אפילו ניט געוואוסט, צו ער עקזיס־טירט בכלל. ער פלעגט רעדען און עס האָט זיך איהם געדוכט

אַז דער קול קומט אַרויס פון אַן אַנדער גוף. ער פלעגט אַרומ־געהן און זעהן זיינע באַוועגונגען ווי פון ווייטען—פון דער הויך— פון אַ טורם־שפּיץ. ער פלעגט טאָן אַ רייב מיט דער האַנט אויפ׳ן שטערן און קוקען מיט בלאָנדזשענדע אויגען. אָפט האָט זיך איהם געוואָלט זיך באַנעהמען ווי אַ ווילדער. אוי־בערהויפּט האָט ער אויף זיך געמוזט אַכטונג געבען בעת ער איז געווען צווישען מענשען: אין די אָבענטען, למשל, ווען ער פלעגט געהן אין שלאָס אַריין, אָדער ווען ער פלעגט שפּי־לען פאַר׳ן פּובליקום. פּלוצלינג פלעגט ער פיהלען אַן אומגע־הייערען באַגעהר דעם פּנים צו פאַרקרימען, צו זאָגען עפּעס אַ גרויסע נאַרישקייט, אַ ציה צו טאָן דעם גרויספירשט ביי דער נאָז אָדער געבען וועלכער עס איז דאַמע אַ בריק מיט׳ן פוס פון הינטען. אַ גאַנצען אָבענט בעת ער האָט דיריגירט דעם אָרקעסטער האָט ער געקעמפט געגען דעם משוגענעם חשק וואָס ער האָט געהאַט, זיך אויסצוטאָן פאַר׳ן גאַנצען פּובליקום; און פון יענעם מאָמענט אַן, וואָס מעהר ער האָט געפּרובירט פּטור צו ווערען פון אָט דעם געדאַנק, האָט ער איהם אַלץ מעהר פאַרפאָלגט; מיט זיין גאַנצען כח האָט ער געמוזט זיך אָנשטרענגען כדי זיך ניט נאָכצוגעבען. ווען דער נאַרישער קאַמף האָט זיך געענדיגט, איז ער געבליבען אויס־געווייקט אין שוויים און מיט אַ פּוסטען מח. ער האָט באמת געהאַלטען ביים משוגע ווערען. ס׳איז גענוג געווען פאַר איהם צו דענקען, אַז ער דאַרף אַ געוויסע זאַך ניט טאָן און שוין האָט ער געפיהלט אַז אָט די זאַך פאַרפאָלגט איהם מיט דער מורא׳דיגער קראַפט פון אַ „פיקס״־אידעע.

אַזוי איז זיין לעבען פאַרביי צווישען אַ רייהע פון פאַר־מאַטערענדע קראַפט אָנשטרענגונגען און דאָס אַראָפּזינקען אין אַ פּוסטען תהום. אַ שטורם האָט געבושעוועט אין דעם

מדבר. פון וואנען איז דער ווינד געקומען? וואס פאר א זארט משוגעת איז עס געווען? פון וועלכען תהום האבען זיך באוויזען אט די ווילדע פארלאנגען וואס האבען אויס־געמוטשעט זיין גוף און מח? ער איז געווען ווי א פיילען־בויגען וואס איז פון א קרעפטיגער האנד אזוי שטארק אויסגעבויגען געווארען, אז ער האלט ביים צובראכען ווע־רען. — פאר וועלכען אומבאקאנטען צוועק? — באלד אבער ווערט ער אוועקגעווארפען ווי א צופוילטע שטיק האלץ. ווע־מעס קרבן איז ער געווען? ער האט מורא געהאט זיך אריינ־צוטראכטען אין דעם. ער האט זיך געפיהלט באזיעגט, דער־נידעריגט און האט אויסגעמידען צו באטראכטען זיין נידער־לאגע. ער איז געווען אויסגעמאטערט גייסטיג און מוט־לאז. איצט האט ער שוין פארשטאנען די מענשען וואס ער פלעגט אמאל פאראכטען: די וועלכע ווילען ניט זעהן דעם אומאנגענעהמען אמת. און אט די שרעקליכע שטונדען: ווען ער פלעגט זיך דערמאנען אן דער פארשוואונדענער צייט, אן דער פארווארפענער ארבייט, אן דער פארלארענער צו־קונפט, פלעגט איהם א קאלטער פחד ארומנעהמען. דאס האט אבער אויף איהם ניט געווירקט: ער האט זיין פייגהייט אנט־שולדיגט מיט דעם פארצווייפעלטען איינרעדען זיך אז די גאנ־צע וועלט איז נישטיג: ער האט עפעס ווי א מאדנע תאוה'די־גע פרייד זיך צו פארלאזען אויף אט דעם געדאנק. אזוי ווי ער וואלט געווען א צובראכענע שיפעל אויף א שטורעמדיגען וואסער. צו וואס קעמפען? קיין זאך עקזיסטירט דאך ניט, גארנישט: קיין שעהנקייט, קיין גוטסקייט, קיין גאט, קיין לעבען, קיין אנדער זאך ניט. ווען ער פלעגט געהן איז גאס, פלעגט ער האבען דעם געפיהל ווי ער וואלט פארלירען דעם באדען אונטער זיך: ס'איז מעהר ניט געווען קיין גרונד.

קיין לופט, קיין ליכט — און ער אַליין האָט אויך ניט עקזיסטירט. ער פלעגט ווי פאַרזונקען ווערן. דער קאָפּ פלעגט זיך אַראָפּלאָזן צו דער ערד מיט'ן שטערן פאַראויס. ער פלעגט קוים שטעהן אויף די פיס און פלעגט שטענדיג האַלטען ביים פאַלען. עס האָט זיך איהם געדוכט אַז באַלד וועט ער שטאַרבען, אַזוי פּלוצלונג, ווי פון אַ דונער־געטראָפען: — אַז ער איז שוין געשטאָרבען...

קריסטאָף האָט אַ נייע הויט באַקומען. קריסטאָף האָט אַ נייע נשמה געקראָגען. און זעהענדיג, ווי די אַלטע, די פאַרוועלקטע נשמה פאַלט אַוועק, איז איהם גאָר ניט איינגעפאַלען, אַז אַ נייע נשמה, אַ אַנדערע, אַ קרעפטיגערע וואַקסט אין איהם. אַזוי ווי דער גוף ענדערט זיך אין לויף פון'ם לעבען. אַזוי ענדערט זיך אויך די נשמה און די ענדערונג קומט ניט אַלע מאָל פאַר לאַנגזאַם, אין לאַנגע טעג. פאַראַן קריזיס־שטונדען אין וועלכע אַלעס באַנייעט זיך פּלוצלונג. דער ערוואַקסענער מענש בייט זיין נשמה. די אַלטע, די אָפּגעלעבטע שטאַרבט. איז אַט אַזוינע אַנגסט־שטונדען דוכט זיך דעם מענשען אַז אַלץ האַלט ביים סוף. און אַלץ הויבט זיך אַז פון ס'ניי. איין לעבען שטאַרבט אָפּ, אַן אַנדער לעבען איז שוין ווידער געבאָרען געוואָרען.

אין אַ געוויסע נאַכט, איז ער געזעסען איינער אַליין אין זיין צימער אָנגעשפּאַרט אַן טיש ביי דער שיין פון אַ ליכט. ער האָט געהאַט דעם רוקען אויסגעדרעהט צום פענסטער. ער האָט ניט געאַרבייט. שוין וואָכען־לאַנג ווי ער האָט ניט געקענט אַרבייטען. אַלץ האָט זיך איהם געטומעלט אין קאָפּ, אַלעס האָט ער גענומען, און אויף איין מאָל, נאָכפאַרשען, אונטערזוכען: רעליגיאָן, מאָראַל, קונסט, דאָס גאַנצע לעבען. און אין דער גאַנצער אויפלעזונג פון זיינע געדאַנקען

איז ניט געווען קיין מעטאָדע, קיין סדר. ער האָט זיך אַרויפ־געוואָרפען לייענען אַ הויפען ביכער וועלכע ער האָט צופעליג געפונען אין זיין זיידענ'ס משונהדיגע ביבליאָטעק. אָדער צווישען פאַגעל'ס פון פאַרשידענע זאָרטען צוזאַמענגעשלעפּטע ביכער: איבער טעאָלאָגיע, וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע: בי־כער וואו איינצעלנע בענדער האָבען געפעהלט. אַזוי ווי איהם האָבען געפעהלט ידיעות אין אַלץ, האָט ער זיי ניט פאַרשטאַ־נען. ער האָט קיין איינעם פון זיי ניט געקאָנט פאַרענדיגען: ער האָט זיך פאַרלאָרען אין מיטען, צווישען די אויסגעצווי־גענע, פאַרדרעהטע אויסדרוקען, די אומענדליך־לאַנגע פּלפּולים פון וועלכע עס איז ביי איהם פאַרבליבען נאָר אַ מידקייט, אַ פּוסטקייט און אַ טויט אומעט.

אַזוי איז ער יענעם אָבענט געווען פאַרזונקען אין אַ טעמפּער, אויסמאַטערענדער באַטויבונג. אַלע אין הויז זיינען געשלאָפען. קיין ווינטעל האָט ניט געבלאָזען פון'ם הויף. שווערע וואָלקענס האָבען באַדעקט דעם הימעל. קריסטאַף אַ פאַרדולטער האָט געקוקט ווי דאָס ליכט געהט אויס אין לייכטער. ער האָט זיך ניט געקענט לעגען שלאָפען. ער האָט וועגען קיין זאַך ניט געטראַכט. ער האָט געפיהלט ווי די פּוסטקייט, די פינסטערניש ווערט וואָס אַ מאָל אַלץ גרע־סער. ער האָט זיך אַנגעשטרענגט ניט צו זעהן דעם תהום וואָס האָט איהם אַריינגעצויגען: און דאָך, ניט ווילענדיג, האָט ער זיך אַנגעבויגען איבער'ן וואַנט און אַריינגעקוקט אין דער טיפעניש פון דער נאַכט. אין דער פּוסטקייט האָט זיך באַוועגט דער כאַאָס און וואָלקען שאַטענס. אַ שרעק האָט איהם אַרומגענומען. אַ קאַלטער שוידער איז איהם דורכ'ן רוקען דורכגעלאָפען. די הויט האָט איהם געציטערט און כדי ניט אַנידערצופאַלען האָט ער זיך אַנגעכאַפּט אַן דעם טיש.

ציטערענדיג האָט ער ערוואַרט אומעגליכע זאַכען. אַ נס. אַ גאָט...

פּלוצלונג, האָט ווי אַ וואַסער־קאַנאַל זיך געעפענט. הינטער איהם אין הויף האָט אַ מבול־גוס זיך אַ גאָס געטאָן: אַ שווערער, גרויסער, גלייכער רעגען האָט גענומען פאַלען. די אומבאַוועגליכע לופט האָט אויפגעציטערט. די טרוקענע און פאַרהאַרטעטע ערד האָט גענומען קלינגען ווי אַ גלאָק. און דער שמעקענדיגער ריח פון בלומען, פון פּירות פון קערפּערס, פון תאוה האָט זיך אופיגעהויבען מיט אַ שטורם פון ליידענשאַפט און הנאה. קריסטאָף איז געשטאַנען ווי אַ פערכשופטער אַנגעשטרענגט מיט אַלע כחות און דורכ־גענומען דורך אַלע אברים. ער האָט זיך געטרייסעלט... דער שלייער איז אַראָפּגעפאַלען פון זיינע אויגען. אַ פּאָר בלענדענדע ליכט דורך דעם שיין פון'ם בליץ האָט ער געזעהן אין דער טיפעניש פון דער נאַכט. האָט געזעהן— און איז אַ גאָט געוואָרען... גאָט איז אין איהם געווען: ער האָט דורכגעבראָכען די סטעלע פון'ם צימער, די ווענט פון'ם הויז: ער האָט דורכגעריסען די גרעניצען פון דער עקזיסטענץ ער האָט אָנגעפילט דעם הימעל, דאָס אַלץ, דאָס גאַרנישט. די וועלט איז צוזאַמענגעבראָכען ווי אין אַ קאַטאַסטראָפע און אויך קריסטאָף איז אין שרעק און גליק פון דעם צוזאַמענ־ברוך אוועקגעפאַלען, מיטגעריסען געוואָרען פון דעם שטורם וואָס האָט אוועקגעטראָגען און פאַרניכטעט, ווי שטרוי, אַלע נאַטור געזעצען. ער האָט דעם אָטעם ניט געקענט כאַפּען. ער איז געווען פאַרשכור'ט פון דעם אַראָפּזינקען און אַרויפ־הויבען צו גאָט. גאָט־זוכעניש! גאָט־תהום! גאָט־שטאַרק! פייערבאַנד פון דער נשמה! שטורם־ווינט פון לעבען! וואַהנ־זין פון לעבען — אָהן אַ צוועק אָהן אַ אָפּהאַלט, אָהן אַ שכל

— נאָר צוליעב דערווילדער פרייד פון לעבען!

ווען דער קריזיס איז אריבער, איז ער אריינגעפאַלען אין אַ טיעפען שלאָף און געשלאָפען אזוי ווי ער איז שוין לאַנג ניט געשלאָפען. אויף מאָרגען, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זיך איהם דער קאָפּ געדרעהט: ער האָט זיך געפיהלט צובראָכען אזוי ווי ער וואָלט שכור געווען. אָבער אין דער טיפעניש פון זיין הארצען איז נאָך פארבליבען אַן אָפּשיין פון יענעם שרעקליכען און מעכטיגען ליכט וואָס איז געפאַלען אויף איהם דעם לעצטען אָבענד. ער האָט געפּרואווט ווידער עס אנצינדען אין זיך, אָבער אומזיסט. וואָס מעהר ער האָט עס פארפאָלגט אַלץ מעהר איז עס פון איהם אנטלאָפען. זייט דאַמאָלט האָט ער זיין גאַנצע ענערגיע אָנגעווענדעט אויפצולעבען דאָס וואָס ער האָט געזעהען אין יענעם מאָמענט. אַן אומזיסטיגע באַמיהונג. עקסטאַז קומט ניט לויט דעם באַפעהל פון ווילען.

דאָך איז יענער מיסטישער און דעלירישער אַנפאַל ניט געווען דער איינציגער: ער האָט איהם נאָך דורכגעלעבט איניגע מאָל, אָבער קיינמאָל מעהר ניט אזוי געוואַלטיג שטאַרק ווי דאָס ערשטע מאָל. ס'איז אַלעמאָל פארגעקומען אין מאָמענטען ווען קריסטאָף האָט גאָר ניט ערוואַרט און דאַן האָט עס בלויז געדויערט אַ רגע, אַן אויגענבליק, פּלוצלונג — וויפיעל עס נעהמט אויפצוהויבען די אויגען אָדער אויסצושטרעקען דעם אָרים — און שוין איז דאָס בילד אַוועק נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט נאָכצודענקען ווענגען דעם: נאָכדעם פלעגט זיך איהם די פראַגע שטעלען, צו האָט ער ניט גע'חלומ'ט? גאָר צו ערשט איז עס געווען אַ פלאַם וואָס האָט פארברענט די נאַכט: נאָכדעם איז עס געוואָרען דאָס אויג האָט קוים געקענט דערזעהען אין זייער געלאָף.

אָבער זיי פלעגען וואָס אַ מאָל אַלץ עפּטער ערשיינען. ביז זיי האָבען איהם אין גאַנצען אַרומגערינגעלט ווי אַ שטענדיגער קרויז־שיין פון געהיימע חלומות און וועלכע זיין גייסט איז שוואַך און צוגעגאַנגען געוואָרען. אַלעס וואָס האָט איהם געקענט צעשטרייען אין זיין טונקעל־פאַרחלום'טען צושטאַנד האָט איהם אויפגערעגט. עס איז איהם אומעגליך געווען צו אַרבייטען — ער האָט אפילו מעהר ניט געטראַכט דערפון. ער האָט פיינט געקראָגען צו קומען צווישען מענשען: איבערהויפּט האָט ער געהאַסט די גענעלשאַפט פון זיינע אינטימסטע פריינד, פון זיין מאַמען אפילו, ווייל זיי אַלע האָבען פּרעטענדירט צו האָבען מעהר רעכט אויף זיין נשמה.

ער האָט פאַרלאָזען דאָס הויז און זיך צוגעוואָהנט צו פאַרברענגען זיינע טעג אין דרויסען. ער פלעגט בלויז צוריקקומען פאַרנאַכט. ער האָט געזוכט די איינזאַמקייט פון די פעלדער כדי דאָרט צו פאַרזינקען, מיט זיין גאַנצער קראַנקער נשמה, אין די שרעקליכע געדאַנקען וואָס האָבען איהם געקוועלט ווי אַ מאַניע און האָט ניט געוואָלט ווערען געשטערט פון קיין זאַך.—אָבער אויף דער פרייער לופט וועלכע לייטערט אַלעס אויס, און אין באַריהרונג מיט דער ערד האָט איהם זיין אַנגסט וועניגער געדריקט און זיינע געדאַנקען האָבען פאַרלאָרען דעם אויסזעהען פון געשפּענסטער. זיין אויפרעגונג איז ניט קלענער געוואָרען: זי איז דוקא גרעסער געוואָרען; עס איז אָבער מעהר ניט געווען דער געפעהרליכער גייסטיגער דעליריום; עס איז געוואָרען אַ געזונטע באַרוישונג פון זיין גאַנצער עקזיסטענץ, דער גוף און די נשמה פאַרשכור'ט פון קראַפט.

ער האָט ווידער ענטדעקט די וועלט אַזוי ווי ער וואָלט איהר קיינמאָל ניט געזעהן. עס איז געווען אַ נייע קינדהייט.

עס האט אויסגעזעהען, אזוי ווי א פאר'כשוף'ט ווארט וואלט ארויסגערעדט געווארען און געזאגט: „פעסאם, וואונדער־פלאנץ, עפען זיך אויף!" — די גאנצע נאטור האט גע־פלאקערט מיט פרייד, די זון האט געקאכט. דער פליסיגער הימעל איז געווען ווי א דורכזיכטיג וואסער. פון דער ערד האט זיך אויפגעהויבען א פארע און א געשריי פון לוסט־פרייד. די פלאנצען, די בוימער, די אינזעקטען, די באשע־פענישען אהן א צאהל זיינען געווען ווי בלישצענדיגע צונ־גען פון דעם גרויסען לעבענס־פייער. וואס האט זיך געהויבען און געדרעהט אין דער לופטען. אלעס איז געווען א פרייד־געשריי.

און די פרייד איז געווען זיינע, די קראפט איז געווען זיינע. ער האט זיך ניט אונטערשיידט פון די זאכען ארום איהם. ביז איצט, אפילו אין די גליקליכע קינדער־יאהרען ווען ער האט באטראכט די נאטור מיט א פייערליכער און ענטציקטער נייגעריגקייט, האבען איהם די באשעפענישען אויסגעזעהן ווי קליינע, פארשלאסענע וועלטען, מורא'דיג און קאמיש, אהן א שייכות צו איהם און ער האט זיי ניט גע־קאנט פארשטעהן. צו איז ער דען אפילו געווען זיכער, אז זיי פיהלען, אז זיי לעבען? זיי זיינען געווען מאדנע מאשי־נען: און קריסטאף פלעגט, מאנכעס־מאל, קאנען מיט דער אומבאוואוסטזיניגער גרויזאמקייט וועלכע כאראקטעריזירט די קינדהייט, מוטשען די אומגליקליכע זשוקעס. און עס פלעגט איהם אפילו ניט איינפאלען אז זיי ליידען, בעת ער פלעגט צוזעהען ווי זיי ווארפען זיך אין משונה'דיגע קרעמפען. זיין פעטער גאטפריעד, וואס פלעגט געוועהנליך זיין אזא רוהיגער, האט, אין א געוויסען טאג, מיט כעס גענומען ביי איהם ארויסרייסען אן אומגליקליך פליג, וועלכע ער האט

שרעקליך געמוטשעט. דער אינגעל האָט צו ערשט גע־פּרואווט לאכען, געריהרט פון זיין פעטער'ס אויפרעגונג. אויסגעבראָכען אין א געוויין: ער האָט אנגעהויבען צו פארשטעהן, אז זיין קרבן לעבט באמת, אזוי גוט ווי ער. און אז ער איז באַגאַנגען אַ פארברעכען. אָבער, כאָטש ער האָט זייט דאמאָלט ניט פארטשעפּעט קיין אינזעקט, האָט ער פאר זיי דאך ניט געהאט קיין סימפּאטיע. ער פלעגט נעבען זיי פארבייגעהן, ניט זוכענדיג צו פארשטעהן וואס עס קומט פאר אין דער קליינינקער מאשין. ער פלעגט כמעט מורא האָבען צו טראַכטען דערפון: עס האָט אויסגעזעהן ווי א בייזער חלום. — און אַט, פּלוצלונג, איז אלעס קלאָר געוואָרען, די קליינע, נידעריגע, אומבאַדייטענדע באַשעפעניש־ען זיינען איצט געוואָרען צענטרען פון ליכט.

אויפ'ן בויך אויסגעצויגען אין גראָז, איז קריסטאָף גע־לעגען בעת עס האָבען אַרום איהם ביים שאָטען פון די בוי־מער געקישעט פארשידענע מינים פון זשומענדע אינזעקטען און האָט באַטראַכט די פיבערישע באַוועגונג פון מוראשקעס, פון שפּינען מיט זייערע לאַנגע פיסלעך, וועלכע זעהן אויס צו טאַנצען בעת זיי געהן, פון שפּרינגענדיגע הייששעריקען, פון שווערע און האַסטיגע באַבעלקעס, פון נאַקעטע ווערים, גלאַטע און ראָזעווע, מיט אַן עלאַסטישער הויט, ווייס גע־פלעקט. אדער, מיט די הענט אונטער'ן קאָפּ, די אויגען פאַר־מאַכט האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם אומזיכטבאַרען אָר־קעסטער, דעם קאַראַהאָד־געזאַנג פון אינזעקטען וואס דרע־הען זיך לוסטיג אַרום די פיין־שמעקענדיגע סאָסנעס, דאָס טראָמפּייטען פון מאָסקיטאָס, די אָרגעל־טענער פון וועספּען, דאָס קלינגענדע זשומען פון ווילדע ביהנען ווי גלעקער אויפ'ן שפּיץ פון די בוימער, דאָס געטליכע מורמלען פון זיך שאָק־

לענדיגע בוימער, דאס זיס־אנגענעהמע רוישען פון א ווינטעל צווישען די צווייגען, דאס שטילע פליסטערן פון באוועגענדע גראזען, ווי א ווינטעל וואס ברעכט די רוהיג־קלארע איבער־פלאך פון א טייך ווי דאס רוישען פון א לייכטען קלייד אדער א ליעבהאבער'ס טריט וועלכע דערנעהנעטערן זיך, געהן פארביי און פארשווינדען אין דער לופט.

אלע די קלאנגען, אלע די געשרייען האט ער אין זיך געהערט. פון דעם קלענסטען ביז דעם גרעסטען פון די באַ־שעפענישען האט א לעבענס־שטראם זיך אריינגעגאסען אין איהם. ער איז באמת געווען איינער פון זיי, זייער בלוט האט גערונען אין זיינע אדערען: ער האט געהערט דאס ברידערליכע עכא פון זייערע פריידען און זייערע ליידען. זייער קראפט האט זיך פארמישט מיט זיינער, אזוי ווי א טייך אין וועלכען עס פאלען אריין טויזענדער וואסערלעך. ער האט זיך פארלארען אין זיי. זיין ברוסט האט געהאלטען ביים פלאצען אונטער דעם צו שטארקען, צו מעכטיגען לופט־דרוק וואס האט צובראכען די פענסטער, אריינגעדרונגען אין דאס געשלאסענע הויז פון זיין פארשטיקט הארץ. די ענ־דערונג איז געקומען צו שנעל: לאנג האט איהם אלעס אויס־געזעהן ווי א פוסטער תהום, ערשט ניט לאנג האט ער נאר גע'דאגה'עט וועגען זיין אייגענער עקזיסטענץ און געפיהלט ווי זי אנטלויפט און פארגעהט ווי א רעגען, און שוין האט ער איבעראל געפונען דאס אומענדליכע און אומבאגרענעצטע לעבען — איצט האט ער שוין געשטרעבט אז זיך גופא צו פארגעסען, כדי אויפ'ס ניי געבארען צו ווערען אין דעם וועלט־אל. עס האט זיך איהם געדוכט אז ער קומט ארויס פון קבר. ער האט געשוואומען תאוה'דיג, פריידיג אינ'ם לעבען וואס פליסט פריי און ברייט און מיטגעריסען דערפון,

האָט ער געגלויבט אַז ער איז אין גאַנצען פריי. ער האָט ניט געוואוסט, אַז ער איז איצט ווייניגער פריי ווי אמאָל, ווי פריהער, אַז קיין באַשעפעניש איז ניט פריי, אַז דאָס געזעץ וואָס רעגירט דעם וועלט־אַל איז ניט פריי, אַז נאָר דער טויט — אפשר — באַפרייט.

אָבער דער גאָלד־פאַרביגער אינסעקט, נאָר וואָס גע־באָרען און באַפרייט פון דער שטיקענדער שייד, האָט זיך פריידיג צוצויגען אין זיין נייער פאָרמע, און האָט נאָך די צייט ניט געהאַט צו דערקענען די גרענעצען פון זיין נייער תפיסה.

א נייע רייהע טעג האט זיך אנגעהויבען. גאלדענע און פיבערישע טעג, געהיימניספולע און פאר׳כשופ׳טע, ווי ווען ער איז א קינד געוועזן און פלעגט איינציגווייז אויסגעפינען. ענטדעקען זאכען צום ערשטען מאל. פון פריהמארגען ביז׳ן אבענט האט ער געלעבט אין א וואונדער־וועלט. אלע זיינע באשעפטיגונגען האט ער פארנאכלעסיגט. דער עהרליכער בחור׳ל וועלכער האט יאהרען־לאנג, אפילו ווען ער איז קראנק געוועזן, ניט פארפעהלט קיין איינציגע לעקציע אדער ארקעסטער־רעפעטיציע האט איצט אלעמאל געפונען נארישע תירוצים כדי אבצולעגען זיין ארבייט. ער האט ניט מורא געהאט א ליגען צו זאגען. ער האט קיין געוויסענסביסע ניט געהאט. די פרינציפען פון א שטרענגען לעבען אונטער וועלכע ער האט ווי מיט פרייד זיך און אפילו זיין ווילען געבויגען: די מאראל, די פליכט האבען איהם איצט אויס־געזעהען ניט אמת, נאריש. די נאטור האט צעשמעטערט זייער אייפריג־שטרענגע הערשאפט. די געזונטע, די שטאר־קע, די פרייע מענשען־נאטור דאס איז די איינציגע טוגענד. צום טייוועל מיט אלעם איבעריגע! די אלע קליינליכע, שכל׳דיגע כללים, וועלכע וועלען אבשליסען דאס לעבען און ווערען באציערט מיט׳ן נאמען מאראל, האבען באמת ארויס־גערופען א רחמנות־געלעכטער. לעכערליכע מויל־בערג, א וועלט מיט מוראשקעס! דאס לעבען נעהמט שוין אויף זיך זיי צום ציל צו ברענגען. דאס לעבען דארף נאר פארבייגעהן און אלץ ווערט אפגעראמט...

קריסטאַף, פול, איבערפול מיט ענערגיע, האָט צייטענ־ווייז, געהאַט דעם באַגעהר צו פאַרניכטען, פאַרברענען כדי אין זיך דורך ווילדע און שרעקליכע מעשים איינצושטילען די קראַפט, וואָס האָט איהם געשטיקט. די אויסברוכען פלעגען זיך געוועהנליך פלוצלונג אָפּשטעלען: ער פלעגט וויינען, זיך וואַרפען צו דער ערד, וועלן בייסען מיט די ציין, איינגראָבען זיינע הענט אין איהר, זיך זעטיגען מיט איהר, זיך איינגראָבען אין איהר: ער פלעגט ציטערן פון פיבער און תאוה.

אין א געוויסען אָבענט האָט ער שפּאַצירט ביי די ברעגען פון א וואַלד. זיינע אויגען זיינען פאַרשכור׳ט געווען מיט ליכט, דער קאָפּ האָט זיך איהם געדרעהט: ער איז געווען אין יענער מדרגה פון התלהבות וואו אלץ נעהמט אָן א געטליך־שעהנע געשטאַלט. די לאַשצענדיגע, אַנגענעמע אָבענט־ליכט האָט פאַרשעהנערט דאָס פאַר׳כשופ׳טע בילד. פּורפּעל און גאָלדענע שטראַהלען האָבען געשוועבט אונטער די בוימער. פון די לאַנקעס האָט א שימערירענדיגע ליכט אַרויסגעשטראַמט. דער הימעל האָט אויסגעזעהען לוסטיג־פריילעך און זיס־אַנגענעם ווי מענשליכע אויגען. אין א דער־בייאיגען פעלד האָט א מיידעל צונויפגעלייגט די פריש־גע־שניטענע היי. אין א בלוזע מיט א קורץ קלייד, האָט זי צו ערשט צונויפגעשאַרט דאָס גראָז און דאַן עס אַרויפגעוואָר־פען אויף דער קופּע. זי האָט געהאַט א קורצע נאָז, גרויסע באַקען, א רונדען שטערן און מיט א פאַטשיילע באַדעקט די האָר. די אונטערגעהענדיגע זון האָט איהר אָפּגעברענטע הויט געראָטעלט פּונקט ווי א ליימענע כלי, וואָס זאַפּט אין זיך איין די לעצטע שטראַהלען פונ׳ם טאָג.

זי האָט קריסטאַף׳ן באַ׳כישופ׳ט. אנגעשפּאַרט אָן א

בעריאזע האט ער באטראכט מיט ליידענשאפטליכער אויפ־מערקזאמקייט ווי זי דערנעהענטערט זיך צום ברעג פון וואלד. אלעס, א חוץ איהר איז פארשוואונדען. זי האט איהם ניט באמערקט. איינמאל האט זי יא אויפגעהויבען איהר גלייכגילטיגען בליק. ער האט געזעהען איהרע הארט־בלויע אויגען אין דעם אפגעברענטען פנים. זי איז פארביי, אזוי נאהענט פון איהם, דאס ווען זי האט זיך איינגעבויגען צונויפ־צוקלייבען די גראז, האט ער דערזעהן דורך דער האלב־אויפ־געעפענטער בלוזע א בלאנדען פוד אויפ'ן אונטערשטען טייל פונ'ם האלז און אויפ'ן רוקען. די געהיימע תאוה וועלכע האט אין איהם געשטורעמט, האט פלוצלונג אויסגעבראכען. ער האט זיך אויף איהר, פון הינטען, ארויפגעווארפען, זי אנגעכאפט ביים האלז און פאר דער טאליע און, צוריקוואר־פענדי'ג איהר קאפ אויף הינטען, האט ער איינגעגראבען זיינע ליפען אין איהר האלב אפענעם מויל. ער האט געקושט איהרע טרוקענע און געשפאלטענע ליפען, און דערגרייכט איהרע ציין, וועלכע האבען איהם פון כעס געביסען. זי האט זיך מיט איהם געראנגעלט. ער האט איהר געדריקט אלץ שטארקער אזוי ווי ער וואלט איהר וועלען דערווערגען. זי האט זיך, ענדליך, ארויסגעריסען, געשריען, געשפיגען, זיך אפגעווישט די ליפען מיט דער האנט און באליידיגט איהם אויפ'ן ערגסטען אופן. ער האט זי אפגעלאזען און זי איז אנטלאפען איבער'ן פעלד. זי האט איהם געווארפען שטיינער און, צוזאמען מיט דעם, א הויפען שמוציגע זלזולים. ער איז רויט געווארען, ניט אזוי איבער דעם וואס זי האט געזאגט און געטראכט, ווי איבער דעם וואס ע ר האט געדענקט וועגען זיך גופא. דער ניט אויסגערעכענטער אנגריף וואס ער האט פלוצלונג געמאכט, האט אויף איהם א שרעק אנגע־

ווארפען. וואס האט ער געטאן? וואס זאל ער איצט טאן? ער האט ניט פארשטאנען: אויף וואס ער האט י א פאר־שטאנען האט אין איהם ארויסגערופען א געפיהל פון עקעל. און דאך איז דער ע ק ע ל געשטאנען פאר איהם ווי א נסיון. ער האט געקעמפט געגען זיך גופא און האט ניט געוואוסט אויף וועלכער זייט דער אמת'ער קריסטאף גע־פינט זיך. א בלינדע קראפט איז איהם באפאלען און אומ־זיסט איז ער פון איהר אנטלאפען. וואס וועט ער טאן מאר־גען... אין א שעה ארום... אין דער צייט וואס עס דארף איהם נעהמען אריבערצוגעהן דאס פאראקערטע פעלד אום צו קומען צום וועג? וועט ער נאר דערגעהן אהין? וועט ער זיך ניט אפשטעלען כדי צוריקצוקומען און נאכלויפען דער מיידעל? און דאן... ער האט זיך דערמאהנט אן דעם מא־מענט פון שכרות, ווען ער האט זי געהאלטען ביים האלז. אלעס איז מעגליך. אלע מענשליכע האנדלונגען האבען דעמ־זעלבען ווערט. א פארברעכען אפילו... יא, אפילו א פאר־ברעכען... דאס רוישיגע הארץ־קלאפען האט איהם אפגע־שטעלט דעם אטעם. ווען ער איז צוגעקומען צום וועג, האט ער זיך אפגעשטעלט כדי אפצואטעמען. דארט, ווייטער, האט די מיידעל פארפיהרט א שמועס מיט אן אנדערער. ווען די געשרייען האבען אבגעשטעלט: ביידע האבען אויף איהם געקוקט, זיך געהאלטען מיט די הענט ביי די זיי־טען און הארציג־הילכיג געלאכט.

ער איז אהיים געקומען: זיך אפגעשלאסען אויף עט־ליכע טעג אין הויז און זיך ניט גערוהרט. אפילו אין שטאט אריין איז ער ערשט ארונטערגעגאנגען ווען ער איז דערצו געצוואונגען געווען. מיט שרעק האט ער אויסגעמיטען ארויסצוגעהן איבער דעם טויער פון שטאט, זיך אוועקצולא־

לאזען איבער די פעלדער: ער האט מורא געהאט דארט וויע־
דער אנגעגריפען צו ווערען פון דעם משוגע'נעם אנפאל וואס
האט איהם פריהער געטראפען ווי א ווינד־שלאג אין דער
רוהיגקייט פון שטורם. ער האט געגלויבט אז די מויערען
פון דער שטאט קאנען איהם דערפון באשיצען. ער האט
ניט געוואוסט, אז א שפעלטעלע צווישען פארמאכטע נאר־
דינען אזוי קליין אז נאר דאס אויג זאל קאנען אריינבליקען,
איז גענוג פאר'ן שונא זיך אריינצוגליטשען.

II

סאַבינע

אויפ'ן גאר אונטערשטען שטאק פון א פליגעל פונ'ם הויז, אויף דער אנדערער זייט פון הויף האט געוואוינט מיט איהר קליינער מיידעלע א צוואנציג יעהריגע יונגע פרוי. וואס איז א אז אלמנה געווען זייט איינגע מאנאטען. פרוי סאבינע פרעהליך האט אויך געהאלטען איילער'ס קראם וואס איז געשטאנען ביי דער גאס: זי האט דערצו נאך פארנו־מען צוויי צימערען אויפ'ן הויף, מיט א קליינעם גארטען און איז בלויז אפגעטיילט געווען פון די איילערס מיט א דראטענעם פארקאן אויף וועלכען עס האבען זיך געשלענגעלט קלעטערענדיגע בלעטער און בלומען. פרוי פרעהליך פלעגט מען דארט זעלטען זעהען: אבער דאס מיידעלע פלעגט איז גארטען פארברענגען דעם גאנצען טאג שפילענדיג זיך מיט בלאטע. דער גארטען איז טאקע זעהר פארנאכלעסיגט גע־ווען און דער אלטער יוסטוס, וועלכער האט האלט געהאט צו זעהען די אלעען און בלומען־בייטען איז בעסטער ארדנונג, איז דערפון שטארק אומצופרידען געווען. איינגע מאל האט ער דער אלמנה א פאר באמערקונגען געמאכט וועגען דעם ענין און דערפאר אפשר פלעגט זי אהין אזוי זעלטען קומען. און דער גארטען איז געבליבען ווי פריהער.

פרוי פרעהליך האט געהאלטען א קליין גאלאנטעריי־געשעפט, וואוהין עס פלעגען ווייניג קונדען אריינקומען. — כאטש עס איז געשטאנען אין א לעבעדינער האנדעלס־גאס אין רעכטען מיטען פון שטאט: זי האט זיך וועגען דעם געקימערט פונקט אזוי ווייניג ווי וועגען גארטען. אנשטאט

צו טאָן אַליין איהר הויז־אַרבייט. וויַ עס פּאַסט, לויט פרוי פּאַגעל'ס מיינונג, פאַר אַן אַנשטענדיגע בעל־הבית'ע — איר־בערהויפּט ווען מען האָט ניט קיין פאַרמעגענס, וואָס ערלויבען, כאָטש עס באַרעכטיגט ניט, צו זיין פויל — האָט זי גע־האַט אַ דיענסט־מיידעל, פון אַ יאָהר פופצעהן, וועלכע פלעגט קומען אויף אַ פּאָר שעה יעדען פריהמאָרגען, צוצוראַמען די צימערען און אויפפּאַסען אין קראָם, בעת די יונגע פרוי פלעגט זיך פוילען אויפצושטעהן פון בעט אָדער פלעגט לאַנג פאַרברענגען ביים שפּיגעל זיך אַנטאָענדיג.

קריסטאָף האָט איהר צומאָל דורך זיין פענסטער גע־זעהן, אַרומגעהענדיג אין איהר צימער מיט באַרוועסע פיס, אין איהר נאַכט־העמד, אָדער זיצענדיג שטונדען־לאַנג ביים שפּיגעל; ווארום זי איז אַזוי נאַכלעסיג געווען, דאָס זי פלעגט אַפילו ניט פאַרציהען די פאַרהאַנגען. און ווען זי פלעגט איהם דערזעהן, פלעגט זי זיך פּשוט פוילען צו געהן זיי אַראָפּלאָזען. קריסטאָף, מעהר באַשיידען ווי זי, פלעגט זיך אָפּרוקען פון פענסטער כדי איהר ניט צו פאַרשעהמען. דאָך איז דער נסיון געווען גרויס. רויט־ווערענדיג, פלעגט ער אַ בליק טאָן אויף איהרע מאַגערעליכע, נאַקעטע אַרימס, וועלכע זי פלעגט אויפהויבען, פאַרשלאָפען און מאַט, אַרום איהרע צופאַלענע האָר, און פלעגט פאַרבלייבען מיט די הענט אַרומגענומען הינטער'ן נאַקען, זיך פאַרגעסענדיג וואו זי שטעהט, און זיי ערשט אַראָפּלאָזען ווען זי האָט געפיהלט אַז זיי זיינען שטייף געוואָרען. קריסטאָף האָט זיך איינגע־רעדט אַז ער זעהט דאָס אַנגענעמע בילד בלויז צופעליג און אַז דאָס שטערט ניט זיינע מוזיקאַלע שטימונגען און געדאַנ־קען; אָבער עס האָט איהם אַנגעהויבען צו געפעלען און מיט דער צייט פלעגט ער פאַרלירען אַזוי פיעל צייט קוקענדיג

אויף פרוי סאבינע, וויפיעל עס האט איהר געקומען צו מאַ־
כען איהר טואלעט. ניט דוקא ווייל זי איז געווען קאקעט:
זי איז גראַד, געוועהנליך, געווען באַכלעסיג, און האט זיך
מיט איהר קליי־זונג און אויסזעהן ניט אזוי פיעל אפגעגעבען
ווי אמאליע און ראזע. זי פלעגט זיך פשוט פארגעסען ביי
איהר טואלעט־טיש פון איינפאכער פוילקייט: נאך יעדער
האר־נאַדעל וואס זי האט ארייגעשטעקט, האט זי זיך גע־
מוזט אפרוהען ווי נאך א גרויסער אנשטרענגונג און געקוקט
אין שפיגעל מיט א פארקלערטען רחמנות־פנים. פארנאכט
אפילו, איז זי נאך ניט געווען רעכט אנגעטאן.

אפט פלעגט די דיענסט־מיידעל ארויסגעהן איידער
סאבינע איז פארטיג געווארען; און אויב א קונה האט אנ־
געקלונגען ביי דער טיר פון געוועלב, האט זי איהם געלאזט
קלינגען אדער רופען איינס אדער צוויי מאל, איידער זי
האט זיך באשלאסען אויפצוהויבען פון שטול. זי פלעגט דאן
אראפקומען שמייכלענדיג, ניט געאיילט — ניט געאיילט
זוכען דעם פארלאנגטען ארטיקעל: אויב זי האט איהם נאך
א ווייל ניט געקאנט געפינען, אדער ווען זי האט זיך גע־
דארפט געבען אביסעל טרחה כדי עס צו דערגרייכען, ווי
צום ביישפיעל, איבערשטעלען דעם לייטער פון איין עק צי־
מער צום אנדערען — האט זי גאנץ רוהיג געזאגט אז זי האט
מעהר ניט דעם ארטיקעל: און אזוי ווי זי האט זיך ניט גע־
קימערט צו מאכען א שטיקעל ארדנונג אין דאס געשעפט און
אויפ'ס ניי באשטעלען די ארטיקלען וואס זיינען איהר אויס־
געגאנגען, האט עס די קונדען דערעסען און זיי זיינען גע־
גאנגען אנדערשוואו. איבעריגענס, עס האט זיי גארניט
פארדראסען. ווער האט געקאנט ברוגז ווערען אויף אזא
פריינדליכע פרוי, וועלכע האט גערעדט מיט א זיס־אנגענעה־

מער שטים און איז פון קיין זאך ניט אויפגערעגט געוואָרען? קיין זאך וואָס מען האָט איהר דערצעהלט האָט איהר ניט געריהרט; און מען האָט עס באַלד אזוי דייטליך דערפיהלט אז די וואָס פלעגען זיך פאַר איהר באַקלאָגען פלעגען פאַר־לירען דעם חשק צו פאַרענדיגען: מען איז אַוועקגעגאַנגען. שמייכלענדיג אויף איהר אנגענעהמען און שעהנעם שמייכעל. אָבער צוריק איז מען ניט געקומען. עס האָט זי ניט געאַרט. זי האָט שטענדיג געשמייכעלט.

זי האָט אויסגעזעהען ווי אַ קליינע פלאָרענטינישע פי־גור, און געהאַט הויכע, שעהן־רונדע ברעמען, מיט האַלב־אָפענע גרויע אויגען אונטער'ן פאַרהאַנג פון איהרע אויגען־וויהען. דאָס אונטערשטע אויגען־זעקעל איז אביסעל געווען אנגעבלאָזען און אונטער דעם אַ לייכטער קנייטש. איהר קליי־נע, איידעלע נאָז האָט זיך ביים שפּיץ אביסעל רונד אויפגע־הויבען. אַן אנדער לייכט־רונדע ליניע האָט די נאָז אָפּגע־טיילט פון דער אויבערשטער ליפּ, וועלכע האָט זיך אַרויפ־געדרעהט איבער איהר האַלב־אָפענעם טרויריג־שטיפערישען און שמייכלענדיגען מויל. די אונטערשטע ליפּ איז געווען אביסעל גראָב; דער נידעריגער טייל פונ'ם פּנים איז געווען רונד און האָט געטראָגען די קינדיש־ערנסטע מיענע פון פּי־ליפּאָ ליפּי'ס קליינע יונג־פרויען. איהר געזיכטס־פאַרב איז געווען ניט קלאָר טונקעל, איהר האָר העל־ברוין, צוואַוואָרפענע לאָקען, און אַ פאַרנאַנדערגעפאַלענעם פאַרדרייטען צאָפּ. זי האָט געהאַט אַ דינעם, ניט פעסטען קערפּער, קליינע, איי־דעלע ביינער און לאַנגזאַמע באַוועגונגען. נאַכלעסיג געקליי־דעט, אין אַ לאַנגען יאַק, אין וועלכען עס האָבען געפעהלט אַ פּאָר קנעפּלעך. אבגענוצטע און ניט שעהנע שיך. כאָטש אַ נאַכלעסיגע אין אויסזעהן, האָט זי דאָך באַצויבערט מיט איהר

יוגענדליכער גראַציע, מיט איהר צערטליכקייט און אינס־טינקטיוו־לאַשמשענדער נאַטור. יעדעס מאָל ווען זי פלעגט צו דער טיר צוקומען אום אביסעל פרישע לופט איינאַטע־מען, איז זי פון די פאַרבייגעהענדע יונגע לייט מיט פאַר־גניגען באַטראַכט געוואָרען; און כאָטש זי האָט זיך וועגען זיי ניט געקימערט, האָט זי עס דאָך באַמערקט. דאָן האָט מען אין איהרע אויגען געקאָנט זעהן אַן אויסדרוק פון דאַנק־באַרקייט און פרייד, אַזוי ווי ביי אַלע פרויען וועלכע פיהלען אַז מען באַטראַכט זיי מיט סימפּאַטיע. עפּעס האָט זיך גע־דאַכט, אַז זי זאָגט:

— אַ שעהנעם דאַנק!... קוקט נאָך אַמאָל! נאָך אַ מאָל!... דאָך ווי גרויס איהר פאַרגעניגען האָט ניט געמעגט זיין פון דעם, וואָס זי געפעלט אַלעמען, האָט איהר נאַטיר־ליך גלייכגילטיגער כאַראַקטער איהר קיינמאָל ניט געלאָזען מאַכען קיין אַנשטערנגונג דערצו.

די איילערס־פאַגעלס האָט זי סקאַנדאַליזירט, אַפּגע־שטויסען. אַלץ אין איהר האָט זיי פאַרלעצט: איהר פויל־קייט, די אומאָרדנונג אין הויז, איהר נאַכלעסיגע קליידונג, איהר גלייכגילטיגע העפליכקייט צו זייערע באַמערקונגען, איהר שטענדיגער שמייכעל, די חוצפּה'דיגע רוהיגקייט מיט וועלכער זי האָט אַנגענומען איהר מאַנ'ס טויט, איהר קינד'ס קראַנקהייט, דער שלעכטער מצב פון איהרע געשעפטען, די טאָג־טעגליכע צרות, ניט ענדערענדיג אויף אַ האָר איהרע ליעבלינגס־געוואוינהייטען, איהר שטענדיג חלומ'ען—אַלעס אין איהר האָט זיי געקריינקט: און מעהר פון אַלץ, דאָס וואָס כאָטש זי איז געוועזען אַזאַ, האָט מען מיט פאַרגעניגען אויף איהר געקוקט. פרוי פאַגעל האָט עס איהר ניט געקאָנט מוחל זיין. עס האָט אויסגעזעהען אַזוי ווי סאַבינע וואָלט

דאָס אַלעם געטאָן אומיסנע כדי מיט איהר באַנעמונג איראָ־ניש אָבצולייקענען די שטאַרקע טראַדיציעס. די אמת'ע פּרינ־ציפּען, די האַמעטנע פּליכט, די אומאַנגענעמע אַרבייט, דאָס ראַשען, דאָס גוואַלטעווען, די רייסערייען, דאָס קלאָגען, דעם פּעסטען פּעסימיזם וואָס איז געווען דער לעבענס־מאָטיוו פון דער בלאַלער פאַמיליע ווי פון אַלע בעל־הבית'ישע פאַמי־ליען און האָט זיי געבען פּאַרוים אַן אַנצוהערעניש ווי עס פיהלט זיך אין גיהנום. אַז אַ פרוי זאָל גאַרנישט טאָן, אַ חוץ דרעהען זיך פאַר'ן שפּיגעל דעם גאַנצען טאָג, און זאָל זיי דערצו נאָר רייצען מיט איהר העזה'דיגער רוהיגקייט בעת זיי פּאָלען ביי דער אַרבייט ווי קאַטאַרזשניקעם — און ועל כולם זאָל נאָך די וועלט איהר אָפּגעבען רעכט — דאָס געהט באמת אַריבער אַלע גרענעצען, דאָס קען ווירקליך אָוועקנע־מען דעם מוט צו ערליכקייט, אַנשטענדיגקייט!... צום גליק זיינען נאָך פאַראַן אויף דער ערד גאָט צו דאַנקען אַ פּאָר מענשען מיט שכל. די פרוי פּאָגעל האָט זיך מיט זיי גע־טרייסט. יעדען טאָג פלעגט מען זיך דערצעהלען וואָס מען האָט באַמערקט ביי דער יונגער אלמנה, וועלכע מען האָט שפּיאָנירט דורך די שפּאַלטען פון די גאַרדינען. מיט די ריידערייען און נבל־פה פלעגט מען זיך ביי דער נאַכט אין הויז אַמוזירען, בעת מען איז געזעסען אַרום טיש. קריסטאָף האָט זיך ווייניג צו דעם צוגעהערט. ער איז שוין אַזוי צוגע־וואָהנט געווען צו הערען די פּאָגעלס רעדען ווי שופטים איבער דער באַנעמונג פון זייערע שכנים, אַז ער האָט קיין אויפמערקזאַמקייט דערצו ניט געשאָנקען. איבעריגענס, האָט ער נאָר געקאָנט פרוי סאַבינע'ס נאַקען און בלויזע אָרעמס, וועלכע — כאָטש זיי זיינען געווען גענוג שעהן, האָבען איהם דאָך ניט באַרעכטיגט צו האָבען וועגען איהר

א באשטימטע מיינונג. ער האט זיך אבער געפיהלט פול מיט סימפאטיע צו איהר; און אויף להכעיס פרוי פאגעל, איז ער סאבינ׳עז געוועז באזונדערס דאנקבאר פאר וואס זי געפעלט איהר ניט.

אין אבענט, נאָך דעם עסען, ווען עס איז זעהר הייס געווען, האָט מען ניט געקאָנט בלייבען אינ'ם שטיקענדיגען הויף, וואו די זון האָט געברענט דעם גאַנצען נאָכמיטאָג. דער איינציגער פּלאַץ, וואו מען האָט געקאָנט אביסעל אָפּאָטעמען איז געווען דער טייל פון'ם הויז וואָס איז געשטאַנען ביי דער גאַס. איילער און זיין איידעם פלעגען אָפּטמאָל זיך אוועקזעצען אויף די טרעפּ פאר דער טיר, מיט לואיזע'ן. פרוי פאָגעל און ראָזע פלעגען בלויז ארויסקומען אויף א מינוט: זיי זיינען שטענדיג געווען פארנומען מיט הויז־ארבייט, מיט דער בעל־הבית'ישקייט: פרוי פאָגעל, האָט שטאָלצירט דער־מיט וואָס זי האָט ניט קיין צייט צו פארלירען: זי פלעגט עס אויך ארויסווייזען און זאָגען הויך, כדי מען זאָל זי הערען, אז די אלע לייט, וואָס שטעהען דאָרט ביי זייערע טירען און טוען גאַרנישט מיט זייערע הענט, מאַכען איהר נערוועז. אזוי ווי זי האָט זיי אבער ניט געקאָנט (דאָס האָט איהר באַנג געטאָן) צווינגען צו ארבייטען, האָט זי באַשלאָסען זיי ניט צו זעהן און איז אריינגעגאַנגען ארבייטען נאָך ענער־גישער. ראָזע האָט געפיהלט אויף זיך דעם חוב איהר נאָכ־צוטאָן. איילער און פאָגעל פלעגען דערפיהלען אז לופט־צוגען קומען פון אלע זייטען: זיי האָבען מורא געהאַט זיך צו פארקיהלען און האָבען דערפאר באַשלאָסען ארויפצוגעהן אין הויז, זיי פלעגען זיך לעגען פריה שלאָפען און וואָלטען זיך באַטראַכט פאר אומגליקליך, ווען זיי וואָלטען אויפ'ן מינדסטען געביטען זייער געוואָהנהייט. נאָך ניין א זייגער

זיינען נאר פארבליבען לואיזע און קריסטאף. לואיזע פלעגט דעם גאנצען טאג פארברענגען אין איהר צימער און איז אבענט האט קריסטאף געזוכט צו פארבלייבען מיט איהר כדי זי זאל שעפּען אביסעל פרישע לופט. אהן איהם וואלט זי באין אופן ניט ארויסגעגאנגען: דער געררויש פון דער גאס פלעגט איהר דערשרעקען. קינדער יאגען זיך איינס נאך דאס אנדערע מיט הילכיגע געשרייען. די הינט פון דער געגענד ענטפערען אפּ מיט זייער בילען. דא הערט מען פיאנא־קלאנגען, ווייטער אביסעל א קלארנעט, און אין א דערבייאינער גאס א קארנעט. שטימען פארמישען זיך איינס מיט'ן אנדערען שרייענדיג: מענשען געהן און קומען גרופּען־ווייז פאר זייערע הייזער. לואיזע וואלט זיך פארלארען אליין אין מיטען פון אט דעם גערודער. נעבען איהר זוהן אבער, האט עס איהר כמעט פארגעניגען פארשאפט. דער געררויש האט זיך לאנגזאמער איינגעשטילט. די קינדער זיינען געוועזן די ערשטע צו געהן שלאפען. די מענשען־גרופען זיינען זיך צוגאנגען. די לופט איז ריינער געווארען. א שטילקייט האט די ערד ארומגענומען. לואיזע דערצעהלט מיט איהר שוואכער שטים די שטיקלעך נייעס וואס זי האט געהערט פון אמאליע'ן אדער ראזען. זי האט אין דעם קיין גרויסען אינטערעס ניט געפונען: אבער זי האט ניט גע־וואוסט וועגען וואס צו ריידען מיט איהר זוהן און זי האט געפיהלט אז זי מוז זיך פארענטפערען פאר איהם — זאגען איהם עפּעס. קריסטאף, וועלכער האט עס געפיהלט, פלעגט זיך כלומרשט פאראינטערעסירען דערמיט וואס זי דער־צעהלט: אבער ער פלעגט זיך באמת ניט צוהערען. ער פלעגט זיך שטיל פאר'חלום'ען און איבערטראכטען וואס עס איז מיט איהם פארגעקומען דורכ'ן טאג.

איין אָבענט, בעת זיי זיינען אַזוי געזעסען און זיין מאַמע האָט גערעדט, האָט ער דערזעהן ווי די טיר פונ׳ם דערביי־איגען קראָם עפענט זיך. אַ פרויען־געשטאַלט איז שטיל אַרויסגעגאַנגען און זיך אוועקגעזעצט אויף דער גאַס. אַ פּאָר טריט האָבען אָפּגעטיילט איהר שטול פון לואיזע׳ן. זי איז געזעסען אין טיפסטען שאָטען. קריסטאָף האָט ניט געקענט זעהען איהר פּנים; אָבער ער האָט איהר דערקענט. זיין פאַר׳חלומ׳טע שטימונג איז אוועק. די לופט האָט איהם אויסגעזעהן אָנגענעהמער. לואיזע האָט ניט באַמערקט סאַבינע׳ס אַנוועזענהייט און האָט שטיל פאָרגעזעצט איהר דורהיגען געשפּרעך. קריסטאָף האָט זיך בעסער צוגעהערט. און געפיהלט אַז עס ווילט זיך איהם זיינע מחשבות מיט איהרע פאַרבינדען; אַז עס ווילט זיך איהם רעדען, און אפשר דערהערט צו ווערען. די קליינע געשטאַלט איז געבליבען זיצען זיך ניט באַוועגענדיג, ווי פאַרזונקען, די פיס איינס איבער דאָס אַנדערע, די הענט פאַרלעגט איבער די קניע. זי האָט געקוקט גלייך פאַרויס און עס האָט אויסגעזעהן ווי זי וואָלט גאַרניט געהערט. לואיזע איז אַנדרעמעלט געוואָרען. זי איז אַריינגעגאַנגען. קריסטאָף האָט געזאָגט, אַז ער וויל נאָך פאַרבלייבען אַ ווייל.

עס איז געווען באַלד צעהן אַ זייגער. די גאַס איז געווען פּוסט. די לעצטע פּאָר שכנים זיינען אַריינגעגאַנגען איינער נאָך דעם אַנדערען. מען האָט געהערט דעם גערויש פון קראָמען וואָס ווערן פאַרמאַכט. די באַלויכטעטע פענסטער האָבען ווי געוואָונקען און זיך באַלד פאַרלאָשען, אין איינעם אָדער צוויי איז נאָך געווען ליכטיג. באַלד איז אויך דאָרט טונקעל געוואָרען. שטילקייט... זיי זיינען געווען אַליין: זיי האָבען איינע אויף די אַנדערע ניט געקוקט, זיי האָבען איינ־

געהאלטען זייער אטעם: עס האט אויסגעזעהן ווי זיי וואל־
טען פארגעסען, אז זיי זענען איינע, נעבען דער אנדערער. פון
די ווייטע פעלדער האט זיך געצויגען אן אנגענעהמער רח פון
פריש געשניטענע היי און פון א נאהענטען באלקאן האט זיך
געפיהלט דער גערוך פון נעגעלאך־געווירץ. אין דער לופט
האט זיך גארניט באוועגט. איבער זייערע קעפ האבען די
שטערן פון דעם „מילך־וועג" שטיל געלויכטען. אין דער
רעכטער זייט האט מען געזעהן דעם שטערן יופיטער, בלוט־
רויט. איבער א קוימען האט א שטערן־גרופע, עהנליך צו
דוד'ס רייטוואגען, אנגעבויגען איהרע אקסען: און אין דעם
בלייך־גרינעם הימעל האבען זיי געבליהט ווי מארגעריטקעס.
איין קירך האט געקלונגען עלף און אלע אנדערע קירכען
פון ארום, מיט זייערע קלאהרע אדער הייזעריגע שטימען
האבען די קלאנגען ווידערהאלט: און אין די הייזער האבען
די וואנד־זייגערס זיך אויך געלאזט הערען מיט זייערע מע־
טאל־שטימען אדער מיט זייערע פארזשאווערטע, הייזעריגע
קוקום.

זיי האבען זיך פלוצלונג אויפגעכאפט פון זייער פאר־
חלום'קייט און זיך אויפגעהויבען צו דער זעלבער צייט.
און בעת זיי האבען געהאלטען ביים אוועקגעהן, יעדער אין
זיין זייט, האבען זיי זיך ביידע באגריסט מיט'ן קאפ, ניט
אויסריידענדיג קיין ווארט. קריסטאף איז ארויף געגאנגען
אין זיין צימער. ער האט אנגעצונדען זיין ליכט, זיך אוועק־
געזעצט ביים טיש, מיט'ן קאפ אין די הענט און אזוי, ניט
טראכטענדיג פון קיין זאך, פארבליבען א לאנגע צייט. דאן
האט ער אפגעזיפצט און זיך געלעגט שלאפען.

דעם צווייטענ אָבענט האָט קריסטאָפֿ פֿאַרגעשלאָגענ זיינ מאַמענ, ווידער זיכ צו זעצענ פֿאַר דער הויז-טיר. מיט דער צייט איז עס געוואָרענ אַ געוואָהנהייט. לואיזע האָט דערפֿונ הנאָה געהאַט: זי פֿלעגט פֿריהער אומרוהיג זיינ, זעהענדיג ווי ער שליסט זיכ אָפּ אינ זיינ צימער גלייכ נאָכ'נ מאָלצייט אונ זיצט מיט אַראָפּגעלאָזענע גאַרדינענ אונ פֿאַרמאַכטע פֿענסטער. — די קליינע, שטילע שאָטענ-געשטאַלט פֿלעגט אויכ ניט פֿאַרפֿעהלענ צו קומענ אונ זיכ זעצענ אויפֿ איהר געוויינליכענ פּלאַץ. זיי פֿלעגענ זיכ שנעל באַגריסענ, אַזוי אַז לואיזע האָט עס ניט געקענט באַמערקענ. קריסטאָפֿ האָט גערעדט מיט זיינ מאַמענ. סאַבינע האָט געשמייכעלט צו איהר מיידעלע, וואָס האָט זיכ געשפּיעלט אינ גאַס. אַרום ניינ אַזייגער פֿלעגט זי פֿיהרענ דאָס קינד שלאָפֿענ אונ דאַנ שטיל צוריק קומענ. אויב זי איז פֿאַרבליבענ לענגער אַ ווילע אינ הויז, האָט שוינ קריסטאָפֿ מורא געהאַט אַז זי וועט ניט צוריקקומענ. ער פֿלעגט זיכ שטאַרק צוהערענ צום גערויש פֿונ'ם הויז, צו דעם לאַכענ פֿונ'ם מיידעלע, וואָס האָט ניט געוואָלט איינשלאָפֿענ אונ פֿלעגט דערהערענ דאָס רוישענ פֿונ סאַבינע'ס קלייד נאָכ איידער זי פֿלעגט זיכ באַווייזענ אויפֿ'נ שוועל. דאַנ פֿלעגט ער אָפּדרעהענ די אויגענ אונ נעהמענ מעהר לעבעדיג רעדענ מיט דער מאַמע'נ. מאַנכעסמאָל האָט זיכ איהם געדוכט אַז סאַבינע קוקט אויפֿ איהם. ער פֿלעגט וואַרפֿענ אויפֿ איהר זייט פֿאַר'גנב'עטע בליקענ: קיינמאָל אָבער האָבענ זיכ זייערע אויגענ ניט באַגעגענט.

דאָס מיידעל האָט געדינט אַלס אַ באַנד צווישען זיי. זי איז ארומגעלאָפען מיט אנדערע מיידלעך אין גאַס. זיי האָבען זיך אמוזירט צוזאַמען אנרייצענדיג אַ ניט־בייזען הונט. וואָס האָט געדרעמעלט מיט דער נאָז צווישען די לאַפּעס און האַלב אויפגעמאַכט אַ רויט־אויג, ארויסלאָזענדיג אַ פאַר־שלאָפען־הייזעריגען ברום. דאַן זיינען זיי זיך צולאָפען קוויטשענדיג פון שרעק און קינדערשער פרייד. דאָס קינד האָט געמאַכט שרעקליכע קולות און האָט געקוקט הינטער זיך, צו דער הונט לויפט איהר ניט נאָך. זי האָט זיך געוואָר־פען צווישען לואיזע'ס פיס וועלכע האָט ליעבליך געלאַכט. לואיזע האָט דאָס קינד פארהאַלטען כדי זי אויסצופרעגען און פאַרפיהרען אַ געשפּרעך מיט סאַבינ'ען. קריסטאָף האָט זיך קיינמאָל ניט אריינגעמישט. ער האָט ניט גערעדט צו סאַ־בינ'ען. סאַבינע האָט ניט גערעדט צו איהם. זיי האָבען איינע די אנדערע איגנאָרירט: ווי זיי וואָלטען אַ שטילען, אָפּמאַך צווישען זיך געהאַט, צו האַנדלען אַזוי. אָבער ער האָט קיין וואָרט ניט פאַרפעהלט פון די געשפּרעכען וואָס זיי האָבען אנגעפיהרט צווישען זיך. לואיזע'ן פלעגט זיין שוויי־גען אויסזעהען פיינדליך. סאַבינע האָט ניט געהאַט דיזעלבע מיינונג: עס פלעגט מעהר אָבער מאַכען שעמעדיג און אָפּט זי צו צומישען אין איהרע רעד. דאַן פלעגט זי אויפזוכען אַ תּרוץ און אריינגעהן אין הויז.

לואיזע האָט זיך פאַרקיהלט און איז אַ גאַנצע וואָך פאַרבליבען אין צימער. קריסטאָף און סאַבינע זיינען גע־בליבען אליין. צום ערשטען מאָל האָבען זיי זיך געפיהלט דערשראָקען. סאַבינע האָט, אום עפּעס וואָס צו טאָן, געהאַל־טען דאָס מיידעלע אויף די קניע און זי באַדעקט מיט קושען. קריסטאָף האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגענהייט און ניט גע־

וואוסט. צו דאַרף ער זיך מאַכען ניט וויסענדיג וועגען דעם וואס עס קומט פאַר נעבען איהם? די לאַנגע איז געווארען שווער: ווארום כאָטש זיי האָבען נאָך קיינמאָל ניט גערעדט איינער מיט דעם אַנדערען, האָבען זיי זיך, אַ דאַנק לואיזע'ן דאָך שוין געקענט. ער האָט געפּרובירט ארויסריידען עפּעס: אָבער די ווערטער זיינען איהם געבליבען שטעקען אין האַלז. דאס מיידעלע האָט זיי דאס מאָל אויך געהאָלפען אין זייער פאַרלעגענהייט. זי האָט זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש און זיך געדרעהט ארום קריסטאָף'ס שטוהל ביז ער האָט זי איינמאָל געכאַפּט ארומלויפענדיג און אַ קוש געטאָן. ער האָט ניט שטאַרק ליעב געהאַט קינדער: אָבער ער האָט גע־האַט אַ זאָנדערבאַרען פאַרגעניגען צו קושען סאַבינ'עס מיידע־לע. זי איז געווען פאַרקאָכט אין איהר שפּיעל און זיך ניט געלאָזט קושען. קריסטאָף האָט איהר געדרייצט, זי האָט איהם אַ ביס געטאָן אין אַ האַנט: ער האָט איהר געלאָזט אַראָפּ־פאַלען אויף דער ערד. סאַבינע האָט געלאַכט. זיי האָבען געקוקט אויף דאס קינד און זיך איבער געוואַרפען מיט אַ פּאָר ווערטער. דאַן האָט קריסטאָף געפּרואווט (ער האָט עס באַטראַכט פאַר זיין חוב) צו פאַרפיהרען אַ שמועס: אָבער ער האָט געהאַט ווייניג וואס צו זאָגען: און סאַבינע האָט איהם גאַר ניט צוגעהאָלפען אין דער אונטערנעהמונג: זי האָט בלויז ווידערהאָלט וואס ער האָט געזאָגט:

— „עס איז אַ שעהנער אָבענט היינט!“

„יאָ, עס איז אַ פּראַכטפולער אָבענט“.

— „מען קאָן קוים אָטעמען אין הויף“.

„יאָ, דאס הויף איז ווירקליך שטיקענד“.

דער געשפּרעך איז נאָך שווערער געווארען. סאַבינע, זעהענדיג אַז עס איז שוין צייט צו לעגען שלאָפען איהר

מיידעלע, האָט שנעל אויסגענוצט די געלעגענהייט, — זי איז אריינגעגאנגען און מעהר ניט ארויסגעקומען.

קריסטאָף האָט מורא געהאט אז זי זאָל דאָסזעלבע ניט טאָן די קומענדע אבענטען און אויסמיידען צו בלייבען מיט איהם אליין, כל זמן לואיזע איז ניטאָ. אבער עס איז גראד געווען פארקעהרט: און אויפ'ן צווייטען אבענט האָט סאבינע ווייטער געפרואווט פאַרבינדען א געשפרעך. זי האָט עס געטאָן ניט אזוי צוליעב איהר פארגעניגען ווי צוליעב דאס וועלען זאָגען עפּעס: מען האָט געזעהען אז זי באַמיהט זיך שטאַרק צו געפינען אן ענין איבער וועלכען צו רעדען, און אז די פראַגע וואס זי שטעלט האָבען איהר געלאנגווײלט: נאָך יעדער פראגע און ענטפער איז אריינגעטראָטען א פאררדריס־ליכער און אומאנגענעהמער שטילשווייגען. קריסטאָף האָט זיך דערמאָנט אן זיינע ערשטע שמועס'ען מיט אטא'ן: אָבער מיט סאבינ'ען זיינען די מעגליכקייטען אנצוּיפהרען אָ געשפרעך געווען נאָך קלענער, און דערצו נאָך האָט זי ניט געהאט אָטאָ'ס געדולד. ווען זי האָט געזעהען דעם קליי־נעם ערפאָלג פון איהר פּראָבע, האָט זי עס גענצליך אבגעלאָזען: עס האָט זיך געפאָדערט צופיעל אנשטרענגונג און עס האָט איהר מעהר ניט אינטערעסירט. זי איז געבליבען שטיל און ער האָט איהר נאָכגעטאָן.

באלד איז אלץ ווידער זיס־אנגענעהם געווארען. די נאכט איז געווארען ווידער רוהיג, דאָס געמיט פאר'חלומ'ט. סאַבינע האָט זיך לאנגזאם געוויגט אויף איהר שטול, חלומ'־ענדיג: און קריסטאָף האָט ביי איהר זייט דאסזעלבע געטאָן. זיי האָבען ניט גערעדט צווישען זיך. אין א האלבע שעה ארום האָט קריסטאָף, באַגייסטערט און ווי צו זיך רעדענדיג, אויסגעדריקט זיין ענטציקונג איבער די פיינע רחות, וועלכע

א וואַרעם ווינטעל האָט מיט זיך געטראָגן, פאַרבייפליהענ־דיג פאַר א וועגעל מיט פאַזומקעס. סאַבינע האָט איהם געענטפערט צוויי, דריי ווערטער. זיי זיינען נאָכאַמאָל אנט־שוויגען געוואָרען. זיי האָבען פריידיג אין זיך אריינגעשעפּט דעם צויבער פון דעם אומענדליכען שטילשווייגען, פון דעם איינפאַר־גלייכגילטיגען רעדען. זיי האָבען דורכגעלעבט דעם זעלבען חלום, זיי האָבען געהאַט איין מחשבה: זיי האָבען ניט געוואוסט וואָס דאָס איז און זיך ניט געוואָלט אליין מודה זיין אין דעם. ווען דער זייגער האָט געשלאָגען עלף זיי־נען זיי זיך, שמייכלענדיג פאַרנאַנדערגעגאַנגען.

אויף מאָרגען האָבען זיי שוין אפילו ניט געפּרואווט פאַרבינדען א געשפּרעך: זיי זיינען אריינגעפאַלען אין זייער ליעבען שטילשווייגען. ווען ניט ווען האָבען א פּאָר איינצעלנע זילבען זיי אנגעוויזען, אז זיי דענקען איבער די זעלבע זאַכען.

סאַבינע האָט אָנגעפאַנגען לאַכען:

— „ווי גוט ס'איז, זיך ניט צו צווינגען ריידען! מען גלויבט אז מען מוז ריידען, און עס איז אַזוי לאַנגווייליג!"

„אַה! — האָט קריסטאָף טיף און האַרציג אויסגערור־פען, — ווען אלע זאָלען נאָר האָבען אייער מיינונג!"

זיי האָבען געלאַכט. זיי האָבען געטראַכט פון פרוי פאַ־געל.

— „אָרעמע פרוי, נעבאַך! — האָט סאַבינע געזאָגט, — ווי זי מוטשעט עס יעדען אוים!"

„אליין איז זי אבער קיינמאָל ניט אויסגעמוטשעט". — האָט קריסטאָף געענטפערט, מיט א טרויעריגער מינע.

סאַבינע האָט שטיפעריש געלאַכט פון זיינע ווערטער און מינע.

„איהר לאַכט דערפון ? — האָט ער געזאָגט — אייך אַרט עס ניט ? איהר האָט ניט פון איהר אויסצושטעהן".

— „נו אודאי, — האָט סאַבינע געזאָגט, — איך פאַר־שליס זיך פּשוט ביי זיך אין הויז..."

זי האָט געהאַט, אַ זיסען, כמעט שטילען געלעכטערל. קריסטאָף האָט זיך, אין דער רוה פון דער נאַכט, מיט ענט־ציקונג צו איהר צוגעהערט. ער האָט מיט פרייד איינגעאָ־טעמט די פרישע לופט.

„אה ! ווי גוט ס'איז צו שווייגען !" — האָט ער אויס־געדופען זיך אויסציהענדיג.

— „און ווי אומנויטיג עס איז צו ריידען !" — האָט זי געזאָגט.

„יאָ, — האָט קריסטאָף געענטפערט, מען פאַרשטעהט זיך אזוי גוט !" זיי זיינען ווידער אריינגעפאַלען אין זייער שטילשווייגען. די נאַכט האָט זיי ניט געלאָזט זיך זעהן איינע די אנדערע. זיי האָבען ביידע געשמייכעלט.

דאָך, כאָטש זיי האָבען געפיהלט דאָס זעלבע, ווען זיי זיינען געווען צוזאַמען — אדער זיי האָבען זיך אזוי פאַרגע־שטעלט — האָבען זיי באמת גאָרניט געוואוסט איינער וועגען דעם אנדערען. סאַבינע'ן האָט עס גאָרניט געאַרט. קריסטאָף איז אבער געווען מעהר נייגעריג. איין אבענט האָט ער איהם געפרעגט :

„האָט איהר ליעב מוזיק ?"

— „ניין", — האָט זי איינפאַך געענטפערט. — „מוזיק לאַנגווייליגט מיך. איך פאַרשטעה דערפון גאָרנישט."

די פּשוטע אָפענהערציגקייט האָט איהם דערקוויקט. עס האָבען זיך איהם אזוי צוגעגעסען די ליגענס פון מענשען וואָס פלעגען שרייען אז אהן מוזיק וואָלטען זיי משוגע גע־

ווארען, און פלעגען כמעט אויסגעהן פון לאַנגווייל, ווען מען האָט פאַר זיי געשפּיעלט. ניט ליעב האָבען און עס מודה זיין האָט איהם אויסגעזעהן ווי אַ טוגענד, ווי אַ גרויסע מעלה: ער האָט זיך נאָכגעפרעגט צו סאַבינע לייענט?

— „ניין." דערצו האָט זי ניט געהאַט קיין ביכער.

ער האָט איהר אָנגעבאָטען זיינע.

— „ערנסטע ביכער?" האָט זי אומרוהיג, געפרעגט.

„קיין ערנסטע ביכער, אויב זי וויל ניט. פּאָעזיע"...

— „אָבער דאָס זיינען דאָך ערנסטע ביכער!"

— „ראָמאַנען, אַלזאָ".

זי האָט געמאַכט אַ פאַרדריסליכע מינע.

„האָט איהר דאָס ניט פאַראינטערעסירט?"

— יאָ, עס אינטערעסירט איהר, אָבער אַלעמאָל פאַר־ציהט זיך עס צו לאַנג, זי האָט קיינמאָל קיין געדולד ניט געהאַט צו קומען צום סוף. זי פלעגט פאַרגעסען דעם אָנ־פאַנג, איבער שפּרינגען גאַנצע קאַפּיטלען און דאַן איז גאַנ־צען צעמישט ווערען. סוף כל סוף פלעגט זי אַוועקוואַרפען דאָס בוך."

„אַ שעהן ביסעל אינטערעס!"

— בע! ס'איז גענוג פאַר אַן אויסגעטראַכטער מעשה. איהר אינטערעס האָט זי אויפגעהאַלטען מיט אַנדערע זאַכען, מיט ניט קיין ביכער."

„מיט'ן טעאַטער אפשר?"

— „אָה! ניין... ניין..."

„געהט זי ניט אין טעאַטער?"

— „ניין. עס איז צו הייס, עס איז דאָ צופיעל עולם, עס איז אַ סך בעסער אין דער היים. דאָס ליכט שאַדעט צו די אויגען. און די אַקטיאָרען זיינען אַזוי מאוס..."

אויף דעם האבען זיי ביידע איינגעשטימט. אבער עס איז דארט פאראן נאך א זאך: דאס טעאטער־שטיק.

— „יא, האט זי גלייכגילטיג, געענטפערט. — אבער איך האב ניט קיין צייט.“

„וואס קאנט איהר דען טאן פון פריהמארגען ביז'ן אבענט?“

זי האט געשמייכעלט:

— „אה, עס איז פאראן אזוי פיעל צו טאן!“

„יא טאקע, — האט ער געזאגט, — איהר האט די קראם.“

— „אה! — האט זי רוהיג געענטפערט, — איך גיב מיך מיט דעם ניט שטארק אפ.“

„אייער מיידעלע, אלזא, נעהמט ביי אייך די גאנצע צייט אוועק!“

— „אה! ניין, די קליינע נעבעך! זי איז אזוי גוט און שטיל, זי שפילט זיך די גאנצע צייט אליין“.

„אלזא?“

ער האט זיך ענטשולדיגט פאר זיינע צודרינגליכע פראגען, איהר אבער האט עס אמוזירט.

— „פאראן אזוי פיעל, אזוי פיעל זאכען!“

„וועלכע?“

— „זי קען איהם ניט ערקלעהרען. פאראן פארשידענע זאכען. דאס אויפשטעהן אליין, זיך אנטאן, טראכטען וועגען אנבייסען, דאס אנבייסען אליין, דאגה'ן וועגען אבענט מאל־צייט, צוראמען אביסעל אין צימער... און אט איז שוין דער טאג אוועק... און מען דארף דאך פארט אביסעל צייט האבען, גארנישט ניט צו טאן!...“

„און איהר לאנגווייליגט זיך ניט?“

— „ניין, קיינמאָל ניט.“

„אפילו ווען איהר טוט גארנישט?“

— „דאן אודאי ניט, דאן וועניגער ווי אלעמאל. פאר־קעהרט: ארבייטען, טאָן עפּעס דאָס לאנגווייליגט מיך.“

זיי האָבען זיך באַטראַכט לאַבענדיג.

„ווי גליקליך איהר זייט! — האָט קריסטאָף זיך אָפּ־גערופען. מיר איז אומעגליך לעדיג צו זיצען.“

— „און מיר דאַכט זיך אז יאָ.“

„אָה, איך לערן זיך עס צו, לעצטענס.“

— „נאָ, איהר וועט זיך שוין אויסלערנען.“

אויפ'ן הארצען פלעגט איהם רוהיג און פרעהליך ווערען רעדענדיג מיט איהר. עס איז איהם גענוג געווען איהר בלויז צו זעהן. זיין אומרוהיגקייט פלעגט פארשווינדען און מיט דעם אויך זיין אויפרעגונג, זיין נערוועזער אנגסט וואס האָט איהם געדריקט דאס הארץ. בעת איהר רעדען האָט ער קיין דאגות ניט געהאַט: קיין דאגות ניט — בעת ער האָט פון איהר געטראַכט. ער האָט ניט געוואגט עס זיך עס מודה צו זיין: אבער דאך ווי ער פלעגט נאר זיין נעבען איהר, האָט ער געפיהלט אז א זיסע, פאר'חלומ'טע שטימונג נעהמט איהם ארום. ער פלעגט ווי אנדרעמעלט ווערען. ביי נאַכט האָט ער געשלאָפען ווי ער האָט נאך קיינמאָל ניט געשלאָ־פען.

צוריק קומענדיג פון דער ארבייט פלעגט ער א בליק טאן אין קראם אריין. כמעט שטענדיג האט ער דארט סאבי־נע׳ן געזעהן. זיי פלעגען זיך שמייכלענדיג באגריסען. אמאל פלעגט זי שטעהן אויפ׳ן שוועל און זיי פלעגען זיך מיט א פאר ווערטער איבערבייטען: אדער ער פלעגט עפענען די טיר, רופען די מיידעלע און איהר אריינרוקען אין האנט א פאקעטעל קאנפעקטען.

איין טאג האט ער זיך באשלאסען אריינצוגעהן. ער האט כלומרשט בארארפט האבען א פאר קנעפלעך פאר זיין זשילעט. זי האט זיך גענומען זוכען: אבער האט גאר־ניט געפונען. אלע קנעפלעך זיינען דורכגעמישט געווען: עס איז אומעגליך געווען אויסצוקלייבען א געוויסען זארט. עס האט איהר אביסעל פארדראסען וואס ער זעהט די אומ־ארדנונג. איהם האט עס אמוזירט און ער האט זיך נייגעריג איינגעבויגען כדי בעסער אריינצוקוקען.

— „ניין, ניין! קוקט ניט. — האט זי אויסגערופען פרואווענדיג צוצודעקען די קעסטעלעך מיט איהרע הענט — קוקט ניט... ס׳אזי א גאנצע צומישעניש.“

זי האט זיך ווידער גענומען זוכען. זי האט זיך אבער געשעהמט פאר קריסטאפ׳ן. זי איז ווי אין כעס געווארען און אויסגעשריען, צוריקשטופענדיג דעם קעסטעל:

— „איך געפין ניט, געהט צו ליזי׳ן, דא אין דער דער־בייאיגער גאס. זי האט געוויס די קנעפלעך. זי האט אלץ וואס מען וויל.“

ער האָט געלאַכט זעהענדיג ווי זי פיהרט איהרע גע־שעפטען.

„שיקט איהר אַלעמאָל אַזוי אַוועק אייערע קונדען צו איהר?“

— „נו, יאָ! איהר זייט ניט דער ערשטער — האָט זי לוסטיג געענטפערט.

דאַך איז זי אַביסעל פאַרשעהמט געווען.

— „עס איז צו לאַנגווייליג, — האָט זי פאַרגעזעצט.— אַלעם איינצואָרדנען, צו צוראַמען. איך לעג דאָס אָפּ פון טאָג צו טאָג... אָבער מאָרגען וועל איך עס שוין אודאי טאָן“.

„ווילט איהר, איך זאָל אייך העלפען?“

זי האָט זיך אָפּגעזאָגט, איהר וואָלט אודאי געווען אַנגע־נומען; אָבער זי האָט פּשוט ניט געוואָגט, מורא האָבענדיג באַרעדט צו ווערען פון די אַרומיגע. אויסער דעם וואָלט זי זיך געפיהלט ערנידעריגט. זיי האָבען ווייטער גערעדט.

— „נו, און אייערע קנעפּלעך? — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט צו קריסטאָף'ן. — געהט איהר ניט צו ליזי'ן?“

„אודאי ניט, — האָט קריסטאָף געענטפערט. איך וועל וואַרטען ביז איהר וועט אויפראַמען.“

— „אָה! — האָט סאַבינע, וועלכע האָט שוין פאַרגע־סען וואָס זי האָט פריהער געזאָגט, זיך אָפּגערופען, — וואַרט ניט אַזוי לאַנג.“

דער נייער אויסרוף האָט זיי ביידען דערפרעהט.

קריסטאָף איז צוגעקומען צום קעסטעל וואָס זי האָט צוריקגעשטופּט:

„לאָזט מיר זוכען, יאָ?“

זי איז צוגעלאָפען איהם אָפּצושטופען:

— „ניין, ניין, איך בעט אייך: איך בין זיכער אז איך האב ניט"...

„איך וועט אז איהר האט יא."

באלד, האט ער ארויסגעשלעפט, טריומפירענדיג, דעם קנעפעל וואס ער האט געזוכט. ער האט נאך געדארפט האבען. ער האט געוואלט ווייטער זוכען, אבער זי האט איהם דאס קעסטעל ארויסגעריסען פון די הענט און מיט א געוויסע שטאלץ אליין גענומען זוכען.

עס איז שוין געווען האלב־טונקעל. זי האט זיך דערנעהענטערט צום פענסטער. קריסטאף האט זיך אוועקגעזעצט א פאר טריט ווייטער, דאס מיידעלע איז איהם ארויפגעקראכען אויף די קניע. ער האט זיך כלומרשט צוגעהערט צו איהר פלאפלען און האט קוים געענטפערט. ער האט געקוקט אויף סאבינע'ן, וועלכע האט געוואוסט אז ער קוקט אויף איהר. זי האט זיך אריבער געבויגען איבער'ן קעסטעל. ער האט געזעהן איהר נאקען און א טייל פונ'ם פנים — און בעת ער האט אויף איהר געקוקט, האט ער געזעהן, אז זי ווערט רויט. און ער איז אויך רויט געווארען. דאס קינד האט אלץ גערעדט. קיינער האט איהר ניט געענטפערט. סאבינע האט זיך ניט געריהרט. קריסטאף האט ניט געזעהען וואס זי טוט: ער איז געווען זיכער אז זי טוט גארנישט. זי האט אפילו ניט געקוקט אויפ'ן קעסטעל וואס זי האט געהאלטען. די שטילקייט האט זיך פארלענגערט — די מיידעלע, אומרוהיג, האט זיך אראפגעגליטשט פון קריסטאף'ס קניע.

—„פארוואס, זאגסטו גארנישט?"

סאבינע האט זיך פלוצלונג אומגעדרעהט און איהר געדריקט אין איהרע ארימס. דאס קעסטעל און אלעם האט

זיך איבערגעקעהרט אויף דער ערד: די קליינע האָט פריילין געקוויטשעט און איז געלאָפען אויף אַלע פיער אויפזוכען די קנעפּלעך, וואָס האָבען זיך פאַרקייקעלט אונטער די מעבעל. סאַבינע איז צוריק געקומען צום פענסטער און צוגעדריקט דאָס געזיכט. עס האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט שטאַרק פאַר־אינטערעסירט געווען מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דרויסען.

„אַ גוטע נאַכט" — האָט קריסטאָף, אומרוהיג, געזאָגט.

זי האָט דעם קאָפּ ניט אומגעדרעהט און גאַנץ שטיל געענטפערט:

— „גוטע נאַכט!"

זונטאג נאכמיטאג איז קיינער אין הויז ניט געווען. די גאנצע פאמיליע איז אין קירך אוועק. סאבינע איז אהין ניט געגאנגען, קריסטאף האט איין מאל אויף שפאס איהר פאר־געווארפען, זעהענדיג ווי זי זיצט פאר דער טיר בעת די שעהן־קלינגענדע גלעקער האבען געליארעמט און גערופען. זי האט מיט דעם זעלבען טאן געענטפערט, אז מען מוז נאר צו געהן צום מארגען־געבעט, אבער ניט צו אבענט־געבעט: און עס איז דערפאר ניט נויטיג צו פרום צו זיין. עס האט זיך איהר געוואלט גלויבען, אז אנשטאט אין כעס צו זיין, דארף איהר גאט גאר דאנקבאר זיין דערפאר.

„איהר מאהלט אייך גאט ווי איהר זייט אליין" — האט קריסטאף געזאגט.

— „עס וואלט מיך אזוי געלאנגווייל׳ט ווען איך וואלט זיין אויף זיין פּלאץ!" — האט זי מיט אן איבערצייגטען טאן געענטפערט.

„אלץ וואס איך וואלט פון איהם פארלאנגט איז אז ער זאָל מיך צו רוה לאזען, ניט קימערען זיך וועגען מיר."

„און דער וועלט וואלט עס אפשר ניט געשאדעט" — האט קריסטאף זיך אבגערופען!

— „שא! האט סאבינע אויסגערופען, מיר רעדען שוין ווי אפיקורסים."

„איך זעה גאר ניט איין וואו מיין אפיקורסות שטעקט, ווען איך זאג אז גאט איז צו אייך עהנליך. איך בין זיכער אז ער מוז זיך פיהלען געשמייכעלט."

— „נו, שווייגט שוין!“—האָט סאַבינע געזאָגט, האַלב־לאַכענדיג, האַלב אין כעס. זי האָט אָנגעפאַנגען מורא צו האָבען, אַז גאָט זאָל ניט סקאַנדאַליזירט ווערען פון די רייד. זי האָט זיך געאײלט צו פאַרפיהרען אַן אַנדער געשפּרעך.

— „אויסער דעם, איז עס די איינציגע צייט אין דער וואָך, ווען מען קאָן רוהיג הנאה האָבען פון׳ם גאָרטען“.

„יאָ“, — האָט קריסטאָף צוגעגעבען, — „זיי זיינען דאָרט נישטאָ.“

זיי האָבען געקוקט איינער אויפ׳ן אַנדערען.

— „ס׳אַזאַ שטילקייט! — האָט סאַבינע אויסגערופען, — מען איז ניט צוגעוואוינט... מען ווייס גאַרנישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט מען געפינט זיך...“

„אָה!“ — האָט קריסטאָף פּלוצלונג מיט כעס אויסגעשריען. — עס זיינען פאַראַן טעג ווען עס ווילט זיך מיר זיי דערוואָרגען!“

עס איז ניט נויטיג געווען צו זאָגען וועמען ער מיינט דערמיט.

— „און די אַנדערע?“ — האָט סאַבינע לוסטיג געפרעגט.

„אמת, — האָט קריסטאָף מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ געענטפערט. — פאַראַן ראָזע.“

— „אָרעם קינד!“ — האָט סאַבינע געזאָגט.

זיי זיינען שטיל געבליבען.

„ווען עס זאָל נאָר שטענדיג זיין אַזוי ווי איצט!“— האָט קריסטאָף געזיפצט.

זי האָט צו איהם אויפגעהויבען איהרע לאַכענדיגע אויגען און דאַן זיי ווידער אַראָפּגעלאָזען. ער האָט זיך אַרומגעזעהען, אַז זי טוט עפּעס.

„וואס טוט איהר דארט?" — האט ער געפרעגט.

(ער איז פון איהר אפגעטיילט געווען מיט דעם בלעטער־פארקאן וואס האט זיך געצויגען צווישען די צוויי גארטענס).

— „איהר זעהט דאך, — האט זי געזאגט אויפהויבענדיג א כלי וואס זי האט געהאלטען אויף איהרע קניע — איך שייל אפ ארבעס.

זי האט שווער אפגעזיפצט.

„נו, דאס איז ניט אזוי אומאנגענעהם!" — האט ער לאכענדיג געזאגט.

— „אה! — האט זי געענטפערט, — עס כאפט אן א עקעל. מען קאן שטארבען ביים געדאנק שטענדיג צו טראכטען וועגען עסען!"

„איך קען וועטען. — האט ער געזאגט. — אז איהר וואלט זיך בעסער באגאנגען אהן עסען איידער צו האבען די צרות עם פארצובארייטען."

— „נו, אודאי."

„אויב אזוי, ווארט א ווייל! איך וועל אייך צוהעלפען".

ער איז אריבערגעשפרונגען דעם פארקאן און איז צוגעקומען צו איהר.

זי איז געזעסען אויף א בענקעל, ביים הויז־ארייננגאנג. ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף א טרעפ ביי איהרע פיס, און ארויסגעשלעפט פון איהר שויס גאנצע הויפענס גרינע ארבעס, וועלכע ער האט אפגעשיילטערהייט אריינגעווארפען אין דער כלי, וואס זי האט געהאלטען צווישען קניע. ער האט געקוקט אויף דער ערד. ער האט געזעהען סאבינע׳ס שווארצע זאקען, וועלכע האבען ארומגענומען די קנעכ־

לעד פון איהרע פיס, פון וועלכע איינער האָט האַלב־אַרויס־געשטעקט פון איהרע שיך. ער האָט ניט געוואָגט אויפצו־הויבען די אויגען.

די לופט איז געווען שווער, דער הימעל שטאַרק ווייס, נידעריג, אָהן אַ שטיקעל ווינטעלע. קיין בלאַט האָט זיך ניט באַוועגט. ארום דעם גאָרטען זיינען געשטאַנען גרויסע, הויכע ווענט: די וועלט האָט זיך דאָרט געענדיגט.

דאָס קינד איז פריהער אוועק מיט אַ שכנה, זיי זיינען געווען גאַנץ אַליין. זיי האָבען גאַרנישט גערעדט צווישען זיך. זיי האָבען מעהר ניט געקאָנט רעדען. ניט קוקענדיג, האָט ער אַלץ ארויסגענומען הויפענס אַרבעס פון סאַבינע'ס שויס: זיינע פינגער האָבען בעת דעם געציטערט. ער האָט זיך באַ־געגענט צווישען די גרינע, גלאַטע אַרבעסלעך מיט סאַבינע'ס ציטערענדיגע פינגער. זיי האָבען ניט געקענט אַנגעהן ווייי־טער. זיי זיינען געבליבען אומבעוועגליך, ניט קוקענדיג איי־נע אויף די אַנדערע: זי, אַנגעשפּאַרט אויף דעם אַרונטער־געבויגענעם שטול, דאָס מויל האַלב־אָפען, די אַרמס נאָכהענ־גענדיג; ער, זיצענדיג ביי איהרע פיס, אָנגעשפּאַרט אַז איהר אויף דער פּלייצע און האָט געפיהלט אין זיך די וואַרעמקייט פון סאַבינע'ס פוס. זיי זיינען געבליבען אָהן אָטעם. קריסטאָף האָט זיינע הענט צו אַ שטיין צוגעדריקט, כדי זיי אָפּצוקיהלען: באַלד האָט איינע פון זיינע הענט באַ־ריהרט סאַבינע'ס פוס וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון שוך און איז דאָרט געבליבען; ער האָט די האַנט פשוט ניט גע־קאָנט אוועקנעהמען. אַ ציטער האָט זיי דורכגענומען. זיי זיינען באַלד געווען ווי פאַרטומעלט. קריסטאָף'ס האַנט האָט געדריקט די פינגערלעך פון סאַבינע'ס קליינעם פוס. סאַבינע, איהר שטערן באַדעקט מיט שווייס און מיט אַ קעלט אין

איהר קערפּער, האָט זיך איבער קריסטאָף'ן ווי איינגעבויגען...

דער קלאַנג פון באַקאַנטע שטימען האָט זיי פון דער באַרוישונג אַרויסגעריסען. זיי האָבען אויפגעציטערט. קריסטאָף איז מיט אַ שפּרונג אויפגעשטאַנען און צוריק־אַריבער דעם פּאַרקען. סאַבינע האָט די אַרבעס־שאָלעכץ צונויפגעקליבען אין איהר קלייד און איז אַריין אין הויז. פון'ם הויז האָט ער זיך אומגעדרעהט און אַ קוק געטאָן. זי איז געשטאַנען אויפ'ן שוועל. זיי האָבען זיך אָנגעקוקט. טראָפּענס רעגען האָבען אָנגעהויבען אַפּקלינגען אויף די בלעטער פון די ביימער... זי האָט פאַרמאַכט די טיר. פרוי פאָגעל און ראָזע זיינען אַריינגעגאַנגען... ער איז אַרויף צו זיך אין צימער אַריין...

בעת דער געלבליכער טאָג, דערטרונקען פון אַ שלאַנס־רעגען, האָט געהאַלטען ביים פאַרגעהן, האָט ער, ווי געטריבען פון אַן אומגעהייערער קראַפט, זיך אויפגעהויבען פון טיש, איז צוגעלאָפען צום פאַרמאַכטען פענסטער און אויס־געשטרעקט זיינע אָרימס צום פענסטער אַנטקעגען איהם. אין דער זעלבער רגע, האָט ער געזעהען — עס האָט זיך איהם געדוכט אַז ער זעהט — פון דאָרט, פון הינטער די פאַר־מאַכטע פענסטער אין דער האַלבער־טונקעלקייט פון'ם צי־מער, סאַבינע'ס אָרימס אויסגעשטרעקט צו איהם.

ער האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין צימער, אַרונטער די טרעפּ און געלאָפען צום פּאַרקען פון גאָרטען. ניט אַכ־טענדיג אויף דעם אַז מען קאָן איהם זעהן, האָט ער געהאַל־טען ביים אַריבערשפּרינגען. אָבער, קוקענדיג אויפ'ן פענס־טער וואו זי האָט זיך באַוויזען, האָט ער געזעהן אַז די גאַר־דינען זיינען אַראָפּגעלאָזען. דאָס הויז איז ווי אַנטשלאָפען געווען. עפּעס האָט ער מורא געהאַט ווייטער צו געהן. דער

אַלטער איילער, וועלכער איז אין קעלער געגאַנגען, האָט איהם דערזעהן און גערופען. ער איז צוריקגעטראָטען. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער האָט געחלומ'ט.

עס האָט ראָזען לאַנג ניט גענומען, זיך ארומצוזעהן אַז עפּעס קומט דאָ פאָר. זי איז געווען נאַיוו, פאַרטרויט, און האָט נאָך ניט געוואוסט וואָס אייפערזוכט מיינט. זי איז פאַרטיג געווען אַלעס אוועקצוגעבען און האָט קיין זאַך ניט פאַרלאַנגט דערפאַר. אויב אָבער זי איז טרויעריג — באַשלאָסען געווען, ניט געליעבט צו ווערען פון קריסטאָף'ן, האָט זי דאָך בשום אופן זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלען אַז קריסטאָף זאָל אַן אַנדערע ליעב האָבען.

אין אַבענט, נאָכ'ן מאָלצייט, האָט זי נאָר וואָס פאַרענדיגט אַ שווערע שטיקעריי ביי וועלכער זי האָט געאַרבייט זייט איינינגע מאָנאַטען. זי האָט זיך געפיהלט גליקליך און געוואָלט דאָס מאָל זיך נעמען די פריייהייט און געהן זיך דורכרעדען אַביסעל מיט קריסטאָף'ן. זי האָט זיך באַנוצט מיט דעם וואָס די מאַמע האָט זיך אָפּגעדרעהט און האָט שנעל זיך ארויסגעכאַפּט פון צימער. זי האָט זיך ארויסגעדרעהט פון הויז ווי אַ שול-קינד וואָס אַנטלויפט פון קלאַס. עס האָט איהר הנאה געטאָן וואָס זי קען איבעראַשען קריסטאָף'ן, ווייל ער האָט איהר פריהער מיט שפּאָט געזאָגט, אַז זי וועט קיינמאָל ניט פאַרענדיגען די אַרבייט. דער געדאַנק איהם פּלוצלונג צו איבעראַשען, ארויסקומענדיג אין גאַס, האָט איהר אַמוזירט. און כאָטש זי האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ געפיהל קריסטאָף האָט בנוגע צו איהר, דאָך איז זי געניינט געווען אָפּצושאַצען דעם פאַרגעניגען וואָס אַנדערע

דארפֿען האָבען זי צו באַנגענען לויט דעם פֿאַרגעניגען וואָס זי האָט אַליין.

זי איז אַרויסגעקומען. קריסטאָף און סאַבינע זיינען, ווי געוועהנליך, געזעסען פֿאַר'ן הויז. ראָזע'ס האַרץ האָט זיך ווי אָפּגעשטעלט. דאָך האָט דער אומפּולסיווער איינדרוק זי ניט אָפּגעהאַלטען און זי האָט אַ רוף געטאָן קריסטאָף'ן. דער קלונג פֿון איהר שאַרף־קוויטשעדיגער שטים, אין דער שטיל־קייט פֿון דער נאַכט, האָט אויף קריסטאָף'ן געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ פֿאַלשען מוזיק־טאָן. ער איז אויפֿגעשפּרונ־גען פֿון זיין שטול און געמאַכט אַ צאָרנדיגע מינע. ראָזע האָט טריומפֿירענד אויפֿגעהויבען די שטיקערייַ איבער זיין פּנים. קריסטאָף האָט עס מיט אונגעדולד צוריקגעשטופּט.

— „אָבער עס איז פֿאַרענדיגט, פֿאַרענדיגט!“ איז זי צוגעשטאַנען.

— „נו גוט, געה און הויב אָן אַן אַנדערע!“ האָט קריס־טאָף טרוקען געענטפֿערט.

ראָזע איז געבליבען דערשלאָגען. איהר גאַנצע פֿרייד איז אַוועק.

קריסטאָף האָט פֿאַרדרוסיג פֿאָרטגעזעצט:

— „און ווען דו וועסט האָבען אַ דרייסיג שטיק, ווען דו וועסט שוין זיין גוט אַלט, וועסטו זיך אַמוועניגסטען קאָנען טראַכטען אַז דו האָסט ניט אומזיסט אָפּגעלעבט.“

ראָזע'ן האָט זיך געוואָלט וויינען.

— „אַך, גאָט מיינער! ווי שלעכט דו ביזט, קריסטאָף!“ האָט זי געזאָגט.

קריסטאָף איז פֿאַרשעמט געוואָרען און האָט איהר גע־זאָגט אַ פּאָר פֿריינדליכע ווערטער. זי האָט זיך מיט אַזוי ווייניג צופֿרידענגעשטעלט, אַז באַלד האָט זי צוריקגעוואונען

איהר צוטרויען. און אַנגעהויבען אויפ'ס ניי און נאָך שטאַרקער איהר הויך־רוישיג זאַרט רעדען: זי האָט ניט געקאָנט רעדען שטיל, זי פלעגט שרייען, ליאַרמען, ווי מען איז געוואוינט געווען אין הויז. כאָטש קריסטאָף האָט זיך אַנגעשטרענגט ניט אַרויסצואווייזען זיין פאַרדרוס, האָט מען עס דאָך געזעהען. צו ערשט האָט ער איהר געענטפערט א פּאָר קורצע אויפגערעגטע ווערטער: דאַן האָט ער גאָרניט ניט געענטפערט, זיך אומגעדרעהט צו איהר מיט'ן רוקען, זיך געהויבען נערוועז אויפ'ן שטול און געקריצט מיט די ציין בעת זי האָט ווייטער געטומעלט. כאָטש ראָזע האָט געזעהן, אַז קריסטאָף איז אומגעדולדיג, אַז זי דאַרף שווייגען, האָט זי דאָך ווייטער גערעדט און נאָך העכער ווי תמיד. סאַבינע, זיצענדיג שטיל און אין דער פינסטער, האָט זיך צוגעקוקט צו דער גאַנצער סצענע מיט אַן איראָנישער גלייכגילטיגקייט. דאַן, מיעד, און פיהלענדיג אַז דער אָבענט איז אַ פאַרפאַלענער, האָט זי זיך אויפגעהויבען און אַריינגעגאַנגען אין הויז. קריסטאָף האָט עס ערשט דערזעהן ווען זי איז שוין דאָרט ניט געווען. באַלד האָט ער זיך אויך אויפגעהויבען און ניט בעטענדיג קיין ענטשולדיגונג אפילו, איז ער פאַרשוואונדען, זאָגענדיג איהר אַ טרוקענעם גוטע נאַכט.

ווען ראָזע איז אַליין געבליבען אין גאַס, האָט זי, טרויעריג, דערשלאָגען, געקוקט אויף דער טיר דורך וועלכער ער איז אַריינגעגאַנגען. טרערען האָבען איהר געשטיקט. זי איז האַסטיג אַריין אין הויז און שטיל, אָהן גערויש, אַרויף צו זיך אין צימער, כדי אויסצומיידען צו רעדען מיט איהר מאַמען, האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעטאָן, און ליגענדיג שוין אין בעט, גוט איינגעדעקט, האָט זי אַנגעהויבען צו כליפּען. זי האָט גאָרניט געפּרואווט זיך פאַרטראַכטען וועגען דעם

וואס איז פארגעקומען: זי האט ניט געוואלט וויסען צו קריסטאף האט ליעב סאבינ'ען, צו קריסטאף און סאבינע האבען זי פיינט: זי האט געוואוסט, אז אלץ איז פארלארען, אז איהר לעבען האט מעהר קיין זינען ניט, אז אלץ וואס איהר בלייבט איבער צו טאן איז צו שטארבען.

דער צווייטער פריהמארגען האט מיט זיך געבראכט מעהר באדענקונג און מיט איהר אויך די אייביגע, די באַ־נייענדע האפענונג. פארטראכטענדיג זיך איבער די געשעע־ענישען פונ'ם פריהעריגען אבענט, איז זי געקומען צום שלום, אז זי האט א טעות געמאכט מיט דעם וואס זי האט זיי באטראכט פאר שטארק וויכטיג. קיין צווייפעל ניט, אז קריסטאף ליעבט איהר ניט; זי האט זיך שוין געהאט באשלאסען אויף דעם, כאטש אין טיפען הארצען האט זי נאך אלץ געהאט דאס אומבאוואוסטע געפיהל, אז סוף כל סוף וועט זי מיט איהר ליעבע אויך זיין ליעבע געווינען. אבער פון וואנען איז איהר דער געדאנק געקומען, אז עפעס קומט פאר צווישען סאבינע'ן און איהם? ווי אזוי וואלט ער, מיט זיין אינטעליגענץ, געקאנט ליעב האבען א קליינע אומ־באדייטענדע פרוי, וועמעס מיטעלמעסיגקייט איז אלעמען אויפאלענד געווען? זי האט זיך געפיהלט זיכערער — דאך האט זי אנגעהויבען האלטען אן אויג אויף קריסטאף'ן. דעם גאנצען טאג האט זי גארניט געזעהן, ווייל עס איז פשוט ניט געווען וואס צו זעהן. קריסטאף אבער, זעהענדיג ווי זי דרעהט זיך ארום איהם דעם גאנצען טאג, אהן א פארוואס, איז דערפון מאדנע אויפגערעגט געווארען. דער לעצטער אקט אבער איז געווען אין אבענט, ווען זי איז ווידער ארויס און זיך פעסט באזעצט נעבען זיי. די סצענע פון פריהערדיגען אבענט האט זיך איבער גע'חזר'ט: ראזע אליין

האָט גערעדט. סאַבינע אָבער האָט שוין ניט געוואָרט אַזוי לאַנג אום אַריינצוגעהן אין הויז, און קריסטאָף האָט איהר נאָכגעטאָן. ראָזע האָט שוין געמוזט איינזעהן, אַז איהר אַנוועזענהייט איז איבעריג; זי האָט זיך אָבער דאָך געוואָלט אָפּנאַרען. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז די ערגסטע זאַך וואָס זי קאָן טאָן, איז זיך אַרויפצוצווינגען; און מיט איהר געוועהנליכער אומגעלומפּערקייט האָט זי עס ווייטער פאָרטגעזעצט.

דעם צווייטען אָבענט, בעת ראָזע איז געזעסען נעבען קריסטאָף'ן, האָט ער געוואָרט אויף סאַבינע'ן; אָבער אומזיסט.

אויף איבערמאָרגען אָבענט איז ראָזע געבליבען אַליין. זיי האָבען אויפגעגעבען דעם קאַמף. זי האָט אָבער גאָרניט געוואונען פון דעם — אַ חוץ דעם פאַרדרוס און נקמה־געפיהל פון קריסטאָף'ס זייט. וועלכער איז שטאַרק אין כעס געווען וואָס זיינע אַנגענעמע, טייערע אָבענטען, זיין איינציגער גליק, איז פון איהם אַוועקגערויבט געוואָרען. און נאָך שווערער איז איהם געווען איהר מוחל צו זיין דער־פאַר, ווייל זייענדיג פאַרנומען מיט זיינע אייגענע געפיהלען, איז איהם קיינמאָל ניט איינגעפאַלען אַז זי האָט איהם ליעב.

סאַבינע האָט עס שוין לאַנג געוואוסט: זי האָט געוואוסט, אַז ראָזע איז אייפערזיכטיג נאָך איידער זי האָט זיך אַרומגעזעהען אַז זי אַליין איז פאַרליעבט; אָבער זי האָט גאָרניט געזאָגט; און מיט דער נאַטירליכער גרויסזאַמקייט פון יעדער שעהנער פרוי, וועלכע פיהלט זיך זיכער מיט אַ נצחון, האָט זי זיך, שטיל און איראָניש, צוגעקוקט צו די נוצלאָזע אַנשטרענגונגען פון איהר אומגעלומפּערטער געגנעריין.

ראזע, בלייבענדיג די הערשעריזן איבער'ן שלאכט־פעלד, האט קלעגליך באטראכט דעם רעזולטאט פון איהר טאקטיק. דאס בעסטע פאר איהר איז געווען, פאר א ווײלע וועניגס־טענס, צו לאזען קריסטאף'ן צו רוה. דאס האט זי דוקא ניט געטאן: און אזוי ווי דאס ערגסטע איז געווען מיט איהם צו רעדען איבער'ן סאבינע'ן, האט זי דוקא דאס געטאן.

מיט א קלאפענדיג הארץ און שעמעוודיג, האט זי איהם געזאגט, כדי צו וויסען וואו עס האלט מיט איהם, אז סאבינע איז שעהן. קריסטאף האט טרוקען געענטפערט, אז זי איז באמת זעהר שעהן. און כאטש ראזע האט פאראוים־געזעהן זיין ענטפער, האט זיך איהר הארץ ווי אפגעשטעלט בעת זי האט עס געהערט. זי האט גאנץ גוט געוואוסט, אז סאבינע איז שעהן: אבער זי האט זיך אויף דעם קיינ־מאל ניט אומגעקוקט: זי האט איהר צום ערשטען מאל אמת דערזעהן דורך קריסטאף'ס אויגען: זי האט געזעהן איהרע איידעלע געזיכטס־ציגען, איהר קורצע נאז, איהר שעהן, קליין מויל, איהר ליעבליך־שלאנקען קערפער, איהרע גראציעזע באוועגונגען... אה! ווי טרויעריג!... וואס וואלט זי ניט געגעבען צו האבען איהר קערפער! זי האט צו גוט פארשטאנען פארוואס יענער קערפער געפעלט בעסער ווי איהרער!... פארוואס איז עס איהר געקומען, מיט וואס האט זי זיך פארזינדיגט? אה! ווי עס איז איהר שווער געווען! ווי האט איהר איינענער קערפער איהר אויס־געזעהן מיאוס! זי האט איהם געהאסט! און דער געדאנק,

אז נאר דער טויט קאן זי פון דעם באפרייען!... זי איז געווען צו שטאָלץ און צו דערזעלבער צייט צו באשיידען, אום זיך צו באקלאָגען פאר וואָס זי ווערט ניט געליעבט. זי האָט דערצו קיין רעכט ניט געהאט; און זי האָט געפּרואווט ווע־רען נאָך מעהר עניותדיג. אָבער אינסטינקטיוו האָט זי זיך געוועהרט... ניין עס איז ניט רעכט!... פארוואס קומט איהר, נאר איהר אזא קערפּער און ניט סאָבינע'ן?... און פאר וואָס זאָל מען סאָבינע'ן ליעב האָבען? מיט וואָס האָט זי עס פארדינט? ראזע האָט איהר צו שטרענג באטראכט און האָט בלויז געזעהן אז זי איז פויל, נאָבלעסיג, עגאָיס־טיש, גלייכגילטיג צו אַלעמען און קימערט זיך ניט, ניט ווע־גען הויז, ניט וועגען קינד, ניט וועגען וועמען עס איז, ליעב־האָבענדיג נאָר זיך אַליין, לעבענדיג נאר אום צו שלאָפען, פוילענצען און גאָרניט טאָן... און אָט דאָס געפעלט... דאָס געפעלט קריסטאָף'ן... קריסטאָף'ן, וועלכער איז אזוי שטרענג, קריסטאָף'ן, וועלכער פארשטעהט אַלעס אזוי גוט און קאָן אורטיילען... קריסטאָף'ן, וועלכען זי האָט רעספּעקטירט און באוואונדערט מעהר ווי אַלעמען! אה: די וועלט איז צו גרויזאם, צו נאַריש!... ווי אזוי זעהט עס קריסטאָף ניט?

— און זי פלעגט זיך ניט קאָנען איינהאַלטען, פון צייט צו צייט, איהם אן אומפּריינדליכע באמערקונג צו מאַכען איבער סאָבינע'ן. זי האָט עס ניט געוואָלט טאָן, עס איז אָבער געווען איבער איהרע כוחות. עס האָט איהר תמיד באנג געטאָן, ווייל זי איז באמת גוט געווען און האָט פיינט געהאט צו באריידען אנדערע. דאָס מאָל האָט איהר נאָך מעהר באנג געטאָן, ווארום זי פלעגט פון קריסטאָף'ן ארויסציהען אזעלכע גרויזאמע ענטפערס, וואָס האָבען איהר באוויזען ווי שטאַרק ער איז געווען פארליעבט. קיין זאַך פלעגט ער

דאן ניט שאנעווען. ווען זיין ליעבעס־געפיהל איז באלייי־דיגט, פארלעצט געווארען, האט ער אויך געזוכט צו באליי־דיגען, צו פארלעצען: און עס פלעגט איהם געלינגען. ראזע פלעגט גארניט ענטפערען און אוועקגעהן, מיט אן אראפגעלאַ־זענעם קאפ און צונויפגעדריקטע ליפען, כדי ניט צו וויינען. זי פלעגט זיך טראכטען, אז עס איז איהר שולד, אז זי האט זיך בעסער ניט פארדינט דערפאר וואס זי זוכט קריסטאף'ן צו פארשאפען שמערצען, אנגירענדיג די וועלכע ער האט ליעב.

זיין מאמע האט וועניגער געדולד געהאט. פרוי פאגעל, און דער אלטער — איילער האבען באלד באמערקט קריס־טאף'ס געשפרעכען מיט דער יונגער שכנה: עס איז ניט שווער געווען צו טרעפען אז א ראמאן וועבט זיך צווישען זיי. די פלענער וועלכע זיי האבען בסוד געמאכט שפעטער־היין צו פארהיירעטען ראזע'ן מיט קריסטאף'ן זיינען דערפון געשטערט געווארען: און דאס האט זיי אויסגעוויזען ווי א פערזענליכע באליידיגונג פון קריסטאף'ס זייט, כאטש ער האט ניט געדארפט וויסען, אז זיי האבען איהר פארזארגט. ניט פרעגענדיג אפילו זיין מיינונג. אבער אמאליע'ס דעס־פאטיזם האט ניט ערלויבט, אז אנדערע זאלען האבען איי־גענע געדאנקען: און דאס וואס קריסטאף האט ניט אנגע־נומען די פארעכטליכע מיינונג, וואס זי האט מעהרערע מאל אויסגעדריקט איבער סאבינע'ן, האט איהר אויסגעזעהן ווי א סקאנדאל.

זי האט זיך ניט געשעהמט דאס איהם איבערצו'חזר'ן. יעדעס מאל ווען ער איז געווען דארט, האט זי שוין גע־פונען א תירוץ צו רעדען פון דער שכנה: זי האט גראד געזוכט די באליידיגענסטע זאכען צו דערצעהלען איבער

איהר, דאס וואס האָט קריסטאָף'ן מעהר געקאַנט וועה טאָן, און מיט איהר גראָבען, פראַסטען קוק אויף אַלץ און מיאוס'ען לשון, האָט זי עס גרינג געפונען. דער שלעכטער אינס־טינקט פון פרויען, וועלכע צייכענען זיך אויס בעסער ווי דער מאַן, בעת זיי טוען שלעכטס אדער גוטס, האָט איהר געטריבען זיך אַפצושטעלען מעהר אויף סאַבינע'ס אומריינ־ליכקייט ווי אויף איהר פוילקייט און מאָראַלישע פעהלערען. איהר פאַרשענד און גיפטיג אויג האָט געזוכט באַווייזען אומעטום: דורכ'ן פענסטער ביז ווייט אין הויז אַריין און אפילו אין סאַבינע'ס טואַלעט־סודות: און אַלץ האָט זי פאַרשפרייט, דערצעהלט מיט א גראָבער צופרידענהייט. וועז זי האָט, אויס אַנשטענדיגקייט, ניט געקאַנט אַלץ דערצעה־לען, פלעגט זי וועגען דאס ניט דערזאָגטע געבען נאָך מעהר אנצוהערעניש.

קריסטאָף פלעגט פון חרפה און כעס ווערען בלאַס: ער פלעגט ווייס ווערען ווי א ליילאַך און זיינע ליפען פלעגען ציטערען. ראָזע, וועלכע האָט פאַראויס געזעהן וואס עס וועט באַלד פאַרקומען, פלעגט בעטען איהר מאַמען זיך אָפּ־צושטעלען: זי האָט אפילו געפּרואווט פאַרטיידיגען סאַבינ־ע'ן, אָבער דאס האָט אמאָליען בלויז בייזער געמאַכט.

פלוצלונג איז קריסטאָף אויפגעשפּרונגען פון זיין שטול. ער האָט אנגעהויבען קלאַפען אַ טיש און שרייען אַז עס איז געמיין, נידערטרעכטיג אַזוי צו רעדען וועגען אַ פרוי, איהר צו שפּיאָנירען ביי זיך אין הויז, און פאַר אַלעמען אַרויס־ווייזען איהרע חסרונות: אַז נאָר אַ שלעכטער מענש, אַן אכזר קאָן זיך אַזוי אַנזעצען אויף אַ גוטער, ליעבליכער און פרידליכער באַשעפעניש, וועלכע לעבט אָפּגעזונדערט, טוט קיינעם קיין שלעכטס ניט, און רעדט קיין רכילות וועגען

קיינעם ניט. אבער, מען מאַכט אַ טעות, אויב מען גלויבט מיט דעם איהר צו טאָן אַ רעה: דורך דעם זעהט מען נאָך מעהר ווי סימפּאַטיש און גוט זי איז.

אַמאַליע האָט פאַרשטאַנען אַז זי איז צו ווייט אוועק: אבער זי האָט זיך געפיהלט באַליידיגט פון זיין מוסר: און פאַרפיהרענדיג די קריגעריי אויף אַן אַנדערען וועג, האָט זי געזאָגט אַז עס איז זעהר גרינג צו ריידען וועגען גוטסקייט. אַז מיט דעם וואָרט באַדעקט מען אַלעס. נו, אודאי, קאָן מען אויסוויייזען אַ גוטע, ווען מען טוט קיינמאָל ניט קיין אַנ־דער זאַך, ווען מען גיט זיך מיט קיינעם ניט אָפּ, ווען מען טוט ניט זיין פליכט.

דאַרויף האָט קריסטאָף געענטפערט, אַז די ערשטע פליכט איז צו מאַכען דאָס לעבען אַנגענעם פאַר'ן צווייטען: אבער פאַראַן מענשען וועמעס איינציגע פליכט איז זיך אָפּ־צוגעבען מיט דעם מיאוס'ן, לאַנגווייליגען, נאַליגען טייל פון לעבען און מיט דעם וואָס זיי שטערן די פרייהייט פון אַנ־דערע, וואָס ברייינגען אין כעס, וואָס באַליידיגען דעם שכן, די דינער, די פאַמיליע — און זיך אַליין. זאָל אונז גאָט אָפּהיטען פון אַזעלכע מענשען און פון אַזאַ פליכט ווי פון אַ מגפה!...

די קריגעריי איז געוואָרען נאָך גיפטיגער. אַמאַליע איז געוואָרען ביטער און בייז. קריסטאָף איז ניט היִנמער־שטעליג געבליבען. — און דער סוף איז געווען אַז קריסטאָף האָט זיך באַשלאָסען דוקא זיך צו באַווייזען מיט סאַבינע'ן. ער פלעגט געהן אַנקלאַפּען אין איהר טיר. ער פלעגט ריי־דען מיט איהר פריילִיך און לאַכען. ער פלעגט אויסקלייבען יענע מאָמענטען ווען אַמאַליע און ראָזע האָבען איהם גע־קאָנט זעהן. אַמאַליע פלעגט זיך נוקם זיין מיט בייזע שטער־

ווערטלעך. אבער דער אונשולדיגער ראזא'ס הארץ פלעגט צוריסען ווערען פון דער ביטערער גרויזאמקייט. זי האט גע־פיהלט אז ער האסט זי, אז ער וויל זיך נוקם זיין און האט ביטער געוויינט.

אזוי האט קריסטאָף, וועלכער האט אזוי פיעל מאל אומ־נערעכט געליטען, זיך אויסגעלערענט צו פארשאפען ווייטאג אנדערע אויף אן אומגערעכטען אופן.

אין א צייט ארום האט סאבינע'ס ברודער פון לאנדעג, א שטעטעלע עטליכע מייל פון שטאט, געמאכט א יום טוב לכבוד דער טויפונג פון א קינד. סאבינע איז געווען די טויף־מוטער. זי האט איינגעלאדען קריסטאף'ן, און כאטש ער האט פון די שמחות ניט געהאלטען, האט ער דאך, כדי צו ערגערען די פאלגעס און צו זיין מיט סאבינע'ן, שנעל אנגענומען די איינלאדונג.

סאבינע האט כלומרשט אויך איינגעלאדען אמאליע'ן און ראזע'ן, וויסענדיג גאנץ זיכער אז זיי וועלען זיך אפזאגען, און אזוי איז עס טאקע געווען. ראזע'ן האט זיך דוקא שטארק געוואלט פאהרען. זי האט ניט פיינט געהאט סאבינע'ן; פארקעהרט, צוליעב דעם וואס קריסטאף האט איהר האלט געהאט, איז ראזעס הארץ אפטמאל געווען פול מיט צערטליכקייט צו איהר; עס האט זיך איהר געוואלט אלעס איהר דערצעהלען, און זיך ווארפען אויף איהר האלז. אבער איהר מאמע איז געווען דארט, און איהר מאמע'ס האלטונג האט איהר דערפון אפגעהאלטען. זי האט זיך באפעסטיגט אין איהר שטאלץ און האט זיך אפגעזאגט דאז, ווען זיי זיינען שוין געווען אוועקגעפאהרען, און זי האט זיך פארגעשטעלט אז זיי זיינען צוזאמען און פיהלען זיך גליקליך פארענדיג אויף די פעלדער אין אזא שעהנעם יולי־טאג, בעת זי איז געבליבען איינגעשלאסען אין איהר צימער, מיט א גרויסען בארג וועש צו פאריכטען נעבען איהר מאמע'ן וואס האט געשריען, האט זיך איהר געדאכט אז זי ווערט דער־

שטיקט: און זי האָט פאַרשאָלטען איהר שטאָלץ. אַה! ווען עס זאָל ניט זיין צו שפּעט!... ווען עס זאָל ניט זיין צו שפּעט, אַך! וואָלט זי אויך געפאָהרען.

דער מילנער האָט געשיקט זיין וואָגען צו ברענגען קריסטאָף'ן און סאַבינע'ן. אויפ'ן וועג האָבען זיי מיטגענו־מען עטליכע איינגעלאַדענע פון שטאָט און פון לאַנד. עס איז געווען טרוקען און פריש. די רויטע בערען פון די בוימ־לער און די קאַרשען אויף די פעלדער האָבען געגלאַנצט פון דער העלער זון. סאַבינע האָט געשמייכעלט. אויף דער פרייער, שטאַרקער לופט איז איהר בלייכליכער פּנים ראָזע־ווע געוואָרען. קריסטאָף האָט אויף זיינע קניע געהאַלטען דאָס מיידעלע. זיי האָבען ניט געזוכט צו רעדען צווישען זיך. זיי האָבען גערעדט צו זייערע שכנים סתם צו וועמען און סתם וועגען וואָס: זיי זיינען געווען צופרידען צו הערען איינער דעם אַנדערענס שטים, זיי זיינען געווען צופרידען צו פאָהרען צוזאַמען אין דעם זעלבען וואָגען. זיי האָבען זיך דורכגעוואָרפען מיט זייערע בליקען מיט אַ קינדערשער פרייד, אָנווייזענדיג דאָ אויף אַ הויז, דאָ אויף אַ בוים, דאָרט אויף אַ מענשען וואָס איז פאַרביי. סאַבינע האָט ליעב געהאַט דאָס לאַנד: אָבער זי פלעגט כמעט קיינמאָל ניט פאָהרען אַהין. איהר פוילקייט האָט דאָס געמאַכט אומעגליך און שוין כמעט אַ יאָהר צייט אַז זי איז ניט געווען אַרויס פון שטאָט: דערפאַר האָט זי טאַקע הנאה געהאַט פון דער מינדסטער זאַך וואָס זי האָט נאָר געזעהען. פאַר קריסטאָף'ן איז עס ניט געווען קיין נייעס: ער האָט אָבער ליעב געהאַט סאַבינע'ן: און ווי אַלע די וועלכע ליעבען, האָט ער אַלעס געזעהן מיט איהרע אויגען: ער האָט געפיהלט ווי זי ציטערט אויף פון פאַרגעניגען, ווי זי ווערט באַגייסטערט פון איהרע

איבערלעבונגען. ער איז איינס מיט זיין געליעבטע און ער האט איהר געגעבען זיין נשמה.

ווען זיי זיינען אנגעקומען אין דער מיל, האבען זיי אין הויף געפונען אלע מענשען פונ'ם פלאץ און די איינגעלאדענע, וועלכע האבען זיי אויפגענומען מיט א געוואלטיגען גערודער. די הינער, די קאטשקעס און די הינט האבען אויך איינטייל גענומען אין כאר. בערטאלד, דער מילנער, א מאן מיט בלאנדע האר און א פיער־קאנטיגען קאפ און שולטערן, אזוי גראב און הויך ווי סאביגע איז געווען עדעל, האט אויפגעהויבען זיין קליינינקע שוועסטער אין די ארימס און זי צערטליך, פאמעלאך אראפגעלאזען אויף דער ערד, אזוי ווי ער וואלט מורא געהאט זי צו צעברעכען. קריסטאף האט זיך באלד ארומגעזעהן אז די קליינע שוועסטער טוט ווי געוועהנליך, וואס זי וויל מיט'ן ריז, און אז כאטש ער רייצט זיך גראב מיט איהר ווענען איהרע קאפריזען, איהר פוילקייט און א סך אנדערע חסרונות, ליגט ער ביי איהרע פיס און איז ממש איהר שקלאף. זי איז געווען צוגעוואהנט צו דעם און עס אנגענומען גאנץ נאטירליך. אלץ איז ביי איהר געווען נאטירליך און זי האט זיך פון קיין זאך ניט געוואונדערט. זי האט זיך ניט די מיה געגעבען מען זאל זי ליעב האבען: עס האט איהר פשוט אויסגעוויזען אז עס דארף אזוי זיין, און אויב ניט האט עס איהר אויך ניט געארט; און דערפאר האט איהר יעדער האלט געהאט.

קריסטאף האט שפעטער א ווייליע אויסגעפונען א זאך, וואס האט איהם פארשאפט ווענינער פארגעניגען. ער האט אויסגעפונען אז צו דער טויפונג מוז מען האבען א חוץ דער טויף־מוטער, אויך א טויף־פאטער, און אז דער טויף־פאטער האט באזונדערע רעכטע אויף דער טויף־מוטער, וועלכע ער

טאָר ניט פאַרנאַכלעסיגען, איבערהויפּט ווען זי איז יונג און שעהן. אַט די ענטדעקונג האָט ער געמאַכט, בעת ער האָט פּלוצלונג דערזעהען ווי אַ פויער מיט בלאָנד־געקרויזטע האָר, מיט אוירינגלעך אין די אויערען, קומט צו צו סאַבינען און קושט איהר לאַכענדיג, אין ביידע באַקען. אַנשטאָט אבער זיך צו טראַכטען אַז נאָר אַ נאַר האָט דאָס געקאָנט פאַרגעסען און אַז נאָר אַ גרעסערן נאַר האָט עס געקאָנט מאַכען אין כעס צו ווערן אויף סאַבינע'ן אַזוי ווי זי וואָלט איהם אומיש־נע אריינגעצויגען אין דער פּאַסטקע, איז זיין שטימונג נאָך ערגער געוואָרען ווען ער האָט זיך געפונען אין דער צייט פון דער צערעמאָניע אָפּגעטיילט פון איהר. סאַבינע האָט זיך פון צייט צו צייט אויסגעדרעהט צו איהם, בעת זיי האָבען אַלע פּאַראַדנע מאַרשירט איבער די לאַנקעס, און איהם צוגע־וואָרפען אַ פריינדליכען בליק. ער האָט זיך כלומרשט גע־מאַכט אַז ער זעהט איהר ניט. זי האָט געפיהלט אַז ער איז אין כעס און פאַרשטאַנען פאַרוואָס: עס האָט איהר אבער ווייניג געאַרט: זי האָט זיך אַמוזירט איבער דעם. ווען זי וואָלט אַפילו געהאַט אַ אמת'ע צאַנקעריי מיט עמיצען וואָס זי האָט ווירקליך האָלט, און שטאַרק געליטען דערפון, וואָלט זי דאָך אויך ניט געמאַכט די מינדסטע אַנשטרענגונג די זאַך רעכט צו מאַכען. מען האָט געדאַרפט דערצו זיך נעהמען צו־פיעל מיה. זאָל מען נאָר אַלץ צו רוה לאָזען, וועט עס שוין פון זיך אַליין רעכט ווערן.

זיצענדיג ביים טיש, צווישען דער מילנערין און אַ פעט־טע, געזונטע מויד, וועלכע ער האָט באַגלייט צום גאָט־דינסט אין קירך, ניט קוקענדיג אַפילו אויף איהר, איז קריסטאָף'ן איינגעפאַלען זיך ארומצוקוקען אויף זיין שכנה: און זעהענדיג אַז זי איז נישקשה'דיג שעהן האָט ער גענומען,

כדי זיך נוקם צו זיין, מיט איהר אזוי שטארק קאקעטירען און פלירטען, אז סאבינע זאל עס באלד דערזעהן. עס איז איהם געלונגען: אבער סאבינע איז געווען פון די פרויען וואס ווערען וועגען קיינעם און קיין זאך ניט אייפערזיכטיג. וויבאלד נאר אז מען האט איהר ליעב געהאט, האט איהר ניט געארט צי מען האט ליעב אנדערע אויך, אדער ניט. קריסטאף'ס אויפיהרונג האט איהר אלזא ניט געקימערט. פארקעהרט זי האט פון דעם הנאה געהאט און פונ'ם אנדערען עק טיש איהם געגעבען א זיסען שמייכעל. קריסטאף איז דערפון געבליבען ענטוישט און דערשלאגען: ער האט שוין מעהר ניט געצווייפעלט אז זי איז גלייכגילטיג צו איהם. ער איז ווידער שטיל־טרויריג געבליבען, און ניט די ליעבעס־בליקען און ניט דער גוטער וויין האבען איהם געקאנט מעהר מאכען רעדעוודיג. צום סוף, בעת ער האט געהאלטען ביים אנדרעמעלט ווערען און זיך מיט כעס געפרעגט, וואס ער טוט צווישען די אלע פרעסערס, האט ער גאר ניט געהערט, ווי דער מילנער האט פארגעשלאגען זיך דורכצופאהרען מיט שיפלעך איבערן טייך, כדי אפצופיהרען אהיים מאנכע פון די איינגעלאדענע פויערים. ער האט ניט געזעהן ווי סאבינע ווינקט צו איהם ער זאל געהן מיט איהר און זיך זעצען אין דעם זעלבען שיפעל. ווען ער האט זיך אן דעם דערמאנט, איז שוין מעהר ניט געווען קיין פלאץ פאר איהם. די נייע אנטוישונג וואלט נאך זיין שטימונג פארערגערט, ווען ער וואלט באלד ניט אויסגעפונען, אז מען וועט די געסט איינציגווייז אראפלאזען אויפ'ן וועג. דאן האט ער אפגעאטעמט, איז פרעהליכער געווארען און אויף אלעמען געקוקט מיט א לעבעדיגען פנים. איבריגענס, האט דער שעהנער נאכמיטאג אויפ'ן טייך, דאס פארגעניגען פון רודערען, די פרעהליכ־

קיים פון אַט די אַלע וואוילע מענשען איהם געהאָלפען צו פאַרגעסען אַז זיין שלעכטער שטימונג. סאַבינע איז דאַך דאָרט ניט געווען, האָט אויף איהם ניט געקוקט און ס'איז מעהר קיין אורזאַך ניט געווען זיך ניט צו אַמוזירען. אַפען און פריי, ווי אַלע אַנדערע.

עס זיינען געווען דריי שיפלעך. זיי האָבען געשווימט איינס נעבען דעם אַנדערען און געזוכט פון צייט צו צייט איינס די אַנדערע אַריבער צו יאָגען. זיי האָבען זיך אויף שפּאַס צוגעוואָרפען ווערטלעך: ווען די לאָדקעס פלעגען זיך באַריהרען, אַנשלאָגען, פלעגט קריסטאָף זעהן סאַבינע'ס שמייכלענדיגען בליק, און ניט געקאָנט זיך צוריקהאַלטען פון צוריקשמייכלען. זיי האָבען געפיהלט אַז זיי האָבען שלום געמאַכט: וואָרום ער האָט געוואוסט, אַז באַלד וועלען זיי צוריק קומען צוזאַמען.

קוואַרטעטען האָבען גענומען זינגען. איין גרופּע האָט געזונגען אַ קופּלעט נאָכ'ן אַנדערען, און דעם צושפּיל אַלע צוזאַמען. פון די שיפלעך, דערווייטערט איינע פון די אַנדערע, האָבען די שטימען אָפּגעקלונגען. די טענער האָבען זיך געגליטשט אויפ'ן וואַסער ווי פויגלעך. פון צייט צו צייט האָט זיך אַ שיפעל אָפּגעשטעלט ביים ברעג, אַ פויער אָדער צוויי זיינען אַראָפּגעגאַנגען און געהויבען די הענט, הילכענדיג, צו די שיפלעך וואָס האָבען זיך דערווייטערט. דער עולם איז אַלץ קלענער געוואָרען. די שטימען זיינען איינציגווייז פאַרשוואונדען. צום סוף זיינען זיי געבליבען אַליין: קריסטאָף, סאַבינע און דער מילנער.

זיי זיינען צוריקגעקומען אין דעם זעלבען שיפעל, נעהענדיג מיט'ן שטראָם. קריסטאָף און בערטאָלד האָבען געהאַלטען די וויאַסלעס, אָבער זיי האָבען ניט גערודערט. סאַ־

בינע, פון הינטען, אנטקעגען קריסטאף'ן, האט גערעדט מיט איהר ברודער, און געקוקט אויף קריסטאף'ן. דער געשפּרעך האט זיי ערלויבט צו קוקען אומגעשטערט איינער אויף דעם צווייטען. אהן די ליגנערישע ווערטער וואלטען זיי עס ניט געקענט טאן. די ווערטער האבען ווי געזאגט: „ניט איך זעה אייך, ניט אויף אייך קוק איך." די אויגען אבער האָבען געזאגט: „ווער ביסטו? ווער ביסטו? דו, וועמען איך ליעב!... דו, וועמען איך ליעב, ווער דו זאלסט ניט זיין!"...

דער הימעל האט זיך באדעקט, וואלקענס האבען זיך געהויבען פון די פעלדער, א פארע האט אויפגעשטיגען פון'ם טייך, די זון איז פארלאשען געווארען צווישען די וואלקענס. סאבינע האט ציטערענדיג איינגעוויקעלט דעם קאפּ אין די שולטערען אין איהר קליינעם, שווארצען שאל. זי האט אויסגעזעהן מיעד. בעת דאס שיפעל האט זיך גערוקט ביים ברעג און גענליטשט אונטער די פארשפּרייטע צווייגען פון די ווערבען־בוימער, האט זי פארמאכט די אויגען. איהר פנים איז דערשראקען בלייך געווארען, איהרע ליפּען האבען געהאט א שמערצליכען אויסדרוק: זי האט זיך ניט באוועגט, און עס האט אויסגעזעהן אז זי ליידעט, אז זי איז טויט. קריסטאף'ס הארץ איז ווי צעדריקט געווארען. ער האט זיך איינגעבויגען צו איהר. זי האט אויפגעעפענט די אויגען, געזעהן זיינע אומרוהיגע אויגען, וועלכע האבען איהר פנים געפארשט און האט איהם צוגעשמייכעלט. עס איז פאר איהם געווען ווי א זון־שטראהל. ער האט שטיל געפרעגט:

— „זייט איהר קראנק?"

זי האט געשאקעלט מיט'ן קאפּ אויף ניין, און געזאגט:

— „עס איז מיר קאלט."

די צוויי מענער האבען אויף איהר אויסגעשפּרייט זייער־

רע מאַנטלען: זיי האָבען איינגעוויקעלט איהרע פיס און קניע, ווי מען וויקעלט איין אַ קינד אין בעט. זי האָט זיך ניט געוועהרט און זיי געדאַנקט מיט די אויגען. אַ דינער אַ קאַלטער רעגען האָט גענומען פאַלען. זיי האָבען ווידער גענומען די וויאָסלעס אין די הענט און זיך געאיילט אהיימ־צו קומען. שווערע וואָלקענס האָבען פאַרדעקט דעם הימעל. די כוואַליעס אין טייך זיינען געוואָרען שוואַרץ ווי טינט. ליכט האָבען זיך באַוויזען אין די פענסטער פון די אַרומיגע הייזער, און דאָ און דאָרט אויפ'ן פעלד. ווענזיי זיינען צו דער מיל אנגעקומען, האָט געגאָסען אַ שטאַרקער רעגען און סאַבינע איז געלעגען ווי אַ טויטע.

מען האָט אָנגעצונדען אַ גרויס פייער אין קיך און מען האָט געוואַרט, אַז דער רעגען זאָל אַריבער. אָבער דער רע־גען און דער ווינט זיינען נאָך שטאַרקער געוואָרען. עס איז געווען דריי מייל צו פאָהרען ביז אין שטאָט אַריין. דער מילנער האָט געזאָגט, אַז ער וועט ניט לאָזען סאַבינע'ן פאָהרען אין אַזאַ צייט: און האָט זיי ביידען פאָרגעשלאָגען דאָרטען צו נעכטיגען. קריסטאָף האָט זיך אביסעל גע־קווענקעלט אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג און האָט מיט די אוי־גען געזוכט סאַבינע'ס עצה: סאַבינע האָט אָבער מיט איהרע אויגען פאַר'עקשנ'ט געקוקט אויפ'ן פייער, אַזוי ווי זי וואָלט מורא געהאַט צו קוקען אויף איהם און מיט דעם ווירקען אויף זיין באַשלוס. ווען קריסטאָף האָט אָבער געזאָגט יאָ, האָט זי איהר פאַרוויטעלטען פנים — איז עס געווען דער אָפּשיין פון פייער — אויסגעדרעהט צו איהם און ער האָט געזעהען אַז זי איז צופרידען.

טייערע, ליעבליכער אָבענט... דער רעגען האָט געשטורמט אין דרויסען, דאָס פייער האָט געוואָרפען אין קוימען אַריין

בערג מיט גאָלדענע פונקען. זיי האָבען זיך געזעצט ארום פייער. זייערע פאַנטאַסטישע סילועטען האָבען זיך געזעהן אויף דער וואַנט. דער מילנער האָט סאבינע׳ס מיידעלע געצייגט ווי אזוי מען מאַכט א שאָטען מיט דער האַנט. דאס קינד האָט געלאכט און איז עפּעס געווען אומרוהיג. סאבינע איז געווען איינגעבויגען איבער׳ן פייער און עס געשטורכעט מיט א לאַנגען אייזען. זי איז געווען מיעד, און האָט פאר׳חלומ׳ט און שמייכלענדיג צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ צו דעם וואָס איהר שוועגערין האָט איהר דערצעהלט מכח הויזליכע זאכען, כאָטש זי האָט זיך אפילו ניט צוגעהערט. קריסטאָף איז געזעסען אין שאָטען נעבען מילנער, זיך אנגענעהם געשפּיעלט מיט דעם קינד׳ס האָר און געקוקט אויף סאבינע׳ס שמייכעל. ער האָט געוואוסט אז זי שמייכעלט צו איהם. דעם גאַנצען אבענט האָבען זיי קיין איין מאָל ניט געקענט רעדען צווישען זיך, אדער זיך אַנקוקען: זיי האָבען דאָס ניט געזוכט.

זיי האָבען זיך פריה צוטיילט. זייערע צימערען זיינען געווען איינס נעבען דעם אנדערען. א טיר פון אינעווענינג האָט זיי פארבונדען. קריסטאָף האָט ניט ווילענדיג זיך צוגע־קוקט צו דער טיר און געזעהן אז דער ריגעל איז אויף סאבינע'ס זייט. ער האָט זיך געלעגט און זיך אנגעשטרענגט צו שלאָפען. דער רעגען האָט געקלאַפּט אין די פענסטער. דער ווינט האָט געוואיעט אין קוימען. אינ'ם אויבערשטען שטאָק האָט א טיר געקלאַפּט. א פּאַפּעל־בוים, געשמיסען און געבויגען פונ'ם שטורם, האָט געקרעכצט ביים פענסטער. קריסטאָף האָט ניט געקענט צומאַכען אַן אויג. ער האָט געטראַכט אז ער איז אונטער'ן זעלבען דאַך, נעבען איהר. א וואַנט האָט איהם בלויז אָפּגעטיילט. ער האָט ניט געהערט קיין גערויש אין סאבינע'ס צימער. אבער ס'האָט זיך איהם געדאַכט אז ער זעהט איהר. זיך אויפזעצענדיג אין בעט, האָט ער זי גערופען דורך דער וואַנט, מיט א נידעריגען קול. ער האָט איהר גע־זאָגט צערטליכע און ליידענשאַפטליכע ווערטער: ער האָט צו איהר אויסגעשטרעקט זיינע אָרימס, און עס האָט איהם אויסגעזעהן אז זי שטרעקט אויך אויס איהרע הענט צו איהם. ער האָט אין זיך געהערט די ליעבע שטים. וואָס האָט איהם געענטפערט זיינע ווערטער, און איהם גערופען גאַנץ שטיל: און ער האָט ניט געוואוסט, צו ער אַליין פרעגט זיך און ענט־פערט, אדער זי ענטפערט אין אמת'ן? אָט האָט ער געהערט א העכערען רוף, ער קאָן שוין ניט ווידער שטעהן: ער וואַרפט זיך ארויס פון בעט און טאַפּענדיג אין דער פינס־

טערניש דערנעהענטערט ער זיך צו איהר טיר. ער וויל זי ניט עפענען — ער פיהלט זיך זיכערער מיט א פארשלאסענער טיר. און ווען ער האט נאך אמאל געלעגט די האנט אויף דער קליאמקע האט ער געזעהן אז די טיר עפענט זיך...

ער איז אויפ׳ן ארט איבעראשט שטעהן געבליבען. ער האט די טיר שטיל פארמאכט. זי ווידער אויפגעמאכט. און ווידער נאך אמאל פארמאכט. איז זי ניט ערשט פריהער געווען פארשלאסען? יא. ער איז גאנץ זיכער אן דעם. ווער זשע האט איהר אויפגעמאכט? זיין הארץ האט געקלאפט דערשטיקט צו ווערן. ער האט זיך אנגעשפארט אן זיין בעט. ער האט זיך אוועקגעזעצט כדי אפצואטעמען. די תאוה האט איהם דערשלאגען: עפעס האט ער מעהר ניט געקאנט זעהן. הערען אדער באוועגען זיך. זיין גאנצער קערפער איז דורכגענומען געווארען פון א ציטער. עפעס האט ער מורא געהאט פאר דער אומבאקאנטער פרייד, נאך וועלכע ער האט געבענקט שוין פון מאנאטען־לאנג. און וועלכע איז געווען אט דארט, נאהענט פון איהם, שוין דורך גארנישט אפגעטיילט. פלוצלונג האט דער יונגער בחור, אין וועלכען די ליעבע האט געשטורמט און גוואלטעוועט. דערפיהלט, בעת זיין באגעהר האט שוין געהאלטען ביים פארווירקליכט ווערן. א מורא און א געפיהל פון אפשוי. ער האט זיך געשעהמט מיט דעם באגעהר, זיך געשעהמט מיט דעם וואס ער האט געהאלטען ביים טאן. ער האט איהר צו שטארק געליעבט כדי דערפון צו געניסען, הנאה צו האבען: ער האט מורא געהאט דערפאר און וואלט אלץ געטאן כדי אויסצומיידען דעם גליקליכען מאמענט. אה! ליעבען. שוין־זשע איז עס ווירקליך אומעגליך צו ליעבען ניט פארשוועכענדיג די וועמען מען ליעבט?...

ער איז ווידער געווען נעבען דער טיר און ציטערענ־דיג פון ליעבע און שרעק. מיט דער האַנט אויפ׳ן שלאָס, האט ער זיך ניט געקענט באַשליסען צו עפענען.

און אויף דער אנדערער זייט טיר, מיט די באָרוועסע פיס אויפ׳ן שטיינערנעם דיל און ציטערענדיג פון קעלט, איז סאַבינע געשטאַנען.

אזוי זיינען זיי געשטאַנען, געציטערט... וויפיעל צייט? מינוטען? שעהן?... זיי האבען ניט געוואוסט אז זיי זיינען דאָרט; און דאָך האבען זיי עס יאָ געוואוסט. זיי האבען אויסגעשטרעקט די אָרעמס. — ער, דערשלאָגען פון אזא מעכטיגער ליעבע, אז ער האט ניט געהאט דעם מוט אריינ־צוגעהן — זי, איהם רופענדיג, ערוואַרטענדיג און ציטערענ־דיג טאָמער קומט ער אריין... און ווען ער האט זיך שוין באַשלאָסען אריינצוגעהן, האט זי נאָר־וואָס געהאט באַשלאָ־סען צו פאַריגלען די טיר.

דאַן האט ער געזידעלט און געשריען אויף זיך ווי אויף א נאר. ער האט זיך אָנגעשפאַרט אַן דער טיר מיט זיין גאַנ־צען כח. מיט׳ן מויל צוגעקלעפּט צום שלאָס, האט ער גע־בעטען:

— „עפען אויף!"

ער האט סאַבינע׳ן גערופען זעהר שטיל; זי האט גע־קאָנט הערען זיין שווערען אָטעם. זי איז שטעהן געבליבען נעבען דער טיר, אומבאַוועגליך, פאַרפראָרען, מיט קלאַפּענדע ציין, אָהן כח צו עפענען אדער זיך צוריקצוליינען...

דער שטורעם האט ווייטער געבראָכען די בוימער, גע־קלאַפּט אין די טירען פונ׳ם הויז... זיי זיינען צוריק געגאַנ־גען, יעדער צו זיין בעט, מיט צובראָכענע קערפּערס און מיט הערצער פול פון טרויער. די העהנער האבען געקרייט מיט זייער־

ערע הייזעריגע שטימען. דאָס ערשטע ליכט פון פאַרטאָג האָט זיך באַוויזען דורך די פענסטער באַדעקט מיט פייער. א קלענליכער, בלאַס־טונקעלער, איז־רעגען־פאַרטרונקענער באַגינען...

ווי ער האָט נאָר געקאָנט, איז קריסטאָף אויפגעשטאַנען: ער איז אראָפּ אין קיך און געריעדט מיט'ן עולם· ער האָט זיך געאיילט אוועקצופאָהרען און זיך געשראָקען ווידער אליין זיך צו געפינען מיט סאַבינען. עס איז כמעט אַן ערלייכטערונג פאַר איהם געווען צו הערען ווי דעם מילנער'ס ווייב דערצעהלט אז סאַבינע איז ניט געזונט, אז זי האָט זיך פאַרקיהלט בעת'ן נעכטיגען דורכפאָהר, און אז זי וועט דעם פריהמאָרגען ניט אוועקפאָהרען.

דאָס אהיים געהן איז געווען שטאַרק אומעטיג. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פונ'ם וואָגען און איז צוריקגעגאַנגען צו פוס דורך די פאַרנעצטע פעלדער, אין דעם געלבליכען טומאַן וואָס האָט באַדעקט די ערד, די בוימער, די הייזער ווי מיט תכריכים. אזוי ווי דאָס ליכט האָט אויך דאָס לעבען אויסגעזעהן. — פאַרמעקט, פאַרלאָשען. אלעס האָט אויסגעזעהן ווי שאָטענס. ער אליין איז אויך געווען ווי א שטן.

אין דער היים האָט ער געפונען אויפגערעגטע פּנים'ער. אלע זיינען סקאַנדאַליזירט געווען פון דעם, וואָס ער האָט פאַרבראַכט, גאָט ווייסט וואו מיט סאַבינען. ער האָט זיך אָפּגעשלאָסען אין זיין צימער, און גענומען ארבייטען. סאַבינע איז צוריקגעקומען דעם צווייטען טאָג און זיך אויך אָפּגעשלאָסען זיי האָבען אויסגעמיטען זיך צו באַגעגענען. די צייט איז געווען רעגענדיג און קאַלט און קיינער פון זיי איז ניט ארויסגעגאַנגען. זיי האָבען זיך געזעהן פון הינטער זייערע פאַרמאַכטע פענסטער. סאַבינע איז געזעסען איינגעוויקעלט ביים פייער און געחלומ'ט· קריסטאָף האָט

זיך געגריבעלט אין זיינע פּאַפּירען. זיי האָבען זיך ניט אָפּ־געגעבען קיין חשבון איבער זייערע געפיהלען: זיי זיינען אין כעס געווען איינער אויפ'ן אנדערען, זיי זיינען אין כעס געווען אויף זיך אליין, און אויף אַלץ אַרום זיי. די נאַכט אינ'ם מילנער'ס הויז האָט זיי אָפּגעשטויסען פון זייער שכרות. זיי האָבען זיך געשעהמט מיט דעם, און ניט גע־וואוסט צו זיי שעהמען זיך מעהר מיט זייער תאוה־אַנפאַל אָדער מיט דעם וואָס זיי האָבען איהם ניט נאָכגעגעבען. עס איז זיי געווען שמערצליך זיך צו זעהן: וואָרים דאָס וואָלט זיי צוריקגעבראַכט ערינערונגען וואָס זיי האָבען געוואָלט פאַרגעסען: און איינשטימיג האָבען זיי זיך צוריקגעצויגען טיעף אין זייערע צימערען כדי אין גאַנצען צו פאַרגעסען. אָבער דאָס איז געווען אומעגליך און זיי האָבען געליטען פון דער באַהאַלטענער פיינדליכקייט וועלכע זיי האָבען געפיהלט אַז זי שטעהט צווישען זיי. קריסטאָף'ן האָט פאַרפאָלגט דער אויסדרוק פון ביטערער פיינדשאַפט, וואָס ער האָט איינמאָל דערזעהן אין סאַבינע'ס אייז־קאַלטע בליקען.

זי, האָט ניט ווייניגער געליטען פון די געדאַנקען: און ווי זי האָט ניט זיך באַמיהט זיי צו באַקעמפען און אָפּצו־לייקענען, האָט זי דאָך פון זיי ניט געקאָנט פריי ווערען. דער־צו איז נאָך צוגעקומען די שאַנד וואָס ער האָט אפשר פאַר־שטאַנען וואָס עס קומט פאָר אין איהר — און די שאַנד וואָס זי האָט זיך אַנגעבאָטען... זיך אַנגעבאָטען און דאָך זיך ניט איבערגעגעבען...

קריסטאָף האָט גערן אויסגענוצט די געלעגענהייט וואָס האָט זיך איהם געמאַכט צו פאָהרען אויף עטליכע קאָנצער־טען קיין קעלן און דיסעלדאָרף. עס האָט איהם הנאה געטאָן צו פאַרברענגען צוויי, דריי וואָכען ווייט פון דער היים. די

פארבערייטונגען צו די קאנצערטען און די קאמפאנירונג פון א נייעם ווערק וואס ער האט געוואלט דארט שפילען האבען איהם אין גאנצען פארנומען און עס איז איהם געלונגען צו פארגעסען אן די אומאנגענעמע ערינערונגען. זיי זיינען אויך פארשוואונדען פון סאבינע'ס מח און זי איז ווידער אריין אין דעם פארשלאפען־פארחלום'טען צושטאנד פון איהר גע־וועהנליכען לעבען. זיי האבען שוין כמעט ווי געקאנט טראכ־טען איינער פונ'ם אנדערען מיט גלייכגילטיגקייט. צו האבען זיי זיך ווירקליך געליעבט? זיי האבען געצווייפעלט אין דעם. קריסטאף האט שוין געהאלטען ביים אוועקפאהרען קיין קעלן זיך ניט געזעגענענדיג מיט סאבינע'ן.

אין אבענט פאר זיין אפפאהרען האט זיך עפעס דער־פיהלט. וואס האט זיי דערנעהענטערט. עס איז געווען א זונ־טאג נאכמיטאג, ווען אלע זיינען געווען אין קירך. קריסטאף איז אויך געווען ארויסגעגאנגען צו מאכען זיינע לעצטע הכנות צו דער רייזע. סאבינע איז געזעסען אין איהר קליי־ניקען גארטען און זיך געווארעמט ביי די לעצטע שטראהלען פון דער זון. קריסטאף איז אהיים געקומען: ער האט זיך געאיילט און זיין ערשטער געדאנק בעת ער האט איהר דערזעהן, איז געווען איהר צו גריסען און פארבייצוגעהן. אבער עפעס האט איהם צוריק געהאלטען אין דעם מאמענט וואס ער איז פארביי: איז עס געווען סאבינע'ס בלאסקייט אדער עפעס אן אומקלארער געפיהל? געוויסענביסען, מורא, צערטליכקייט?... ער האט זיך אפגעשטעלט. זיך אומגע־געקעהרט צו סאבינע'ן, איז זיך אנגעשפארט אן פארקען פון גארטען און איהר געזאגט גוטען אבענט. ניט ענטפערענדיג האט זי איהם געגעבען די האנט. איהר שמייכעל האט אויס־געדריקט די סאמע גוטסקייט — א גוטסקייט וועלכע ער האט

איז איהר נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. איהר זשעסט האָט ווי געזאָגט: „שלום צווישען אונז...“ ער האָט אָנגענומען איהר האַנט איבער'ן צאַם, זיך איינגעבויגען איבער איהר, און איהר געקושט. זי האָט גאָר ניט געפּרואווט זי צוריקצוציהען. עס האָט זיך איהם געוואָלט פאַלען אויף די קניע און איהר זאָגען: „איך האָב דיך ליעב“. זיי האָבען זיך שטיל אָנגעקוקט. אָבער זיי האָבען גאָרניט געזאָגט אָדער קלאָר געמאַכט... אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אוועקגענומען די האַנט און אָפּגעדרעהט דעם קאָפּ. ער האָט זיך אויך אָפּגעדרעהט, כדי צו באַהאַלטען זיין אויפרעגונג. דאַן האָבען זיי זיך אויף דאָס נײַ אָנגעקוקט, אָבער שוין מיט אויסגעקלאָרטע אויגען. די זון האָט זיך געהאַלטען ביים זעצען. לײַכטע קאָליר-שאַטירונגען, וויאָלעט, רויט-וויאָלעט און רויט-געל האָבען געשפּרייזט איבער'ן קאַלט-קלאָרען הימעל. ציטערענדיג האָט זי מיט אַ זשעסט וואָס איז איהם גוט באַקאַנט געווען ענגער אַרומגענומען דעם שאַל אויף איהרע שולטערן. ער האָט איהר געפרעגט:

„נו, וואָס מאַכט איהר?“

זי האָט אַביסעל אָנגעבלאָזען די ליפּען. אַזוי ווי די פראַגע וואָלט ניט געהאַט דעם ווערט פון אַן ענטפער. זיי האָבען זיך ווייטער אָנגעקוקט און געפיהלט גליקליך. עס האָט זיי אויסגעוויזען אַז זיי האָבען זיך פאַרלאָרען, און זיך נאָר וואָס ווידער געפונען...

ער האָט געבראָכען די שטילקייט און געזאָגט:

„איך פאָהר אָפּ מאָרגען.“

סאַבינע'ס פּנים איז דערשראָקען געוואָרען:

— „דו פאָהרסט אוועק?“ האָט זי איבערגעזאָגט.

ער האָט שנעל צוגעלעגט:

„א! נאר אויף צוויי אדער דריי וואכען."

ער האט איהר ערקלעהרט, אז ער איז אנגעשטעלט אויף עטליכע קאנצערטען, אבער ווי נאר ער וועט צוריקקומען, וועט ער זיך שוין ניט ריהרען דעם גאנצען ווינטער.

— „דער ווינטער, — האט זי געזאגט, — ער איז נאך ווייט"...

„א! ניין — אט קומט ער באלד אן."

זי האט טרויעריג געשאקעלט מיט'ן קאפ, ניט קוקענדיג אויף איהם.

— „וועז וועלען מיר זיך נאכאמאל זעהן?" — האט זי איין א וויילע ארום געפרעגט.

ער האט ניט פארשטאנען די פראגע: ער האט שוין פריהער אויף דעם געענטפערט.

„ווי נאר איך וועל צוריקקומען: איין צוויי וואכען ארום, אדער העכסטענס איין דריי וואכען."

זי האט אויסגעזעהן שטארק דערשלאגען. ער האט גע־פרואווט זיך וויצלען...

„איהר וועט אייך אז דער צייט גארניט ארומזעהן"

— האט ער געזאגט. — „איהר וועט שלאפען."

— יא, — האט סאבינע געענטפערט.

זי האט געקוקט אויף אראפ און געפרואווט שמייכלען: אבער איהר אונטערשטע ליפ האט געציטערט.

— „קריסטאף!..." האט זי פלוצלונג אויסגערופען, זיך ווידער אומדרעהענדיג צו איהם.

אין איהר שטימע איז געוועזן אז אפקלאנג פון אנגסט, פון פיין. זי האט ווי געזאגט:

— „בלייבט! פאהרט ניט אוועק!"...

ער האט אנגעכאפט איהר האנט, איהר אנגעקוקט און

ניט פאַרשטאַנען די וויכטיגקייט מיט וועלכע זי קוקט אויף זיין צוויי־וואָכיגע רייזע: אָבער ער האָט גאָר געוואָרט אויף אַ וואָרט פון איהר כדי איהר צו זאָגען:

— „איך בלייב...“

אין דער רגע וואס ער האָט געהאַלטען ביים רעדען האָט זיך די טיר וואָס פיהרט צו דער גאַס געעפענט און ראָזע האָט זיך באַוויזען. סאַבינע האָט צוריקגעצויגען איהר האַנט פון קריסטאָף׳ס און איז שנעל אַריינגעגאַנגען אין הויז. אויף דעם שוועל האָט זי נאָך איין מאָל אויף איהם געקוקט — און איז פאַרשוואונדען.

קריסטאף האט ברעה געהאט נאך אמאל איהר צו זעהן איז אבענט, אבער די פאגעלס האבען איהם שטרענג נאכגע־קוקט, די מאמע איז איהם אומעטום נאכגעגאנגען. ער אליין איז נאך ניט געווען פארטיג צוגעגרייט צו דער רייזע — און ער האט ניט געקאנט אויף א רגע זיך ארויסדרעהען פון הויז.

אויף מארגען איז ער גאנץ פריה אוועקגעגאנגען. פאר־בייגעהענדיג סאבינע'ס טיר, האט זיך איהם געוואלט אריינ־געהן, אנקלאפען אן פענסטער: עס איז איהם שווער געווען איהר צו פארלאזען זיך ניט געזעגענדיג מיט איהר, וייל ראזע האט איהם געהאט אונטערבראכען דעם פריהערינען אבענט איידער ער האט צייט געהאט דאס צו טאן, אבער ער האט גערעכענט אז זי שלאפט נאך, און אז זי וועט אויף איהם אין כעס ווערן פאר וואס ער האט איהר אויפגעוועקט. א חוץ דעם — וואס קאן ער איהר זאגען? עס איז איצט צו שפעט געווען חרטה צו האבען אויף דער רייזע; און ווען זי וועט דאס פון איהם בעטען?... ער האט זיך ניט מודה גע־ווען אז עס וואלט איהם ניט געארט אויסצופראווען זיין כח איבער איהר — אויב נויטיג, אפילו אביסעל יסורים איהר פארשאפען... ער האט ניט ערנסט גענומען דעם צער וואס זיין אפפאהרען האט פארשאפט סאבינע'ן: ער האט געדענקט אז די קורצע אבוועזענהייט וועט פארגרעסערען די צערט־ליכקייט וועלכע זי האט אפשר געפיהלט פאר איהם.

עס איז געלאפען צום באהן־הויף. ניט קוקענדיג אויף דעם אלעמען האט ער געהאט אביסעל געוויסענביסע. אבער ווי דער צוג האט זיך נאר גערירט פון ארט איז אלץ פאר־געסען געווארען. זיין הארץ איז פול געווען מיט יוגענדלוסט. ער האט פריילין באגריסט די אלטע שטאט איבער וועמעס

דעכער און טורמשפּיצען די זון האָט געשלאָגען, און מונטער־נאכלעסיג, ווי אלע וואָס פאָהרען אוועק, האָט ער א זיי־געזונט געזאָגט צו אלעמען וואָס פארבלייבען; און מעהר פון זיי ניט געטראכט.

אין דער גאַנצער צייט וואָס ער איז געווען אין דיסעלדאַרף און אין קעלן, איז איהם סאַבינע קיין איין מאָל ניט געקומען אויפ׳ן געדאַנק. פאַרטאָן פון פריהמאָרגען ביז׳ן אָבענט מיט די רעפּעטיציעס און קאָנצערטען, מיט מאָלצייטען און געשפּרעכען, פאַרנומען מיט טויזענדער נייע זאַכען, מיט דער שטאָלצער צופרידענקייט פון זיינע ערפאָלגען, האָט ער ניט געהאַט די צייט אָן דעם זיך צו דערמאָנען. בלויז איין מאָל, אויף דער פינפטער נאַכט, נאָך זיין אָפּפאָהרען בעת ער האָט זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט פון א קאָשמאָר, האָט ער זיך דערמאָנט אז ער האָט געטראכט פון א י ה ר אין שלאָף און אז דער געדאַנק האָט איהם אויפגעוועקט; אבער ער האָט זיך ניט געקענט ערינערען ו ו י א ז ו י ער האָט פון איהר געטראַכט. ער איז געווען אומרוהיג און איז אָנגסט. עס איז קיין וואונדער ניט געווען: אין אבענט האָט ער געשפּילט ביי א קאָנצערט און ביים אוועקגעהן פון זאַל האָט מען איהם פארשלעפּט צו א וועטשערינקע וואו ער האָט געטרונקען א פּאָר גלעזלאַך שאַמפּאַניער. ניט קענענדיג שלאָפען איז ער אויפגעשטאַנען. א מוזיקאַלישע אידעע האָט איהם געפּלאָגט. ער האָט געטראכט אז דאָס מוז זיין וואָס האָט איהם געמוטשעט אין שלאָף. און ער האָט עס אראָפּגעשריבען אויף פּאַפּיר. איבערלעזענדיג עס, איז ער אנטוישט געבליבען ווי אומעטיג עס איז. ביים שרייבען האָט ער ניט געהאַט קיין טרויער־געפיהל; אזוי ווענינגסטענס האָט זיך איהם געדאַכט. אבער ער האָט זיך דערמאָנט אז אז אנדער מאָל פריי־

הער. ווען ער פלעגט ווערן אומעטיג, פלעגט ער נאָר קענען שרייבען פרעהליכע מוזיק, וועמעס לוסטיגקייט האָט איהם גע־קרענקט. ער האָט זיך אויף דעם מעהר ניט אָפּגעשטעלט. ער איז שוין געווען צוגעוואוינט צו די איבעראַשונגען פון זיין אי־נערליכען לעבען, כאָטש ער האָט עס ניט פאַרשטאַנען. ער איז באַלד ווידער אנטשלאָפען געוואָרען, און זיך אַז גאַרניט דער־מאָנט ביים צווייטען פריהמאָרגען.

ער האָט זיין רייזע פאַרלענגערט אויף דריי־פיר טעג. עס האָט איהם גראַד אמוזירט דאָס צו פאַרלענגערען, וויסענ־דיג אַז צו יעדער צייט, ווען ער וויל קאָן ער צוריקקומען: ער האָט זיך ניט געאיילט אהיים צו קומען. ערשט אין וואַ־גאָן, אויפ'ן וועג צוריק, איז איהם סאָבינע ווידער געקומען אויפ'ן גערדאַנק. ער האָט איהר ניט געשריבען. ער איז אַזוי נאַכלעסיג געווען אַז ער איז אפילו אויף פּאָסט ניט געווען. זיך נאָכצופרעגען: צו עס זיינען איהם אנגעקומען וועלכע בריעף? ער האָט עפּעס אַ באַהאַלטענע הנאה געהאַט פון דעם שטיל־שווייגען, וויסענדיג אַז דאָרט, אין דער היים, וואַרט מען אויף איהם, דאָרט ליעבט מען איהם... אַז מען ליעבט איהם? קיינמאָל האָט זי עס איהם נאָך ניט געזאָגט, קיינמאָל האָט ער איהר עס נאָך ניט געזאָגט. זיי האָבען עס געוואוסט, אָהן אַ שום ספק, און עס ניט געדאַרפט זאָגען. דאָך, עס איז ניט פאַראַן קיין בעסערס, קיין זיכערערס ווי זיך אָפּען מודה צו זיין. פאַרוואָס האָבען זיי אויף דעם אַזוי לאַנג געוואַרט? שטענדיג, ווען זיי האָבען געהאַלטען ביים רעדען, האָט זיי עפּעס —א צופאַל, די שעמעוודיגקייט — דערפון אָפּגעהאַל־טען. פאַרוואָס? פאַרוואָס? וויפיעל פאַרלאָרענע צייט!... עס האָט איהם געדורשט צו הערען די טייערע ווערטער פון איהר געליעבט מויל. עס האָט איהם געברענט איהר צו זאָגען אַט

די ווערטער — ער האָט זיי הויך פאַר זיך איבערגעזאָגט אין לײדיגען וואַגאָן. וואָס מעהר ער האָט זיך דערנעהענטערט. אַלץ מעהר האָט איהם די אומגעדולד געשטיקט, אַ מין אנגסט... שנעלער! נו, שנעלער! אה! דער געדאַנק אַז אין אַ שעה אַרום וועט ער איהר ווידער זעהן!...

עס איז געווען זעקס א זייגער, פריהמאָרגען, ווען ער איז אהיים אָנגעקומען. קיינער איז נאָך ניט געווען אויפגעשטאַנען. סאַבינעס פענסטער זיינען געווען פאַרמאַכט. ער איז אין הויף פאַרבייגעגאַנגען כדי ער זאָל איהר ניט אויפוועקען. ער האָט געלאַכט פון דעם, ווי ער וועט זי פּלוצלונג איבעראַשען. ער איז ארויף צו זיך אין צימער. זיין מאַמע איז געשלאָפען. ער האָט זיך שטיל ארומגעוואַשען און צוגעקאַמט. ער איז געווען הונגעריג, אבער ער האָט מורא געהאַט אויפצואוועקען לואיזען, בעת ער וועט זוכען עפּעס צום עסען אין שפּייז־שראַנק. אין הויף האָבען זיך געהערט טריט: ער האָט שטיל אויפגעעפענט דאָס פענסטער און געזעהן ראָזע'ן, וועלכע איז ווי געוועהנליך פריהער פאַר אַלעמען אויפגעשטאַנען, און האָט אנגעפאַנגען צו קערען. ער האָט איהר גערופען מיט א האַלבען קול. מיט א פריידיגער איבעראַשונג איז זי אויפגעשפּרונגען בעת זי האָט איהם געזעהן; באַלד אבער איז זי פאַרבליבען מיט א שטרענגער מינע. ער האָט זיך געטראַכט אז זי איז נאָך אַלץ אין כעס אויף איהם. ער איז אבער געווען גוט אויפגעלייגט און איז צו איהר אַרונטערגעקומען.

— „ראָזע, ראָזע, האָט ער מיט א פרעהליכער שטימע געזאָגט, גיב מיר עפּעס צו עסען, אדער איך עס דיך אויף! איך געה אוים פון הונגער!“

ראָזע האָט געשמייכעלט און איהם אריינגענומען אין קיך אויפ'ן גאַר אונטערשטען עטאַזש. און בעת זי האָט

איהם אַנגעגאָסען א שיסעלע מיט מילך. האָט זי זיך ניט גע־קענט צוריקהאַלטען ניט צו שטעלען איהם א הויפען מיט פראַגען מכח זיין רייזע און מכח די קאָנצערטען. אָבער כאָטש ער איז געווען אויפגעלייגט אויף דעם צו ענטפערען — (איז דעם גליק פונ׳ם צוריקקעהר איז ער געווען כמעט גליקליך. ווידער צו הערען ראָזע׳ס פּלאַפּלען) — האָט זיך ראָזע׳ס פּלוצלונג אפּגעשטעלט אין מיטען אויספרעגען: איהר פּנים האָט זיך אויסגעצויגען. זי האָט אפּגעדרעהט די אויגען און האָט אויסגעזעהען פאַרזאָרגט. דאַן האָט זי ווידער אָנגעהויבען צו פּלאַפּלען: אָבער ווי עס האָט אויסגעוויזען האָט זי זיך דאָס פאַרגעוואָרפען, און האָט ווידער זיך פּלוצלונג אפּגעשטעלט. ער האָט עס צולעצט באַמערקט און געזאָגט:

„נו, וואָס איז מיט דיר, ראָזע? ביזט נאָך אַלץ אין כעס אויף מיר?"

זי האָט שטאַרק געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, אויף ניין: און זיך אומקעהרענדיג צו איהם האָט זי מיט איהר געוועהנ־ליכער האסטיגקייט איהם אַנגעכאַפּט פאַר׳ן אָרים:

— „אַ! קריסטאָף!?" — האָט זי געזאָגט.

ער האָט אויפגעציטערט. ער האָט געלאָזען אַראָפּפאַלען דאָס שטיקעל ברויט וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנט.

„וואָס? וואָס איז געשעהען?" — האָט ער אויסגערו־פען.

זי האָט איבערגע׳חזר׳ט:

— „אַ! קריסטאָף! ס׳איז אַזאַ אומגליק געשעהן!..."

ער האָט א שטופּ געטאָן דעם טיש און געשטאַמעלט:

— „דאָ"?

זי האָט איהם אָנגעוויזען אויף דאָס הויז פון יענער זייט

ער האָט אויסגעשריען:

— „סאַבינע!“

זי האָט געוויינט:

„זי איז טויט“!

קריסטאָף האָט מעהר גאָרניט געזעהן. ער האָט זיך אויפגעהויבען, ער האָט געפיהלט אז ער פאַלט, ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן טיש, און האָט איבערגעקערט וואס איז געווען דערויף, ער האָט געוואָלט שרייען. ער האָט געליטען גרויזאַמע שמערצען .ער האָט געהאַלטען ביים ברעכען.

ראָזע, א דערשראָקענע איז שנעל צוגעלאָפען צו איהם: זי האָט איהם געהאַלטען ביים קאָפּ און געוויינט.

ווי ער האָט נאָר געקענט רעדען, האָט ער געזאָגט:

— „עס איז ניט אמת!“

ער האָט געוואוסט אז עס איז אמת; אבער ער האָט עס געוואָלט לייקענען. ער האָט זיך געוואָלט מאַכען אזוי ווי דאָס וואָלט ניט געשעהן. ווען ער האָט אבער געזעהן ראָזע׳ס פּנים מיט טרערען רינענדיג, האָט ער שוין קיין ספק ניט געהאַט און האָט אויסגעבראָכען אין א געוויין.

ראָזע האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ:

— „קריסטאָף!“ — האָט זי אויסגערופען.

אויסגעצויגען אויפ׳ן טיש, האָט ער זיך פאַרדעקט דעם פּנים. זי האָט זיך צו איהם צוגעבויגען:

— „קריסטאָף!... די מאַמע קומט!...“

קריסטאָף האָט זיך אויפגעשטעלט.

זי האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנט. ער האָט זיך געטרייסעלט, געווען פאַרבלענדט פון די טרערען. זי האָט איהם צוגעפיהרט ביז צו א האָלץ־קאַמער וואס איז געשטאַנען

אין הויף און האָט צוגעמאַכט די טיר. זיי האָבן זיך גע־פונען אין דער פינסטערניש. ער האָט זיך, ווי עס איז, אוועקגעזעצט אויף אַ קלעצעל אויף וועלכען מען פלעגט שפּאַלטען האָלץ, און זי אויף די שפּענער. דער גערויש פון דרויסען איז צו זיי דערגאַנגען ווי פון ווייטען אָפּגעטעמפּט. דאָרט האָבן זיי געקאָנט וויינען אָהן אַ שום מורא אז מען וועט זיי דערהערען. דאָרט האָט ער זיך געלאָזט וויינען שטאַרק און אָהן אַ שיער. ראָזע האָט איהם קיינמאָל ניט געזעהען וויינענדיג. זי האָט אפילו ניט געטראַכט אז ער קאָן וויינען; זי האָט נאָר געוואוסט פון איהרע אייגענע מיידעלשע טרערען און אזא יאוש ביי אַ מאַן האָט זי אָנ־געפילט מיט שרעק און רחמנות. זי האָט צו קריסטאָפ'ן גע־האַט אַ ליידענשאַפטליכע ליעבע. די ליעבע האָט אין זיך ניט געהאַט קיין ברעקעל עגאָיזם: עס איז געווען אַן אומ־געהייערע באַדערפעניש פון זעלבסט־אָפּפער, פון מוטערליכע זעלבסט־פאַרלייקענונג, אַ דורשט צו ליידען פאַר זיינעטווע־גען, אויף זיך צו נעמען זיין צער. זי האָט איהר אָרים אַרויפ־געלייגט אויף זיין פּלייצע.

— „טייערער קריסטאָף! — האָט זי געזאָגט, — וויין ניט!“

קריסטאָף האָט זיך אומגעדרעהט:

— „איך וויל שטאַרבען.“

ראָזע האָט פאַרבראָכען מיט די הענט.

— „זאָג דאָס ניט קריסטאָף!“

— „איך וויל שטאַרבען. איך קאָן ניט מעהר... איך קאָן ניט מעהר לעבען... צו וואָס זאָל איך לעבען?“

— „קריסטאָף, מיין ליעבענקער קריסטאָף! דו ביסט ניט אַליין. מען האָט דיך ליעב...“

„וואס ארט עס מיך? כ'האב קיינעם מעהר ניט ליעב. מעג די גאנצע וועלט לעבען אדער שטארבען. איך האב קיינעם ניט ליעב, איך האב נאר איהר געליעבט, איך האב נאר איהר געליעבט.“

ער האט נאך שטארקער געכליפעט, דעם קאפ באהאלטען אין די הענט. ראזע האט מעהר גארנישט ניט געקאנט זאגען. קריסטאף'ס עגאאיסטישע ליעבע האט איהר ווי מיט א מעסער אין הארצען געשניטען. אין דער מינוט וואס זי האט געגלויבט אז ער דערנעהענטערט זיך צו איהר, האט זי זיך געפיהלט איינזאמער, אומגליקליכער ווי ווען עס איז פריהער. דער וועהטאג, אנשטאט זיי צו דערנעהענטערען, האט זיי נאך מעהר דערווייטערט. זי האט ביטער געוויינט.

אין א ווייל ארום האט קריסטאף אויפגעהערט צו וויינען און געפרעגט:

„אבער ווי אזוי? ווי אזוי?“

ראזע האט פארשטאנען:

— „זי האט געקראגען די אינפלוענציע, יענעם אבענט ווען דו ביסט אוועקגעפאהרען. באלד איז זי געשטארבען...“

ער האט געקרעכצט:

— „מיין גאט!... פארוואס האט מען מיר ניט געשריבען?“

זי האט געענטפערט:

— „איך האב געשריבען. איך האב ניט געוואוסט דיין אדרעס. דו האסט אונז גארניט געזאגט. איך בין געגאנגען פרעגען אין טעאטער, קיינער האט ניט געוואוסט.“

ער האט געוואוסט ווי שעמעוודיג זי איז, און ווי שווער דער גאנג האט פאר איהר געמוזט זיין. ער האט געפרעגט:

„האט זי... האט זי דיר געהייסען דאס טאן?“

זי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— „ניין. איך האָב אַליין געטראַכט...“

ער האָט איהר מיט די אויגען אָפּגעדאַנקט. ראָזע'ס האַרץ איז ווי צוגאַנגען געוואָרען.

— „מיין אָרעמער... אומגליקליכער קריסטאָף!“ האָט זי אויסגערופען.

זי האָט זיך אויף זיין האַלז געוואָרפען און געוויינט. קריסטאָף האָט געפיהלט דעם ווערט פון דער ריינער צערט־ליכקייט. ער האָט זיך אַזוי גענויטיגט אין טרייסט! ער האָט איהר געקושט:

„דו ביסט גוט, — האָט ער געזאָגט, האָסטו איהר אויך ליעב געהאַט?“

זי האָט זיך פון איהם אָפּגעריסען, איהם צוגעוואָרפען אַ בליק פול מיט ליעבע, גאָרניט געענטפערט און ווידער אָנגעהויבען צו וויינען.

דער בליק איז פאַר איהם אַן אַנטפּלעקונג געווען. דער בליק האָט ווי געזאָגט:

— „ניט איהר האָב איך געליעבט...“

קריסטאָף האָט שוין פאַרשטאַנען דאָס וואָס ער האָט פריהער ניט געוואוסט — דאָס וואָס ער האָט פריהער, זייט מאַנאַטען ניט געוואָלט פאַרשטעהן: ער האָט פאַרשטאַנען אַז זי ליעבט איהם.

— „שאַ! — האָט זי אויסגערופען, — מען רופט מיך.“

מען האָט געהערט אַמאַליע'ס קול.

ראָזע האָט געפרעגט:

— „ווילסטו אַריינגעהן צו זיך אין צימער אַריין?“

ער האָט געענטפערט:

„ניין, איך וועל נאך ניט קאנען, איך וועל נאך ניט קאַ־
נען רעדען מיט דער מאמען... שפעטער..."

זי האט געזאגט:

— „בלייב, איך וועל באלד צוריק קומען..."

ער איז געבליבען אין דעם טונקלען קאמער, וואו א דינ־
נער שטראהל ליכט האט זיך אריינגעכאפט דורך א שמאלען פענסטער'ל, פארדעקט מיט שפינוועב. מען האט געהערט דעם געשריי פון א הענדלעריז אין גאס: נעבען וואנט, איז א דערבייאיגען שטאל, האט א פעדר געסאפעט און געברי־
קעט. די אנטפלעקונג וואס ער האט נאר וואס געמאכט. האט איהם קיין פארגעניגען ניט פארשאפט: זי איז איהם בלויז אריין אין דער מחשבה אויף א ווילע. א סך זאכען וועלכע ער האט פריהער ניט פארשטאנען, זיינען איצט פאר איהם ערקלעהרט געווארען. א מאסע קליינינקע זאכען, אויף וועלכע ער האט זיך פריהער ניט אפגעשטעלט, זיינען איהם איצט אויפ'ן זכרון געקומען און זיינען איהם קלאר געווא־
רען. עס האט איהם געוואונדערט וואס ער טראכט וועגען דעם: ער איז אין כעס געווען וואס ער קאן אויף איין מינוט אפילו פארגעסען אז זיין אומגליק. אבער דער אומגליק איז געווען אזוי שרעקליך, אזוי טויטענדיג, אז דער אינסטינקט פון זעלבסט־ערהאלטונג, וואס איז שטארקער פונ'ם ווילען, פון מוט, פון ליעבע, האט איהם געצוואונגען דערפון אפצו־
קעהרען די אויגען: ער האט זיך אנגעכאפט אז דעם נייען געדאנק, ווי א פארצווייפעלטער וואס טרינקט זיך, כאפט זיך אן, געגען זיין ווילען, אז דער מינדסטער זאך וואס קאן איהם העלפען, ניט כדי זיך צו ראטעווען, נאר כדי זיך אויפ־
צוהאלטען נאך א ווילע אויפ'ן וואסער. און ווייל ער האט געליטען, האט ער אויך געפיהלט וואס אז אנדערער ליי־

דעט — ליידעט דורך איהם. ער האָט פאַרשטאַנען די טרערען וואָס זי האָט ערשט פאַרגאָסען איבער איהם. ער האָט רחמנות געהאַט אויף ראַזע'ן. ער האָט זיך דערמאָהנט ווי גרויזאַם ער איז געווען צו איהר — ווי גרויזאַם ער וועט נאָך זיין, ווארום ער האָט איהר ניט געליעבט. צו וואָס יאָל זי איהם ליעב האָבען? אומגליקליך מיידעל!... אומזיסט האָט ער זיך געטראַכט אַז זי איז גוט (זי האָט עס נאָר וואָס באַוויזען). וואָס געהט איהם אַן איהר גוטסקייט? וואָס געהט איהם אַן איהר לעבען?... ער האָט געטראַכט:

— „פאַרוואָס איז זי בעסער ניט טויט און די אַנדערע לע־בעדיג?“.

ער האָט געטראַכט:

„זי לעבט, זי האָט מיך ליעב, זי קאָן דאָס מיר זאָגען, היינט, מאָרגען, מיין גאַנצען לעבען לאַנג: — און די אַנדע־רע, די איינציגע וועלכע איך האָב ליעב, זי איז געשטאָרבען אפילו מיר ניט זאָגענדיג, אַז זי האָט מיך געליעבט: איך האָב איהר קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז איך האָב איהר גע־ליעבט און קיינמאָל וועל איך ניט הערען, אַז זי זאָל עס מיר זאָגען, קיינמאָל וועט זי ניט וויסען...“

און פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָהנט אַן דעם לעצטען אבענט: ער האָט זיך דערמאָהנט, ווי זיי האָבען געהאַלטען ביים רעדען, ווען ראַזע איז פּלוצלונג אַנגעקומען און זיי געשטערט אין דעם. און ער האָט ראַזע'ן געהאַסט.

די טיר פון דער קאַמער האָט זיך ווידער געעפענט. ראַזע האָט קריסטאָף'ן גערופען מיט אַ נידעריגער שטים. איהם געזוכט טאַפּענדיג: זי האָט איהם אַנגענומען פאַר די האַנט. ער האָט דערפיהלט אַ ווידערווילען געגען איהר.

פאר וואס זי איז אזוי נאהענט צו איהם: ער האט זיך דאס פארגעווארפען, אבער דער געפיהל איז געווען שטארקער פון איהם.

ראזע האט געשוויגען: די טיפקייט פון איהר רחמנות־געפיהל האט איהר אויסגעלערנט צו שווייגען. קריסטאף איז איהר דאנקבאר געווען וואס זי שטערט ניט זיין שמערץ מיט איבעריגע רעד. דאך האט ער געוואלט וויסען... זי איז געווען די איינציגע וואס האט צו איהם געקאנט רעדען וועגען א י ה ר.

„ווען איז זי...?“

(ער האט ניט געוואגט צו זאגען: געשטארבען).

זי האט געענטפערט:

— „לעצטען שבת איז א וואך געווארען...“

אן ערינערונג איז איהם אויף דער מחשבה געקומען. ער האט געפרעגט: „ביי נאכט?“.

ראזע האט איהם אנגעקוקט ערשטוינט, און געענט־פערט:

— „יא, ביי נאכט, צווישען צוויי און דריי א זייגער.“

די טרויעריגע מעלאדיע האט זיך פאר איהם וויע־דער באוויזען. ער האט, ציטערענדיג געפרעגט:

„האט זי א סך געליטען?“

— „ניין, ניין, גאט צו דאנקען, ליעבער קריסטאף, זי האט כמעט גאר ניט געליטען. זי איז געווען אזוי שוואך, זי האט ניט געקאנט בייקומען די קראנקהייט. מען האט גלייך געזעהן, אז זי איז פארלארען.“

„און זי, האט זי עס אויך פארשטאנען?“

— „איך ווייס ניט. איך גלויב...“

„האט זי עפעס געזאגט?“

— „ניין, גאָרנישט. זי האָט זיך בלויז באַקלאָגט, ווי אַ קליין קינד.“

„דו ביסט דאָרט געווען?“

— „יאָ, די ערשטע צוויי טעג. איך בין דאָרט גאַנץ אַליין געווען איידער דער ברודער איז געקומען.“

ער האָט איהר געדריקט די האַנט, מיט דאַנקבאַרקייט.

„אַ דאַנק!“

זי האָט געפיהלט ווי דאָס בלוט קומט איהר צו צום האַרצען.

נאָך אַ ווײַלע פון שטילשווײַגען האָט ער אַרויסגעמורמעלט די פראַגע וואָס האָט איהם געשטיקט.

„זי האָט גאָרנישט געזאָגט — פאַר מײַנטוועגען?“

ראַזע האָט אומעטיג געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ. זי וואָלט אַ סך געווען געגעבען איהם צו קאָנען ענטפערן דאָס וואָס ער האָט ערוואַרט: זי האָט זיך כמעט ווי פאַרגעוואַרפען וואָס זי קאָן ניט זאָגען קיין ליגען. זי האָט געפּרואווט איהם טרייסטען:

— „זי איז שוין מעהר ניט געווען ביים זינען“.

„האָט זי גערעדט?“

— „מען האָט ניט גוט פאַרשטאַנען. זי האָט גערעדט אַזוי שטיל.“

„וואו איז איהר מיידעלע?“

— „דער ברודער האָט איהר מיטגענומען מיט זיך. אויפ'ן לאַנד.“

„און זי?“ —

— „זי איז דאָרט. מען האָט איהר אַוועקגענומען פאַר אַכטאָג'ען מאָנטאָג.“

זיי האָבען ווידער אָנגעהויבען וויינען.

פרוי פאַגעל'ס קול האָט ווייטער אָוועקגערופען ראָזע'ן.

קריסטאָף, ווידער אַליין, האָט זיך איבערגעלעבט די טעג פון איהר טויט. „אכט טעג, שוין אכט טעג... אַ, גאָט! וואָס איז פון איהר געוואָרען? ווי שטאַרק עס האָט גערעגענט, די וואָך, אויף דער ערד!... און ער, בעת דעם אַלעמען, האָט געלאַכט, איז געווען גליקליך!“

ער האָט דערפיהלט אין זיין קעשענע אַ פּאַקעטעל איינגעוויקעלט אין זייד־פּאַפּיר: דאָס זיינען די זילבערנע שפּראַנטשקעס וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פאַר איהרע שיך. ער האָט זיך דערמאָהנט אָן דעם אבענט, ווען ער האָט די האַנט געלעגט אויף איהר מיט זייד־באַצויגענער פוס. „איהרע קליינינקע פיס, — וואו זיינען זיי איצט? ווי עס מוז זיי קאַלט זיין!...“ ער האָט געטראַכט, אַז אַט יענע וואַרעמע באַריהרונג, איז דער איינציגער אַנדענקען פון איהר געליעבטען קערפּער. קיינמאָל האָט ער ניט געוואָגט איהר צו באַריהרען, איהר נעהמען אין זיינע אָרימס, איהר צודריקען צו זיך. זי איז אוועק, איידער ער האָט איהר דערקענט, אויף איביג. ער האָט גאָרנישט געוואוסט פון איהר, פון איהר נשמה, פון איהר גוף. ער האָט ניט געהאַט קיין אַנדענקונג פון איהר געשטאַלט, פון איהר לעבען, פון איהר ליעבע... איהר ליעבע?... וואָס פאַר אַ באַווייז האָט ער וועגען דעם געהאַט?... ער האָט אפילו ניט געהאַט קיין בריעף־אַנדענקען פון איהר — גאָרנישט. וואו זאָל ער איהר זוכען, אַריינציהען אין זיך, אויסער זיך?... אַ! פינסטערער תהום! עס איז איהם נאָר געבליבען פון איהר די ליעבע וואָס ער האָט געהאַט פאַר איהר, ער אַליין איז נאָר פאַרבליבען... און ניט קוקענדיג אויף דאָס אַלץ, האָט זיין ווילדער באַגעהר איהר אַרויסצורייסען פון די פערניכטונג־הינט, זיין באַדירפניש

אָפּצולייקענען דעם טויט, זיך איינגעקלאַמערט אין דער לעצ־טער חורבה, אין אַ פּאַטעטישען גלויבען:

"....ne son gia morto; e ben c'albergo cangi, resto in te vivo, c'or me vedi e piangi. So l'un nell'altro, amante se transforma."

„איך בין ניט טויט, כ'האָב געביטען מיין היים. איך בלייב לעבעדיג אין דיר, וועלכער זעהט מיך און וויינט. אין דעם געליעבטענ'ס נשמה פאַרוואַנדעלט זיך דער געליעב־טע'ס נשמה."

ער האָט קיינמאָל ניט געלייענט די גייסטיג־איידעלע ווערטער: אָבער זיי זיינען געווען אין איהם. יעדער מוז ווידער אָרויפקלעטערן דעם קרייציגונג־באַרג פון יאָהרהונ־דערטע. יעדער געפינט אויפ'סניי דעם פּיין, די יסורים, די פאַרצווייפעלטע האָפענונג פון יאָהרהונדערטע צוריק. יעדער געהט אין די טריט פון די וואָס זיינען געווען, פון די וואָס האָבען געקעמפט געגען טויט, אָפּגעלייקענט דעם טויט — און זיינען טויט.

ער האָט זיך איינגעמויערט אין זיין צימער. די גאַר־דינען זיינען געבליבען פאַרמאַכט דעם גאַנצען טאָג, כדי ניט צו זעהן די פענסטער פון אַנטקעגען. ער פלעגט אַנטלויפען פון די פאַגעלס: ער האָט זיי געהאַסט. ער האָט זיי גאַר ניט געהאַט וואָס פאַרצוואַרפען: זיי זיינען געווען צו וואוילע און צו פרומע מענשען ניט צו אונטערדריקען זייערע געפיהלען אין געגענוואַרט פון טויט. זיי האָבען געוואוסט פון קריסטאָף׳ס צער, און דאָס האָט זיי געמאַכט ניט צו קוקען אויף זייערע אייגענע געדאַנקען. זיי פלעגען פאַר איהם אויסמיידען צו דערמאָנען סאַבינע׳ס נאָמען. אָבער זיי זיינען געווען איהרע שונאים ווען זי האָט געלעבט: דאָס איז גענוג געווען פאַר איהם. איצט ווען זי האָט שוין ניט גע־לעבט, צו ווערען זייער שונא.

זיי פלעגען זיך טומלען און ליאַרמען ווי פריהער: און כאָטש זיי האָבען געפיהלט אַ אמת׳ע, אָבער פאַרבייגע־העגדע, רחמנות, איז קלאָר געווען, אַז אין תוך האָט זיי דער אומגליק ניט געריהרט (דאָס איז געווען גאַנץ נאַטיר־ליך)—: בסוד האָבען זיי אפשר געפיהלט, אַז זיי זיינען פטור געוואָרען פון איהר. קריסטאָף, ווענינגסטענס, האָט זיך אַזוי פאַרגעשטעלט. איצט, ווען דער מיין פון די פאַגעלס׳ בנוגע איהם איז איהם קלאָר געוואָרען, איז ער געניינט גע־ווען אַלץ מגזם צו זיין. אין אמת׳ן האָבען זיי וועניג געהאַל־טען פון איהם, בעת ער האָט זיך באַטראַכט פאַר זעהר וויכטיג. אָבער ער האָט ניט געצווייפעלט, אַז סאַבינע׳ס

טויט. וועלכער האָט אפּגעראַמט די הויפּט שטערונג פון זיי־ערע פּלענער. וועט אין זייערע אויגען האָבען געלאָזען אַ פּרייען וועג פאַר ראַזע׳ן. ער האָט איהר דערפאַר טאַקע געהאַסט. דאָס וואָס זיי — (די פּאַגעלס, לואיזע און ראַזע אַליין) האָבען איהם שטילערהייט געוואָלט פּאַרזאָרגען, איהם אפילו ניט אָנפרעגענדיג, איז שוין געווען געוועזען, אין יעדען פאַל, ביי איהם אַוועקצונעהמען יעדען וואַרעמען געפיהל צו דער וועלכע זיי האָבען געוואָלט, אַז ער זאָל ליעב האָבען. ער פלעגט שטייף און שטאָלץ ווערען יעדעס מאָל ווען עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז מען וויל אָנריהרען זיין טייערע פּרייהייט. אָבער דאָ האָט זיך געהאַנדעלט ניט נאָר פון איהם אַליין. די רעכטע וואָס מען האָט זיך איבער איהם גענומען, האָבען ניט נאָר פאַרלעצט זיינע רעכטע, נאָר אויך די פון דער פאַרשטאָרבענער, וועמען ער האָט זיין האַרץ אַוועקגעשאָנקען. דערפאַר האָט ער די רעכטע טאַקע שטרענג באַשיצט, כאָטש קיינער האָט זיי ניט אָנגעגריפען. ער האָט פאַרדעכטיגט ראַזע׳ס גוטסקייט, וועלכע האָט געליטען זע־הענדיג ווי ער ליידט, און איז אָפט געקומען אָנקלאַפּען אין זיין טיר, כדי איהם צו טרייסטען און מיט איהם צו רעדען וועגען דער אַנדערער. ער פלעגט זי ניט אָפּשטופּען: ער האָט געמוזט רעדען פון סאַבינע׳ן מיט אימיצען וואָס האָט זי געקענט: ער האָט געוואָלט וויסען די קלענסטע איינצעל־הייטען פון דעם וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער קראַנקהייט. אָבער ער איז ראַזע׳ן דערפאַר ניט דאַנק־באַר געווען: ער האָט איהר צוגערעכענט זייטיגע אינטערע־סען. האָט ער דען ניט געזעהן ווי די פאַמיליע, ווי אַמאַליע ערלויבט די באַזוכען און די לאַנגע געשפּרעכען, צו וועלכע זי וואָלט קיינמאָל ניט צוגעשטימט, ווען זי זאָל דערביי ניט

האבען איהר אייגענעם חשבון? איז ראזע ניט געווען איינ־פארשטאנען מיט איהר? ער האט ניט געקאנט גלויבען, אז איהר מיטגעפיהל איז אן אמת אויפריכטיגער, אהן קיין אייגענוציגע מאטיוון.

און דאס איז עס טאקע, בלי ספק, ניט געווען. ראזע האט רחמנות געהאט אויף קריסטאף'ן מיט'ן גאנצען הארצען. זי האט זיך אנגעשטרענגט צו זעהן סאבינ'ען מיט קריסטאף'ס אויגען, איהר ליעב צו האבען ווי דורך איהם; זי האט זיך שטרענג פארגעווארפען די אומפריינדליכע געפיהלען וואס זי האט פריהער געהאט צו איהר, און איהר געבעטען אין איהרע תפלות, אז זי זאל איהרמוחל זיין. אבער האט זי דען געקאנט פארגעסען, אז זי אליין ליעבט, אז זי זעהט קריסטאף'ן יעדע שעה אין טאג, אז זי ליעבט איהם, אז זי האט שוין ניט וואס מורא צו האבען פאר די אנדערע, אז די אנדערע ווערט פארגעסען, אז אפילו איהר אנדענקען וועט באלד אויך פארגעסען ווערען, אז זי אליין בלייבט, אז שפעטער, אפשר...? האט זי דען ניט געקאנט אונטערדריקען אין מיר־טען פון איהרע לײדען, פון איהר פריינד'ס ליידען (וועלכע זיינען מעהר געווען זיינע ווי איהרע) — האט זי דען גע־קאנט אונטערדריקען א פלוצלונגע פרייד, אן אויסבארע־כענטע האפענונג? זי פלעגט זיך דאס פארווארפען דער־נאך. עס איז בלויז געווען א בליץ. עס איז אבער געווען גענוג. ער האט עס דערזעהן. ער פלעגט איהר צואווארפען א בליק, וואס האט איהר פארפראָרען דאס הארץ: זי האט אין דעם געזעהן פיינדליכע געדאנקען: ער איז אויף איהר אין כעס געווארען, וואס זי לעבט בעת די אנדערע איז טויט.

דער מילנער איז מיט זיין וואגען געקומען אפנעמען סאבינע'ס ביסעל מעבעל. צוריק קומענדיג פון א שטונדע,

האָט קרסיטאָף געזעהן ווי דאָס בעט, די שאַפּע, די מאַטראַ־צען, די וועש און אַלעס וואָס איז פון איהר געבליבען, ליגען צעשפּרייט אויף דער גאַס ביי דער טיר. דאָס איז פאַר איהם געווען אַ שרעקליך בילד. ער איז האַסטיג פאַרבייגע־גאַנגען. פאַר דער טיר האָט ער זיך אָנגעשלאָגען מיט בער־טאָלד'ן, וועלכער האָט איהם אָפּגעשטעלט:

— „אַ! מיין טייערער הער! — האָט ער אויסגערו־פען, איהם וואַרם דריקענדיג די האַנט, — נו, ווער וואָלט דאָס געטראַכט, בעת מיר זיינען אַלע געווען צוזאַמען? ווי גוט מיר האָבען זיך אַלע געפיהלט! דאַך, עס האָט איהר זייט יענעם טאָג, זייט דעם פאַרדאַמטען שיפען זיך אויף'ן טייך, גענומען געהן שלעכט. נו, וואָס העלפט באַקלאָגען זיך! זי איז געשטאָרבען. נאָך איהר וועט אונזער רייה קומען. אַזוי איז דאָס לעבען... און איך, ווי געהט עס עפּעס? מיר, גאַנץ גוט, דאַנקען גאָט!"

ער איז געווען רויט, פאַרשוויצט און עס האָט געשמעקט פון איהם מיט וויין. דער געדאַנק, אַז דאָס איז איהר ברו־דער, אַז ער האָט אַ רעכט איבער איהר אָנדענקען, האָט באַליידיגט קריסטאָף'ן. עס האָט איהם געקרענקט צו הער־רען ווי אַט דער מענש רעדט איבער דער, וואָס ער האָט גע־ליעבט. דעם מילנער, פאַרקעהרט, האָט הנאה געטאָן צו גע־פינען אַ פריינד מיט וועמען צו קאָנען רעדען איבער סאַ־בינע'ן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען קריסטאָף'ס קאַלטקייט. עס איז איהם גאָרנישט איינגעפאַלען, אַז זיין אַנוועזענהייט, זיין פּלוצלונגער דערמאָנען יענעם טאָג אויפ'ן לאַנד, די גליקליכע ערינערונגען, וועלכע ער האָט אַזוי פּראָסט איין זיין זכרון געבראַכט, די אָרעמע איבערבלייבענישען פון סאַ־בינע'ן, וועלכע זיינען געלעגען צעשפּרייט אויף דער ערד,

און וועלכע ער האָט, רעדענדיג, אָפּגעשטופּט מיט׳ן פּוס, האָ־בען אויפגעריהרט די ליידען אין קריסטאָף׳ס נשמה. ער האָט געזוכט עפּעס א תירוץ אָפּצושטעלען בערטאָלד׳ס פּלאַפּלעריי. ער איז ארויף די טרעפּ: אָבער דער אנדערער האָט זיך אַן איהם אָנגעהאַלטען, איהם אָפּגעשטעלט אויף די שטיגען און ווייטער גערעדט: צום סוף, בעת דער מילנער האָט איהם געהאַלטען אין דערצעהלען איבער סאַביגע׳ס קראַנקהייט, מיט דעם מאָדנעם פאַרגעניגען וואָס געוויסע לייט, איבער־הויפּט פּראָסטע מענשען, האָבען צו רעדען איבער א קראַנק־הייט, מיט דער גאַנצער רייהע שמערצליך־אומאַנגענעה־מע איינצעלהייטען, האָט שוין קריסטאָף מעהר ניט געקאָנט אויסהאַלטען: (ער האָט זיך געשטאַרקט כדי ניט אויסצו־שרייען פון שמערץ). ער האָט איהם שאַרף אונטערבראָכען: „ענטשולדיגט, האָט ער, טרוקען און קאַלט, געזאָגט,— איך מוז מיך מיט אייך צעשיידען.“

ער איז פון איהם אַוועק, אָהן א גוטען טאָג.

די הארטקייט האָט דעם מילנער שטאַרק פאַרדראָסען. עפּעס האָט ער שוין פריהער געפיהלט מכח דער באַהאַלטע־נער ליעבע צווישען זיין שוועסטער און קריסטאָף׳ן. אַז אָט דערזעלבער זאָל ארויסווייזען אַזא קאַלטקייט, האָט איהם אויסגעזעהן שרעקליך, אוממענשליך: ער האָט קריסטאָף׳ן באַטראַכט פאַר אַן אכזר.

קריסטאָף איז אַנטלאָפען אין זיין צימער: עס האָט איהם געשטיקט. כל זמן דאָס איבערציהען האָט געדויערט איז ער פון דאָרט ניט אַרויס. ער האָט זיך געשוואָרען ניט צו קוקען דורכ׳ן פענסטער, אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט צור־ריקהאַלטען: און, פאַרשטעקט אין א ווינקעל, הינטער די פאָרהאַנגען, האָט ער מיט א שמערצליכער אויפמערקזאַמ־

קיט צוגעקוקט ווי מען פיהרט אוועק איהרע ליעבע חפצים. זעהענדיג ווי זיי פארשווינדען פון איהם אויף אייביג, איז ער שיער ניט ארויס אויפ'ן גאס שרייען: „ניין! ניין! לאָזט זיי מיר, נעהמט זיי ניט אוועק פון מיר!" ער האָט געוואָלט מען זאָל איהם כאָטש עפּעס געבען, אן איינציגע זאַך, מען זאָל איהר ניט אין גאנצען פון איהם אוועק נעה־מען. אָבער ווי אַזוי וואָלט ער געוואָגט דאָס צו בעטען ביים מילנער? און, ווי ער וואָלט נאָר געפּרובירט אויס־רעדען אַ וואָרט, וואָלט ער דאַך אויסגעבראָכען אין אַ געַ־וויין... ניין, ניין, ער מוז שווייגען, ער מוז צוזעהן ווי אַלץ פאַרשווינדעט, ניט קאָנענדיג, — ניט וואָגענדיג צו ראַטע־ווען אַ שטיקעל פון דעם שיף־ברוך...

און ווען אַלץ איז שוין געווען צו ענד, ווען דאָס הויז איז שוין געווען לעדיג, ווען דער טויער איז שוין פארמאכט געוואָרען הינטער'ן מילנער, ווען די רעדער פון'ם וואָגען האָ־בען זיך דערווייטערט, צעטרייסלענדיג די פענסטער, ווען דער גערויש האָט זיך מעהר ניט געהערט, האָט ער זיך אויפ'ן פּאָדלאָגע געוואָרפען, שוין אָהן אַ טרער אין די אויגען, אָהן אַ שום געדאַנק פון לייד אָדער קאַמף, פאַרפראָרען ווי אַ טויטער.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. ער האָט זיך ניט גע־ריהרט, מען האָט נאָך אמאָל אָנגעקלאַפּט. ער האָט פריהער פאַרגעסען צו פאַרשליסען. ראָזע איז אריינגעקומען. זי האָט פון שרעק אויסגעשריען, זעהענדיג איהם אויסגעצויגען אויפ'ן פּאָדלאָגע און זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט צאָרנדיג אויפגעהויבען דעם קאָפּ:

„וואָס? וואָס ווילסטו? געה אוועק!"

זי איז ניט אַוועקגעגאַנגען, זי איז געבליבען, אומענט־

שלאַסען, אַנגעשפּאַרט אַז דער טיר און איבערגעזאָגט:
— „קריסטאָף!...“

ער האָט זיך שטיל אויפגעהויבען. ער האָט זיך גע־פּיהלט פאַרשעהמט וואָס זי האָט איהם אַזוי געזעהן. זיך אָפּווישענדיג די האַנט, האָט ער שטרענג געפרעגט:

„נו, וואָס ווילסטו?“

ראָזע, א דערשראָקענע, האָט געענטפערט:

— „זיי מיר מוחל... קריסטאָף... איך בין אריינגעגאַנ־גען... איך האָב דיר געבראַכט...“

ער האָט געזעהען, אַז זי האַלט א זאַך אין דער האַנט.

— „אָט, זעה, — האָט זי געזאָגט, איהם דאָס דער־לאַנגענדיג, — איך האָב געבעטען בערטאַלד'ען ער זאָל מיר געבען אַן אַנדענקען אַן איהר. איך האָב געדענקט, אַז דאָס וועט דיר פאַרשאַפען פאַרגעניגען...“

עס איז געווען א קליין זילבערנעם שפּיגעלע, א טאַ־שען־שפּיגעלע, אין וועלכען זי פלעגט אריינקוקען שטונדען־לאַנג ניט אַזוי אוים קאָקעטסטוואָ, ווי אוים צייט־פאַרטרייב. קריסטאָף האָט עס צוגעכאַפּט צוזאַמען מיט דער האַנט וואָס האָט עס איהם דערלאַנגט.

„א! ראָזע...“ האָט ער אויסגערופען.

איהר גוטסקייט האָט איהם דורכגענומען און ער האָט דערפּיהלט זיין שולד געגען איהר. מיט א ליידענשאַפטליכען אימפּולס האָט ער זיך געוואָרפען אויף די קניע פאַר איהר און איהר געקושט די האַנט:

„זיי מיר מוחל!... מוחל!...“—האָט ער אויסגעשריען.

ראָזע האָט אין אַנהויב ניט פאַרשטאַנען: דאַן האָט זי צו גוט פאַרשטאַנען: זי איז רויט געוואָרען, געציטערט און

גענומען וויינען. זי האָט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן...

— „זיי מיר מוחל, אויב איך בין אומגערעכט צו דיר... זיי מיר מוחל וואָס איך האָב דיך ניט ליעב... מוחל וואָס איך קאָן ניט... וואָס איך קאָן דיך ניט ליעב האָבען, וואָס איך וועל דיך קיינמאָל ניט קאָנען ליעב האָבען!...“

זי האָט ניט צוריקגעצויגען איהר האַנט: זי האָט גע־וואוסט, אַז ניט איהר קושט ער. און מיט דעם פּנים אָנגע־שפּאַרט אויף איהר האַנט, האָט ער וואַרעמע טרערען פאַר־גאָסען, וויסענדיג, אַז זי קוקט אין זיין נשמה אַריין: ער האָט געפיהלט אַ ביטערען טרויער פאַר וואָס ער קען זי ניט ליעבען, וואָס ער פאַרשאַפט איהר שמערצען.

זיי זיינען אַזוי געבליבען, ביידע וויינענדיג אין דער האַלבער טונקעלקייט פון׳ם צימער. ענדליך האָט זי אַוועק־גענומען די האַנט. ער האָט ווייטער געמורמעלט:

— „זיי מיר מוחל!...“

זי האָט ליעבליך געלעגט די האַנט אויף זיין קאָפּ. ער האָט זיך אויפגעהויבען. זיי האָבען זיך אין דער שטיל גע־קושט: זיי האָבען געפיהלט אויף זייערע ליפּען דעם ביטער־זאַלציגען טעם פון זייערע טרערען.

— „מיר וועלען תמיד זיין פריינד“ — האָט ער זעהר שטיל געזאָגט.

זי האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ, און איהם איבערגע־לאָזען, זיך פיהלענדיג צו אומעטיג צו רעדען.

זיי האָבען געטראַכט, אַז די וועלט איז שלעכט באַשאַ־פען געוואָרען. די וואָס ליעבען, ווערען ניט געליעבט; די וואָס ווערען געליעבט, ליעבען ניט; די וואָס ליעבען און

ווערן געליעבט, ווערן, פריהער אדער שפעטער, אפּגערי־
סען איינער פון אנדערן... מען ליידט, מען מאכט אנדערע
צו ליידן, און דער אומגליקליכסטער איז ניט אלע מאל דער
וואס ליידעט.

קריסטאָף האָט ווידער אָנגעהויבען אויסצואוויינען די הײם. ער האָט דאָרט מער ניט געקאָנט לעבען. ער האָט ניט געקאָנט זען אַנטקעגען זיך די פענסטער אָן פאַר־האַנגען, דאָס הויז לעדיג.

אַ טיפערער שמערץ איז אים באַפאַלען. דער אַלטער איילער האָט שנעל ווידער פאַרדונגען דעם אונטערשטען עטאַזש, און אין אַ געוויסען טאָג האָט קריסטאָף געזען אין סאַבינע'ס צימער פרעמדע פּנים'ער. נײַע לעבענס האָבען אָפּגעווישט די לעצטע שפּורען פון דעם פאַרשוואונדענעם לעבען.

עס איז אים אוממעגליך געוואָרען צו בלײַבען אין דער הײם. גאַנצע טעג האָט ער פאַרבראַכט אין דרויסען, צוריקקומענדיג ערשט אין אָבענט, ווען אַלץ איז שוין געווען פינסטער אַרום אים. ער האָט ווידער גענומען ווײַט אַרויס־געהן פון דער שטאָט. און אַלע מאָל פלעגט עס אים, ניט ווילענדיג, פאַרפירען צו בערטאָלד'ס הויז; אָבער ער פלעגט ניט אַרײַן געהן. ער פלעגט ניט וואַגען נאָהענט צו־צוקומען און בלויז אַרומגעהען אַרום הויז פון ווײַטענס. ער האָט אויסגעפונען אַ פלאַץ אויף אַ בערגעל, פון וועלכען מען האָט געקאָנט זען די מיהל, דעם טאַל און דעם טײַך; אַהין פלעגט ער שטענדיג געהן, דאָס איז געווען דער ציעל־פּונקט. פון דאָרט פלעגט ער נאָכפאָלגען מיט די אויגען ווי דאָס וואַסער שלענגעלט זיך ביז צו די קוסטען פון ווער־בע־בוימער, אונטער וועלכע ער האָט פריהער געזעהן דעם

טויט־שאָטען פאַרביילויפענדיג איבער סאָבינע'ס פּנים. פון דאָרט פלעגט ער דערקענען די צוויי פענסטער פון די צוויי צימערען, וואו זיי האָבען פאַרבראַכט די נאַכט, איינער נעבען דעם אַנדערען, אַזוי נאָהענט און אַזוי ווייט, אָפּגעטיילט דורך אַ טיר — די טיר פון דער אייביגקייט. פון דאָרט פלעגט ער אַראָפּקוקען אויפ'ן בית־עולם. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט באַשליסען אהין אַריינצוגעהן: פון קינדווייז אָן האָט ער אָן אָפּשטויסענדע מורא געהאַט פאַר די פעלדער וואו אַלץ ווערט פאַרפוילט: און ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט געפינען קיין שייכות צווישען זיי און דער געשטאַלט פון די, וועלכע ער האָט האָלט געהאַט. אָבער פון אויבען, פון ווייטענס, האָט דאָס קליינע טויטען־פעלד ניט אויסגעזעהן שרעקליך. עס האָט אויסגעזעהן רוהיג, ווי שלאָפענדיג... שלאָפען!... זי האָט ליעב געהאַט צו שלאָפען! דאָרט וועט זי פון גאָרנישט געשטערט ווערען. די קרייהענדע העהנער האָבען זיך איינער דעם אַנדערען געענטפערט איבער'ן טאָל. פון דער מיהל האָט זיך געהערט דאָס זשומען פון די רעדער, דאָס קוואַקטשען פון די הויז־עופות, דאָס שרייען פון קינדער וואָס האָבען זיך געשפּילט. ער האָט דאָרט געזעהן סאָבינע'ס מיידעלע. ער האָט זי געזעהן לויפענדיג און האָט דערקענט איהר געלעכטער. איינמאָל האָט ער איהר אָפּגעהיט אַריינגעהענדיג פון אַ זייטיגען וועג: ער האָט איהר אָנגעכאַפּט בעת זי איז פאַרבייגעלאָפען און איהר ווילד געקושט. דאָס קינד האָט זיך דערשראָקען און אָנגעהויבען וויינען. זי האָט איהם שוין כמעט פאַרגעסען. ער האָט זי געפרעגט:

„ביסט צופרידען דאָ?“

— „יאָ. איך שפּיל זיך, בין פרעהליך.“

„ווילסט ניט צוריק קומען?"
— „ניין!"

ער האָט זי אַפּגעלאָזען. דאָס קינד'ס גלייכגילטיג־קייט האָט איהם שטאַרק פאַרטרויערט. אומגליקליכע סאַ־בינע!... דאָס קינד איז דאָך געווען זי, א טייל פון איהר... גאָר ווייניג! זי איז ניט ענליך געווען צו איהר מאַמע'ן: זי איז אין איהר פאַרביי, אָבער איז ניט געווען ז י. פון דעם געהיימען דורכגאַנג האָט זי קוים אויפגעהאַלטען א לייכטען פּאַרפיום פון דער פאַרשוואונדענער באַשעפעניש: א מאָדעלירונג אין דער שטים, א קליינינקען קנייטש מיט די ליפּען, א בויג מיט'ן קאָפּ. דאָס איבריגע אין איהר איז געווען אַן אַנדער באַשעפעניש: און די פאַרמישונג פון אָט דער באַשעפעניש מיט סאַבינע האָט קריסטאָף'ן אַפּגע־שטויסען, כאָטש ער האָט זיך אין דעם ניט מודה געווען.

בלויז אין זיך האָט קריסטאָף געפונען סאַבינע'ס בילד. אומעטום איז איהם דאָס בילד נאָכגעגאַנגען און געשוועבט אַרום איהם; אָבער ער האָט זיך ניט אין גאַנצען געפיהלט מיט איהר, סיידען ער איז געווען גאַנץ אַליין. אין ערגעץ איז זי ניט געווען נעהענטער צו איהם ווי אויף דעם רוה־אָרט, אויף דעם בערגעל, ווייט פון מענשליכע בליקען, אין מיטען פון די פעלדער וועלכע זיינען פול געווען מיט איהר אָנדענקען. מייל׳ען־לאַנג פלעגט ער געהן אהין צוצוקומען, און אַרויפגעהן לויפענדיג מיט א קלאַפּענדיג האַרץ ווי צו א באַגעגניש מיט א געליעבטער: עס איז ווירקליך געווען אַזאַ באַגעגניש־פּלאַץ. ווי נאָר ער פלעגט אָנקומען, פלעגט ער זיך לעגען אויף דער ערד, — די זעלבע ערד אין וועלכער זי איז געלעגען — צומאַכען די אויגען און באַלד פלעגט זי ערשיינען. ער פלעגט איהר פּנים ניט זעהן, איהר קול ניט

הערען: עס איז ניט נויטיג געווען: זי פלעגט אין איהם אריין, איהם האלטען פעסט; ער פלעגט זי באזיצען אין גאנ־צען. אין דעם צושטאנד פון ליידענשאפטליכער האלוצינא־ציע פלעגט ער אפילו ניט האבען דעם כח צו טראכטען, ניט וויסען וואס עס געשעהט, ניט וויסען גארנישט, א חוץ, אז ער איז מיט איהר.

דער גייסטיגער מצב האט אבער לאנג ניט אנגעהאלטען. אין אמת'ען איז ער נאר איין מאל געווען אויפריכ־טיג. פון דעם צווייטען טאג אז האט איהם דער ווילען צו־געהאלפען, און זיין יעמאלט האט קריסטאף אומזיסט גע־פרואווט עס אויפצולעבען. ערשט דאן איז איהם איינגע־פאלען ארויסצורופען אין זיך דעם פנים און די גאנצע גע־שטאלט פון סאבינע'ן: ביז דאן האט ער קיינמאל דערפון ניט געטראכט, דאס פלעגט זיך איהם איינגעבען צייטענווייז. און ער פלעגט ארייננפאלען אין א ברענענדער התלהבות. אבער ער האט געמוזט ווארטען שטונדען־לאנג אין דער נאכט אריין.

— אומגליקליכע סאבינע! פלעגט ער טראכטען, זיי אלע פארגעסען דיך. נאר איך אליין האב דיך האלט, ביי מיר בלייבסטו אויף אייביג, א, מיין טייערער אוצר! איך האב דיך, איך האלט דיך, איך וועל דיך קיינמאל ניט לאזען פארשווינדען פון מיר!...

אזוי פלעגט ער ריידען: ווייל שוין פלעגט זי פון איהם אוועקפליהען, פארשווינדען פון זיין מחשבה אזוי ווי וואס־סער פון צווישען די פינגער. זי פלעגט צוריקקומען ווי א טרייע געליעבטע צום באגעגניש־ארט. ער פלעגט וועלען טראכטען פון איהר, און פלעגט פארמאכען די אויגען. עס פלעגט אבער אוועק א האלבע שעה, א שעה און צומאל צוויי

שעה, און ער פלעגט זיך ארומזעהן, אז ער האָט פון גאר ניעשט געטראַכט. דער גערויש פונ׳ם טאָל, דאָס קלאַפּען פונ׳ם וואסער אין דער מיל־דאמבע, דער גלעקעל־קלאַנג פון צוויי ציגען וואָס האָבען זיך געפּאַשעט אויפ׳ן בערגעל, דאָס וועהען פונ׳ם ווינט צווישען די בוימלעך, אונטער וועלכע ער איז געלעגען, האָבען אַריינגעצויגען אין זיך זיינע ווייכע און לעבערדיגע געדאַנקען ווי א שוואם. ער פלעגט אין כעס ווערען אויף זיינע געדאנקען: זיי האָבען איהם געפּרואווט פאָלגען און מאָלען די געשטאַלט פון דער פארשוואונדענער. אַן וועלכער ער האט געוואָלט צובינדען זיין לעבען: די גע־דאנקען פלעגען אָבער באלד אראָפּזינקען מיעד און אויסגע־מאַטערט, און זיך אויף דאָס ניי אוועקלאָזען אויפ׳ן שטילען שטראָם פון איינדרוקען און געפיהלען. ער האָט פון זיך אפּגעטרייסעלט דיזע שווערע פאר׳חלומ׳טקייט. ער איז דורכגעלאָפען די פעלדער, היז און צוריק, זוכענדיג סאבי־נע׳ן. ער האָט איהר געזוכט אין שפּיגעל, וואו איהר שמייכעל איז אמאָל פארביי. ער האָט איהר געזוכט ביים ברעג פונ׳ם טייך וואו זי האָט אמאָל איהרע הענט איינגענעצט. אָבער דער שפּיגעל און דאָס וואסער האָבען איהם בלויז גע־וויזען דעם אייגענעם אפּשיין. די אויפרעגונג פונ׳ם געהן, די פרישע לופט, דאָס שטארקע בלוט וואָס האָט אין איהם געקלאַפּט האָבען אין איהם ערוועקט מוזיק־מאָטיוועז. ער האָט געוואָלט עפּעס אַן ענדערונג.

— „אַ, סאבינע!...“ — האָט ער געזיפצט.

ער האָט איהר געווידמעט זיינע ליעדער און גענומען אין זיין מוזיק אויפלעבען זיין ליעבע, זיין צער... עס איז געווען אומזיסט: ליעבע און צער האָבען אויפגעלעבט, אָבער מען האָט אין דעם ניט געפיהלט די אומגליקליכע סאָבינע.

זיין ליעבע און צער האבען געקוקט ווייטער, אין דער צוקונפט, אבער ניט אויף צוריק. קריסטאף'ס יוגענד איז געוועזן שטארקער ווי זיין ווילען. די זאפט און קראפט האט אין איהם אויפגעשטורמט מיט א נייעם כח. זיינע יסורים, זיין קומער, זיין צנועה'דיגע און ברענענדיגע ליעבע, זיינע פארשטיקטע פארלאנגען האבען זיין פיבער נאך שטארקער געמאכט. טראץ זיינע שמערצען האט דאס הארץ געקלאפט מיט ריטמישער קראפט און פרייד: ליעדער האבען שטורמיש געשפרונגען און זיינען געווארען שכור־לוסטיגע מאטיווען: אלץ האט געפייערט דאס לעבען, דער אומעט אפילו איז עפעס געווארען יום־טובדיג. קריסטאף איז געוועזן א צו אפענער מענש זיך צו לאזען אליין לאנג אפנארען, אויפצוהאלטען אילוזיעס: און ער האט זיך פאראכטעט. אבער דאס לעבען איז געוועזן שטארקער: אומעטיג, מיט א נשמה וואו דער טויט האט געשוועבט, און מיט א קערפער פול מיט לעבען, האט ער זיך געלאזט מיטרייסען און ווערען געפיהרט פון זיין נייער־ווידערגעבארענער קראפט צו דער דעלירישער און נארישער לעבענס־פרייד, וועלכע ווערט, דורך רחמנות, יאוש, בלוטיגע וואונדען פון אן אייביגען פארלוסט און אלע טויט־מאטערנישען, נאר נאך שטארקער און טיפער ביי דעם שטארקען, און שניידען זיך אריין אין זיינע זייטען מיט שארף־שפיציגע שפארען. — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

קריסטאף האט דערצו נאך געוואוסט, אז ער באהאלט אין די פארבארגענע טיפענישען פון זיין נשמה, א זיכערן רוה־ארט, צו וועלכען קיינער קאן ניט צוקומען אדער איבערטרעטען, וואו סאבינע'ס שאטען איז אפגעשלאסען געווארען. דער לעבענס־שטראם האט עס ניט געקאנט מיטרייסען. יע־

דער איינער טראָגט אין זיין נשמה אַ קליינעם בית־עולם פֿון די ,וואָס ער האָט געליבט. זיי שלאָפֿן דאָרט יאָהרען־לאַנג און קיינער שטערט זיי ניט. אַ צייט קומט אבער — מען ווייסט עס — ווען דער קבר עפֿענט זיך. זיי קומען פֿון דאָרט אַרויס און שמייכלען מיט זייערע בלאַסע ליפּען — שטענדיג ליעבענדיג — צום געליעבטען, צום ליעבהאַבער, אין וועמעס בוזעם זייער אנדענקען לעבט, און רוהט אַזוי ווי דאָס קינד וואָס שלאָפֿט אין מוטער־לייב.

III.

אֲדָאֲ

נאכ׳ן רעגענדיגען זומער איז געקומען דער שיינענדער הערבסט. אין די אויבסט־גארטענס זיינען די פרית שווער געהאנגען אויף די ביומער. די רויטע עפעל האבען געגלאנצט ווי ביליארד־באלען. מאנכע ביומער האבען זיך שוין שנעל אויסגעפוצט מיט די בלישטשענדיג־שעהנע קליידער פונ׳ם סעזאן: פייער־פארב, אויבסט־פארב, פארבען פון צייטיגע קאוועניס, פון מאראנצען, פון לעמענעס, פון געשמאקע קורבענס, פון ברוין געבראטענע פליישען. טונקעל־געלבע ליכטער האבען זיך אנגעצונדען אומעטום אין די וועלדער: און פון די לאנקעס האבען זיך אויפגעהויבען קליינע, ראזעווע פלאמען פון זאפרען־פלאנצען.

ער איז ארונטער פון א בערגעל. עס איז געווען א זונטאג נאכמיטאג. ער האט געמאכט גרויסע טריט, איז כמעט געלאפען בארג אראפ. ער האט געזונגען א סטראף, א מוזיקאלישען ריטם, וועלכער האט איהם געפלאגט און אין איהם געלעגען זינט ער האט אנגעהויבען זיין שפאציר. ער איז געגאנגען וואָרפענדיג די הענט, איז געווען רויט, מיט אן אפענער ברוסט און האט געדרעהט די אויגען ווי א משוגע׳נער. פלוצלונג, וואו דער וועג האט זיך פארדרעהט, האט ער פאר זיך דערזעהען א הויבע, בלאנדע מיידעל, וואס איז געזעסען אויף א שפיץ וואנט און געשלעפט מיט אלע כחות א גראבען צווייג פון א בוים און דערביי שטארק געשמאק גענעסען די קלייניקע טונקעל־רויטע פלוימען. זיי זיינען ביידע געבליבען איבעראשט. זי האט איהם, מיט א פול מויל,

ווי דערשראָקענע, אָנגעקוקט. דאַן האָט זי אויסגעבראָכען איז אַ געלעכטער — און ער אויך. עס איז געווען אַ פרייד צו קוקען אויף איהר מיט איהר רונדען פּנים איינגעראָהמט און פלאַטערענדע בלאָנדע האָר, וואָס האָבען אויסגעזעהן אַרום איהר ווי זונ־שטויב. איהרע פּולע, ראָזעווע באַקען, איהרע גרויסע, בלויע אויגען, איהר ניש־קשה׳דיג גרויסע נאָז העזה׳דיג פאַררדעהט, איהר קליין און שטאַרק רויט מויל פון וועלכען עס האָבען זיך געזעהן ווייסע ציינער (ווי די אויגען זיינען אויך די ציינער געווען שטאַרק און שפּי־ציג) אַ פעסטע רונדע מאָרדעטשקע, און איהר גאַנצער קער־פּער, גרוים, פריש, שטאַרק און פעסט־געבויט. ער האָט צו איהר אַרויפגעשריען:

— „עסט, עסט און האָט הנאה!".

ער האָט געוואָלט ווייטער געהן זיין וועג, אָבער זי האָט איהם גערופען:

— ע. הערט נאַר. מיין הער! ווילט איהר זיין אַ וואוילער, גוטער מענש? טאָ העלפט מיר אַראָפּקריכען, איך קאָן שוין מעהר ניט...!

ער איז צוריקגעקומען און איהר געפרעגט, ווי אַזוי זי איז אַהין אַרויף.

— „אַט מיט די הענט און פיס... עס איז תמיד גערינג אַרויפצוקלעטערען."

„באַזונדערס ווען עס איז פאַראַן געשמאַקע פרוכט וואָס הענגט איבער׳ן קאָפּ?"

—„יאָ, אָבער ווען מען עסט זיך אָן אַ סך, הויבט מען אָן מורא צו האָבען, און מען קען מעהר ניט געפינען דעם וועג."

ער האָט צו איהר אַרויפגעקוקט און געזאָגט:

„עס איז אייך דארט ניט שלעכט. בלייבט רוהיג. איך וועל אייך קומען זעהן מארגען. א גוטע נאכט!"

אבער ער האט זיך ניט גערירט פונ'ם ארט און איז געבליבען שטעהן נעבען איהר.

זי האט זיך בלומרשט געמאכט ווי זי האט מורא און איהם געבעטען מיט ליעבליכע מינעם איהר ניט איבערצו־לאזען. זיי זיינען געשטאנען און לאכענדיג זיך אנגעקוקט. און איהם אנווייזענדיג אויף דעם צווייג, אז וועלכען זי האט זיך אנגעהאלטען, האט זי געפרעגט:

„ווילט איהר עטליכע?"

דער געפיהל פון אכטונג פאר אייגענטום איז ניט גע־ווען ענטוויקעלט ביי קריסטאף'ן זינט די צייטען וואס ער פלעגט אומשפאצירען מיט אטא'ן: ער האט באלד אנגע־נומען. זי האט זיך אמוזירט איהם באווארפענדיג מיט פלוי־מען. נאכדעם ווי ער האט שוין גענוג געגעסען, האט זי גע־פרעגט:

„נו, יעצט!..." ער האט כיטרע הנאה געהאט פון דעם וואס ער מאכט איהר שווער צו ווארטען. זי איז אומגעדול־דיג געווארן זיצענדיג אויפ'ן וואנט. ענדליך האט ער געזאגט:

— „נו, שוין!..."

און אויסגעשטרעקט צו איהם זיינע ארימס.

נאר בעת זי האט געהאלטען ביים אראפשפרינגען, האט זי זיך בארעכענט:

— „ווארט! מען מוז אביסעל צוגרייטען אויף שפע־טער!"

זי האט אנגעקליבען די שעהנסטע פלוימען וואס יי האט געקאנט דערגרייכען, און אנגעפילט מיט זיי א פולען בוזעם.

„גיט אכטונג! צוקוועטשט זיי ניט!"

עס האָט זיך איהם דוקא געוואָלט דאָס טאָן.

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזען פון׳ם וואַנט און אַריינגע־שפּרונגען אין זיינע אָרימס. כאָטש ער איז געווען א שטאַר־קער, פעסטער בחור, דאָך האָט איהם איהר געוויכט איינ־געבויגען און איהם שעור ניט אַראָפּגעשלעפּט. זיי זיינען געווען פון איין הויך. זייערע פּנים׳ער האָבען זיך אָנגעריהרט. ער האָט געקושט איהרע ליפּען וואָס זיינען געווען נאַס און זיס פון דער פלוימען־זאַפט, און זי האָט איהם גאַנץ פּשוט צוריקגעגעבען א קוש.

„וואו אַהין געהט איהר?" האָט ער געפרעגט.

— „כ׳וויים ניט."

„איהר שפּאַצירט אַרום גאַנץ אַליין?"

— „ניין. כ׳בין דאָ מיט פריינד. אבער כ׳האָב זיי פאַר־לאָרען... הע, האָ!" האָט זי פּלוצלונג אויסגעשריען, רופענ־דיג זיי מיט אַלע כחות. קיינער האָט ניט געענטפערט.

זיי האָבען זיך מעהר וועגען דעם ניט געזאָרגט. זיי האָבען זיך גענומען געהן, גלאַט אין דער וועלט אַריין.

— „און איהר, וואו געהט איהר?" האָט זי געפרעגט.

„כ׳וויים אויך ניט."

— „נו, טאַקע גוט. וועלען מיר געהען צוזאַמען."

זי האָט אַרויסגענומען פלוימען פון איהר אָנגעבלאָזע־זענעם בוזים און גענומען עסען מיט׳ן פולען מויל.

„עס וועט אייך פאַרשאַדען" — האָט ער געזאָגט.

— „קיינמאָל נישט! איך עס זיי דעם גאַנצען טאָג".

דורכ׳ן שפּאַלט פון דער בלוזע האָט ער געזעהן דאָס העמד.

„זיי זיינען יעצט גאַנץ וואַרים," האָט זי זיך אָפּגערופען.

—„לאָזט נאָר זעהן!"

זי האט איהם דערלאנגט איינע און געלאכט. ער האט עס געגעסען. זי האט אויף איהם געקוקט פון דער זייט און געזויגען די אויבסט ווי א קינד. ער האט ניט געוואוסט ווי אזוי די אומערוואַרטע באגעגניש וועט זיך ענדיגען. זי, ווע־ניגסטענס, האט אפשר יא עפּעס געוואוסט. זי האט גע־ווארט.

— „הע, הא!“ האט מען געשריען אין וואלד.

„הע, הא! — האט זי צוריק געענטפערט — אה! אט זיינען זיי! — האט זי געזאגט צו קריסטאף׳ן, — עס איז שוין צייט געווען!“

און געטראכט האט זי פארקעהרט, אז עס איז צו פריה געווען. אבער דער לשון איז ניט געשאפען געווארען פאר דער פרוי צו זאגען וואס זי מיינט... א דאנק גאט, אז ניט וואלט שוין גאר קיין מאָל ניט געקאנט זיין אויף דער וועלט...

די שטימען האבען זיך דערנעהענטערט. איהרע חברים האבען באלד געדארפט זיין ביים וועג. זי איז אריינגעשפּרונ־גען אין א גראבען, אריבערגעקראכען דעם צאם און זיך בא־האלטען הינטער די בוימער. ער האט פארוואונדערט איהר נאכגעקוקט, זי האט איהם באפעהלעריש מיט דער האנט גע־רופען צו זיך. ער איז איהר נאכגעגאנגען. זי האט זיך בא־האלטען אין מיטען וואלד.

—„הע, הא! — האט זי נאכמאָל געשריען, ווען זיי זיינען געווען ווייט גענוג. — „זיי דארפען דאך מיך זוכען!“ — האט זי דערקלערט קריסטאף׳ן.

איהרע פריינד האבען זיך אפּגעשטעלט ביים וועג צו הערען פון וואנען די שטים קומט. זיי האבען געענטפערט און אויך אריין אין וואלד. אבער זי האט ניט געווארט. זי

האָט זיך אַמוזירט, געהענדיג רעכטס און לינקס. זיי האָבען געהאַלטען אין איין שרייען און רופען. זי האָט זיי געלאָזט שרייען און האָט דאָס זעלבע געטאָן פון גראָד אַ פאַרקעהר־טער זייט. צום סוף זיינען זיי מיעד געוואָרען און טראַכ־טענדיג, אַז דאָס בעסטע כדי זי זאָל קומען צו זיי איז מעהר ניט צו זוכען, האָבען זיי אויסגעשריען:

„בלייבט געזונט. גליקליכע רייזע!"

און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען זינגענדיג.

זי איז געווען שטאַרק אין כעס וואָס זיי האָבען זיך ניט געזאָרגט וועגען איהר. אמת, זי האָט געוואָלט פּטור ווע־רען פון זיי, אָבער זי האָט ניט גערעכענט, אַז דאָס וועט זיי אַזוי ווייניג אַרען. קריסטאָף האָט אויסגעזעהן נאַריש: דער שפּיעל אין באַהעלטענעיש מיט אַ מיידעל, וועלכע ער קען ניט, האָט איהם ווייניג וואָס אַמוזירט, און ער האָט גאַר ניט גע־טראַכט אויסצונוצען זייער איינזאַמקייט. זי האָט אויך דער־פון ניט געטראַכט. פון פאַרדרוס האָט זי גאַר פאַרגעסען אַז קריסטאָף'ן.

—„ס'אַ העזה" — האָט זי געזאָגט, קלאַפּענדיג מיט די הענט. — „זיי לאָזען מיך גאַר איבער!"

„נו," — האָט קריסטאָף געזאָגט, — „איהר האָט דאָך אַזוי געוואָלט."

—„עס הויבט זיך גאַר נישט אַן!"

„איהר זייט פון זיי אַנטלאָפען."

—„אויב איך אַנטלויף, איז דאָס מיין עסק, ניט זיי־ערער. זיי דאַרפען מיך זוכען, און ווען איך וואָלט פאַרבלאָנ־דזשעט?"...

און זי האָט אָנגעהויבען זיך צו קלאָגען מיט אַ רחמנות־דיג קול אויף דעם וואָס עס האָט איהר געקאָנט געשעהן,

ווען... ווען פארקעהרט: דאס וואס איז געשעהן, זאל ניט געווען געשעהן.

—„אה! כ'וועל זיי געבען א גאב!“ — האט זי אויס־גערופען.

זי האט זיך אומגעקעהרט און געשפאנט ווייטער.

אויפ'ן וועג האט זי זיך דערמאנט אן קריסטאף'ן און איהם נאכאמאל אנגעקוקט. — אבער עס איז שוין געווען צו שפעט. זי האט אנגעהויבען לאכען. דער קליינער טייוועל וואס איז אין איהר געווען מיט א מינוט פריהער איז פאר־שוואונדען. דערווייל, ביז א צווייטער וועט אנקומען, האט זי אויף קריסטאף'ן געקוקט מיט גלייכגילטיגע בליקען. א חוץ דעם, איז זי געווען הונגעריג. דער מאגען האט איהר דערמאנט, אז עס איז שוין צייט צו עסען אבענט־ברויט: זי האט זיך געאיילט וויעדער צו טרעפען איהרע פריינד אין אכסניא.

זי האט אנגענומען קריסטאף'ס ארימס, זיך אויף איהם אנגעשפארט מיט'ן גאנצען כח, געזיפצט און געזאגט, אז זי איז אויסגעמאטערט. דאס האט איהר אבער ניט אפגעהאלטען פון מיטשלעפען קריסטאף'ן בארג־אראפ, און קוויטשען און לאכען בשעת'ן לויפען, ווי א ווילדע.

זיי האבען צווישען זיך גערעדט. זי האט זיך דער־וואוסט ווער ער איז. — זיין נאמען אבער איז איהר ניט געווען באקאנט און פאר דעם טיטול פון מוזיקאנט האט זי קיין גרוים דרך־ארץ ניט געהאט. ער האט אויסגעפונען אז זי איז אנגעשטעלט אלס פארקויפערין ביי א מאדיסטקע אויף דער קייזער־שטראסע (די שעהנסטע גאס פון שטאט) און אז איהר נאמען איז אדעלהייד — פאר פריינד — אדא. איהרע קאמפאניאנען, מיט וועלכע זי איז געקר־

מען, זיינען געווען איינע פון איהרע פריינדינס, או אנגע־שטעלטען פון זעלבען געשעפט וואו זי, און צוויי וואוילע יונגע לייט, אן אנגעשטעלטער אין וויילער'ס באנק און אן אנדערער פון א לייוועגט־געשעפט. אזוי ווי עס איז געווען זונטאג האבען זיי באשלאסען צו קומען עסען אין בראשע'ס רעסטא־ראן, פון וואנען מען קען כאפען א שעהנעם אנבליק איבער'ן ריין און דאן אהיים צו קומען מיט דער שיף.

די אנדערע פריינד איהרע זיינען שוין געזעסען אין רעסטאראן, ווען זיי זיינען אריינגעקומען. אדא האט ניט פארפעהלט זיי אפצושפילען א סצענע: זי האט זיך בא־קלאגט וואס זיי האבען איהר אזוי פארלאזען, און זיי, דער־ביי, פארגעשטעלט קריסטאף'ן, וועלכער האט איהר לויט איהרע ווערטער, געראטעוועט. זיי האבען זיך ווייניג צוגע־הערט צו איהרע רעד און קלאגען: קריסטאף'ן אבער הא־בען זיי געקענט: דער באנק־אנגעשטעלטער — פונ'ם נאמען וואס ער האט זיך געשאפען, דער אנדערער — פון דעם וואס ער האט געהערט א פאר פון זיינע מוזיק־קאמפאזי־ציעס — (ער האט עס באטראכט פאר א חוב באלד אונטער־צוזינגען א ליעדעל) — און דער דרך ארץ וואס זיי האבען איהם ארויסגעוויזען האט אן איינדרוק געמאכט אויף אדא'ן. באזונדערס ווייל מירא, די אנדערע יונגע פרוי — (אין אמת'ען האט זי געהייסען האנסי אדער יאהאנא) — א ברוי־נעטקע מיט ווינקענדיגע אויגען, א רונדען שטערן, צונויפ־געצויגענע האר און א פנים פון א כינעזעריז, מיט וועלכען זי האט געמאכט א ביסעל העויות, וואס איז אבער געווען כיטרע־קלוג און ניט אהן חן, מיט א ציגענער נעזעל און א גאלד־געלע הויט־קאליר. — האט אנגעהויבען זיך צוצורוד־קען און מאכען חנ'דלעך צום הערז הויף־מוזי־

ק ע ר. זיי האָבען איהם געבעטען ער זאָל אַזוי גוט זיין און באַשעהנען מיט זיך זייער מאָלצייט.

ער איז נאָך קיינמאָל ניט געוועזען ביי אַזאַ סעודה. פֿון אַלע זייטען האָט מען זיך באַנומען צו איהם מיט באַזונדערער העפֿליכקייט, און די צוויי פֿרויען, ווי אמת'ע גוטע פֿריינדינס, האָבען געזוכט איהם אוועקצו'גנב'ענען איינע ביי דער אַנדערער. ביידע האָבען מיט איהם קאָקעטירט: מיראַ, מיט פֿאַראַדנע מאַניערען און כיטרע אויגען, איהם אַנריהרענדיג דעם פֿוס מיט איהרען פֿון צייט צו צייט — אַדאַ, דרעהענדיג, מיט העזה, איהרע שעהנע אויגען, איהר שעהן מויל און אויסנוצענדיג אַלע באַצויבערענדע מיטלען פֿון איהר שעהן געשטאַלט. אַזאַ גראָבליכע און אַ ביסעל אומגעלומפּערטע קאָקעטסוואָ האָט קריסטאָף'ן פֿאַרשעהמט און געשטערט. די צוויי לעבעדיגע און געוואַגטע פֿרויען זיינען פֿאַר איהם, וואָס האָט שטענדיג געהאַט אַרום זיך אין דער היים, אומפֿריינדליכע פּנים'ער, געווען אַן אַנטפּלעקונג. מיראַ האָט איהם אינטערעסירט און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז אינטעליגענטער ווי אַדאַ: איהרע הכנעה'דיגע באַנעמונגען אָבער און איהר צווייידייטיגער שמייכעל האָבען איהם אי צוגעצויגען, אי אָפּגעשטויסען. אַדאַ'ס לעבענסקראַפֿט וואָס האָט זוניג און פֿריידיג געשטראַהלט, איז אָבער געווען שטאַרקער. מיראַ האָט ניט געקאָנט קעמפֿען געגען דעם און זי האָט עס אויך געוואוסט. ווען זי האָט געזעהן אַז זי האָט פֿאַרלאָרען דעם שפּיעל, איז זי אָפּגעשטאַנען, האָט זיך אין זיך אָפּגעשלאָסען, ווייטער געשמייכעלט און געדולדיג געוואַרט אויף דעם טאָג ווען איהר צייט וועט קומען. אַדאַ, זעהענדיג, אַז זי בלייבט הערשערין אויפ'ן פֿעלד, האָט ניט געזוכט צו פֿאַרגרעסערען איהרע גע־

ווינסען. וואָס זי האָט געטאָן, איז געווען באַזונדערס צו ער־גערען איהר פריינדין. דאָס האָט זיך איהר איינגעגעבען און זי איז געווען צופרידען. זי האָט זיך אבער אָפּגעבריהט מיט איהר אייגענעם פייער־שפּיעל. זי האָט געפיהלט אין קריס־טאָף'ס אויגען די ליידענשאַפט וואָס זי האָט אָנגעצונדען, און די זעלבע ליידענשאַפט האָט זיך אין איהר אָנגעצונדען. זי איז שטיל געבליבען און אויפגעהערט איהר גראַבען רייד־צען זיך מיט איהם: זיי האָבען זיך שטיל אָנגעקוקט: זיי האָבען אויף זייערע ליפּען נאָך געהאַט דעם טעם פון זייער קוש. פון צייט צו צייט, פלעגען זיי, פּלוצלונג, רוישיג אָנ־טייל נעמען אין די שטיפעריייען און אין דעם וויצלען זיך פון די אַנדערע; דאַן ווידער אַריינגעפאַלען אין זייער שטיל־שווייגען און קוקען איינער אויפ'ן אַנדערען מיט פאַר'גנב'ע־טע בליקען. צום סוף האָבען זיי מעהר ניט געקוקט איינע אויף די אַנדערע, אַזוי ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט מיט דעם זיך אַרויסצוגעבען. פּאַרטיפט אין זיך האָבען זיי אויס־געבריהט זייער תאוה־באַגעהר.

ווען דער מאַלצייט איז אַריבער, האָבען זיי זיך גענו־מען צוגרייטען אוועקצוגעהן. זיי האָבען באַדאַרפט געהן אַ צוויי מייל כדי צוצוקומען צום שיף. אַדאַ איז די ערשטע אויפגעשטאַנען און קריסטאָף האָט איהר נאָכגעטאָן. זיי האָ־בען ביידע געוואַרט אויף די טרעפּ, ביז די אַנדערע וועלען פאַרטיג ווערען; — אַהן איין וואָרט, זייט ביי זייט, אין דעם שווערען טומאַן וואָס איז קוים דורכגעריסען געוואָרען פון דער איינציגער לאַמטערנע, וואָס האָט געברענט פאַר דער טיר פון'ם גאַסט־הויז. — מירא האָט זיך פאַרגעסען ביים שפּיגעל.

אַדאַ האָט אָנגעכאַפּט קריסטאָף'ס האַנט און האָט איהם

מיטגעשלעפט ארום׳ן הויז צום גארטען צו, איז דער טונקעל. אונטער א באלקאן וואס איז פארדעקט געווען מיט א גאנ־צען פארהאנג פון וויין־בלעטער האבען זיי זיך איינע די אנ־דערען ניט געזעהן. דער ווינט האט געוועהט אויף די שפּיץ סאסנעס. ער האט געפיהלט אדא׳ס ווארעמע פינגער צווי־שען זיינע און דעם אנגענעהמען ריח פון א העליאטראפּ־בלום, וואס זי האט געהאט פארשטעקט נעבען איהר בוזים.

פלוצלונג, האט זי איהם צו זיך צוגעצויגען: קרים־טאף׳ס מויל האט אנגעטראפען אדא׳ס פון טומאן־פארנעצ־טע האר. ער האט געקושט איהרע אויגען, איהרע אויגען־ברע־מען, איהרע נאז־לעכער, איהרע געזונטע באקען, דעם ווינ־קעל פון מויל, און ווייטער זוכענדיג, איהרע ליפּען, צו וועל־כע זיינע ליפּען זיינען געבליבען צוגעקלעפּט.

די אנדערע זיינען ארויסגעקומען. מען האט געשריען:

—„אדא! אדא!“

זיי האבען זיך ניט גערירט, קוים געאטעמט און צוגע־דריקט איינער צום אנדערען זייערע קערפּערס, זייערע לי־פּען.

מירא האט געזאגט:

—„זיי זיינען אוועקגעגאנגען פאראויס.“

די טריט פון זייערע חברים האבען זיך דערווייטערט אין דער פינסטערניש פון דער נאכט. זיי האבען זיך נאך שטארקער צוגעדריקט, אין דער שטיל, דערשטיקענדיג אויף זייערע ליפּען דאס ליידענשאפטליכע מורמלען.

א שטאט־זייגער האט געקלונגען אין דער ווייטענס. זיי האבען זיך אפּגעריסען איינער פונ׳ם אנדערען. זיי האבען געמוזט שנעל לויפען צום שיף. אהן א ווארט האבען זיי גענומען געהן, מיט די הענט און ארימס צוזאמענגעבונדען. האלטענדיג טריט איינער נאכ׳ן אנדערען — א שנעלען און

פעסטען טריט ווי זיי אַליין. דער וועג איז געווען פוסט און אויף דער לאַנדשאַפט — קיינע באַשעפעניש‏ען. זיי האָבען ניט געזעהן קיין צעהן טריט פאר זיך; זיי זיינען געגאַנגען רוהיג און זיכער, אין דער היים־געליעבטער נאַכט. זיי האָבען זיך ניט פארטשעפּעט אָן די שטיינדלאַך פון וועג, און אַזוי ווי זיי האָבען זיך פארשפּעטיגט האָבען זיי גענומען א קורצען וועג. די שטעזשקע וואָס האָט זיי צוערשט אַראָפּגעפיהרט צווישען ווייַן־גאַרטענס, האָט זיך נאָכדעם אויפגעהויבען און געשלענגעלט דורך דער לענג, אויף דער זייט פונ׳ם בערגעל. זיי האָבען, דורכ׳ן טומאַן, געהערט דעם מורמעל־גערויש פונ׳ם וואַסער און דאָס קלאַפּען פון די רודער־לאָפּעטקעס פון שיף וואָס איז אָנגעקומען. זיי זיינען אַוועק פון דער שטעזשקע און געלאָפען איבער די פעלדער. צום סוף האָבען זיי דערגרייכט דעם ברעג פון רייַן, אָבער פון דער סטאַנציע זיינען זיי נאָך געווען ווייט גענוג. זייער רוהיגקייט איז דורך דעם ניט געשטערט געוואָרען. אדאַ האָט גאָר פארגעסען איהר פריהעריגע מיעדקייט. עס האָט זיי זיך אויסגעדוכט, אַז זיי וואָלטען געהען די גאַנצע נאַכט. אַזוי אויפ׳ן שטילען גראָז אין דעם שוועבענדען טומאַן, וואָס איז אַלץ נאָסער און געדיכטער געוואָרען נעבען וואַסער, און איז איינגעוויקעלט געווען אין א לבנה־ווייסקייט. די סיגנאַל־טרובע האָט געברומט, די אומזיכטבאַרע חיה האָט זיך שווער דערווייטערט. זיי האָבען געלאַכט, און געזאָגט:

—„מיר וועלען נעהמען די צווייטע שיף.“

אויפ׳ן ברעג פונ׳ם וואַסער האָבען זיך שטיל־קלאַפּענדע כוואַליעס צובראָכען ביי זייערע פיס. אויף דער סטאַנציע האָט מען זיי געזאָגט:

—„די לעצטע שיף איז נאָר־וואָס אַוועק.“

קריסטאַף'ס האַרץ האָט געקלאַפּט. אַדאַ'ס האַנט האָט שטאַרקער געדריקט איהר באַגלייטער'ס אַרים.

—„בע! עס וועט דאָך זיין אַן אַנדער שיף מאָרגען."

אַ פּאָר טריט ווייטער אין אַפּשיין פון'ם טומאַן האָט זיך געזעהן די שוואַך־טונקלע ליכט פון אַ לאַמטערנע, אויפגעהאַנגען אויף אַ סלופּ וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכען און פאַרלאָרען אָרט ביים ברעג פון'ם וואַסער. אַביסעל ווייטער — אַ פּאָר באַלייכטעטע פענסטער — אַ קליינע אַכסניה.

זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין קליינעם גאָרטען. דאָס זאַמד האָט געקרעכצט אונטער זייערע פיס. טאַפּענדיג, האָבען זיי געפונען די טרעפּ פון הויז. ווען זיי זיינען אַריינגעגאַנגען, האָט מען געהאַלטען ביים פאַרלעשען די לאַמפּען. אַדאַ, געאַרימט מיט קריסטאַף'ען, האָט פאַרלאַנגט אַ צימער. דער חדר וואוהין מען האָט זיי אַריינגעפיהרט איז געשטאַנען ביים גאָרטען'דעל. קריסטאַף האָט, זיך אָנבייגענדיג ביים פענסטער, געזעהן די טונקעל־שיינענדע ליכט פון'ם וואַסער און די שויב פון דער לאַמטערנע, אויף וועלכער עס זיינען געלעגען צוקוועטשטע פליגאַלאַך מיט זייערע גרויסע פליגלען. די טיר האָט זיך פאַרמאַכט. אַדאַ איז שטעהן געבליבען נעבען בעט און געשמייכעלט. ער האָט ווי מורא געהאַט אויף איהר צו קוקען. זי האָט אויף איהם אויך ניט געקוקט, אָבער צווישען איהרע פאַרמאַכטע אויגען האָט זי נאָכגעקוקט קריסטאַף'ס יעדע באַוועגונג. די פּאָדלאָגע האָט געסקריפּעט ביי יעדען טריט. מ'האָט געהערט דעם מינדסטען גערויש אין הויז. זיי האָבען זיך אָוועקגעזעצט אויפ'ן בעט און אַרומגענומען אין דער שטיל.

די ציטערענדיגע ליכט פונ'ם גאָרטען האָט זיך אויס־געלאָשען. אַלץ האָט זיך אויסגעלאָשען...

די נאַכט, דער תהום... קיין ליכט, קיין באַוואוסטזיין... דאָס ז י י ן, די קראַפט פונ'ם ז י י ן, טונקעל און פאַרצעהרענד. די אַלמעכטיגע פרייד, די שניידענדע פרייד. פרייד וואָס ציהט אַריין דעם וועזען, ווי דער תהום דעם שטיין. דער אויסגוס־רעהר פונ'ם תאוה־באַגעהר וואָס זויגט אויס דעם געדאַנק, דאָס נאַרישע און דעלירישע־פריידיגע געזעץ פון די בלינדע און שכור'ע וועלטען וואָס דרעהען זיך אין דער נאַכט...

די נאַכט... זייער געמישטער אָטעם, די שטראַהלענדע וואַרעמקייט פון צוויי קערפערס, וועלכע שמעלצען זיך צו־זאַמען אין די באַטויבונגס־טיפענישען וואו זיי פאַלען אַריין... די נאַכט וואָס איז ווי נעכט, די שעה'ן וואָס זיינען ווי יאָהרהונדערטע, די רגע'ס וואָס זיינען ווי דער טויט... די אייגענע חלומות, רייד מיט געשלאָסענע אויגען, די זיס־אַנגענעהמע און פאַר'גנב'טע באַריהרונגען פון די נאַקעטע פיס וואָס זוכען זיך האַלב־פאַרשלאָפען, די טרערען און דאָס געלעכטער, דאָס גליק זיך צו ליעבען ווען אַלץ ארום איז פוסט, דאָס אַנטייל־נעהמען אין דער תהום־טיפעניש פון שלאָף, די רוישיג־טומלענדיגע בילדער וואָס שוועבען אין מח, די ווילדע חלומות פון דער ברומענדער נאַכט... דער רייז מורמעלט און קלאַפט אין אַ טייכעל ביים הויז; אין דער ווייטענס קלאַפען די כוואַליעס איבער די האַפען־דאַמ־

בעם ווי א לייכטער רעגען וואס פאלט אויפ'ן זאמד. דער קערפער פון דער שיף קראכט און זיפצט אונטער'ן דרוק פון וואסער. די קייט מיט וועלכער זי איז צוגעבונדען ציהט זיך אויס און ווערט לויז אפקלינגענדיג ווי אלטע אייזען. די שטים פונ'ם רייז הויבט זיך אויף און פילט אן דאס צימער. דאס בעטעל איז ווי א שיפעל. זיי ווערען מיטגעשלעפט, איינער נעבען דעם אנדערען, פון א גוואלטיגען שטראם—בלייבענדיג הענגען אין דער לופטען ווי א פויגעל וואס שוועבט. די נאכט ווערט נאך טונקעלער און דער פוסטער רוים נאך פוסטער. זיי דריקען זיך נאך שטארקער איינער צום אנדערען. אדא וויינט, קריסטאף פארלירט דאס באוואוסטזיין. זיי פארשווינדען ביידע אונטער די כוואליעס פון דער נאכט...

די נאכט... דער טויט... פארוואס וויעדער אויפשטעהן, וויעדער לעבען?... דאס ליכט פון באגינען קלאפט אן אין די פארנעצטע שויבען. דאס ליכט פון לעבען צינדט זיך וויעדער אן אין די אויסגעשמאכטע קערפערס. ער כאפט זיך אויף דער זעלבער קישען. זייערע ארימס זיינען דורכגע־
אויף דער זעלבער קושען. זייערע ארימס זיינען דורכגעבונדען. זייערע ליפען ריהרען זיך אן. א גאנץ לעבען געהט פארביי אין א פאר מינוטען: טעג פון זון־שיין, פון גרויסקייט, פון רוה...

„וואו בין איך? און בין איך צוויי? לעב איך נאך? איך פיהל מיך ניט איין וועזען. די אומענדליכקייט רינגעלט מיך ארום: איך האב די נשמה פון א סטאטוע מיט גרויסע, רוהיגע אויגען, פול מיט אן אלימפישען פרידען..."

זיי פאלען וויעדער אריין אין אן אומענדליכען שלאף. די געוועהנליכע קלאנגען און גערוישען פון פארטאג: די

גלאַקען אין דער ווייט, א שיפעל וואָס געהט פארביי, צוויי וויאָסלעס פון וועלכע דאָס וואסער טריפט אַראָפּ, די טריט אויפ'ן וועג, גלעטען, לאשטשען, און צערשטערען דאָך ניט זייער שלאָפענדיג גליק, דערמאָנענדיג זיי, אַז זיי לעבען און אַז זיי קאָנען דערפון הנאה האָבען...

די שיף וואס האט שווער געסאפעט פאר'ן פענסטער האט קריסטאף'ן אפגעריסען פון זיין באטויבונג. זיי האבען געהאט באשטימט מיט אפצופאהרען זיבען אזייגער, כדי איין ציים צוריקצוקומען אין שטאט צו זייערע געוועהנליכע באַשעפטיגונגען. ער האט געמורמעלט:

„הערסטו?"

זי האט ניט אויפגעמאכט די אויגען, האט געשמייכעלט, איהם געגעבען די ליפען, זיך אנגעשטרענגט איהם צו קו־שען און דאן געלאזט איהר קאפ פאלען אויף קריסטאף'ס פלייצעס... דורך די שויבען פון פענסטער האט ער געזעהן די אנקומענדיגע שיף זיך פארבייגליטשען קעגען הימעל: ער האט אויך געזעהן דעם לעדיגען דעק און די כוואליעס רויך. ער איז ווידער פארזונקען געווארען אין א פאר־חלום'טען שלאף...

א שעה איז אוועק און ער האט זיך ניט ארומגעזעהן. הערענדיג אבער דעם זייגער קלינגען, איז ער איבעראשט אויפגעשפרונגען:

„אדא!..." האט ער זיס געמורמעלט אין זיין פריינ־דינ'ס אויער אריין.

„הערי! — האט ער איבערגע'חזר'ט, — ס'איז אכט אזייגער." נאך אלץ מיט פארמאכטע אויגען, האט זי גע־קנייטשט דעם שטערן, געמאכט העוויות און געבלאזען די ליפען אומצופרידען־שטיפעריש.

—„אה! לאז מיך שלאפען!" האט זי געזאגט.

און ארויסדרעהענדיג זיך פון זיינע ארימס, זיפצענ־

דיג מיעד, איז זי מיט'ן רוקען צו איהם, ווידער אנטשלאָ־פען געווארען אויף דער אנדערער זייט.

ער איז געבליבען אויסגעצויגען נעבען איהר. א גלייכע ווארעמקייט האט געשטראָמט אין זייערע קערפּערס. ער האט אנגעפאנגען חלומ'ען. זיין בלוט האט געפּלאַסען אין גרויסע און רוהיגע כוואַליעס. זיינע קלאָרע חושים האבען פריש און איינפאך געפיהלט דעם קלענסטען איינדרוק. ער האט הנאה געהאט פון זיינע קרעפטען און פון זיין יוגענד. ער איז, ניט ווילענדיג שטאָלץ געווען מיט דעם וואס ער איז א מאן. ער האט געשמייכעלט צו זיין גליק, און זיך גע־פיהלט אליין: אליין, ווי ער איז עס תמיד געווען, נאך מעהר אליין אפשר, אבער אהן א שום אומעט — אין א געטליכער איינזאמקייט. ניטא מעהר קיין פיבער. ניטא מעהר קיין לעבען־שאָטענס. די נאטור האט זיך פריי גע־קאָנט אפּשפּיגלען אין זיין רוהיגער נשמה. אויסגעצויגען אויפ'ן רוקען, מיט'ן פּנים צום פענסטער, און די אויגען פארטיפט אין דער העלער לופט פון די לייכטענדע נעבלען, האט ער געשמייכעלט.

—„אהא! ווי גוט עס איז צו לעבען!...“

לעבען... א שיפעל איז פארביי... פלוצלונג האט ער גע־נומען טראַכטען פון די וואס לעבען שוין ניט מעהר, פון א שיפעל וואס איז פארביי, אין וועלכען זיי זיינען ביידע געווען: ער — זי —... זי? ניט אט די וועלכע שלאָפט נע־בען איהם. — ז י, די איינציגע, די געליעבטע, די ארימע. אומגליקליכע טויטע. — אבער, ווער איז אט די? ווי אזוי איז זי נעבען איהם? ווי אזוי זיינען זיי געקומען אין דעם צימער, אין דעם בעט? ער קוקט אויף איהר, ער קען זי ניט. זי איז א פרעמדע; נעכטען אין דער פריה האט זי נאך

פאר איהם ניט געלעבט. וואס ווייס ער פון איהר? — ער ווייס, אז זי איז ניט קלוג. ער ווייס, אז זי איז ניט גוט. ער ווייס, אז זי איז, אין דער רגע, מיט איהר בלייכען און פון־שלאף־אנגעבלאזענעם פנים, איהר אפען אטעמענדיג מויל, איהרע פולע און אויסגעצויגענע ליפען וואס מאכען די מינע פון א פיש, ניט שעהן. ער ווייס, אז זי האט איהם ניט ליעב. און א שארפער וועהטאג נעהמט איהם דורך בעת ער טראכט, אז ער האט פון דער ערשטער מינוט געקושט אט די פרעמדע ליפען, אז ער האט אין דער ערשטער נאכט וואס זיי האבען זיך געזעהן, געהאט דעם שעהנעם, איהם גלייכגילטיגען, קערפער. — און אז די וואס ער האט אמת ליעב געהאט, האט ער נאר געזעהן לעבענדיג און שטאר־בענדיג נעבען איהם: אז ער האט קיינמאל ניט געוואגט צו בארירהען איהרע האר, אז ער וועט קיינמאל ניט וויסען דעם דופטיגען ריח פון איהר וועזען. ניטא מעהר גארנישט. אלץ איז פארשוואונדען, די ערד האט אלץ צוגענומען. ער האט איהר ניט געשעצט...

און בעת ער איז געווען איינגעבויגען איבער דער אומ־שולדיגער, שלאפענדער און שארף באטראכט איהר פנים, האט ער אויף איהר געקוקט מיט בייזע אויגען. זי האט עס געפיהלט, און, ווערענדיג אומרוהיג, וואס ער קוקט אזוי אויף איהר, זיך שטארק אנגעשטרענגט אויפצוהויבען איהרע אויגען־דעקלעך און שמייכלען. מיט אן אומזיכערען קול, ווי א קינד וואס כאפט זיך אויף, האט זי געזאגט:

—„קוק ניט אויף מיר, — איך בין מיאוס!...“

זי איז באלד צוריקגעפאלען, ווי דער׳הרג׳עט פון שלאף, האט ווידער אמאל געשמייכעלט און געמורמעלט:

—„א! איך בין אזוי... אזוי שלעפעריג!...“

און זי איז ווידער אַריינגעפאַלן אין איהרע חלומות.

ער האָט געמוזט לאַכען: ער האָט צערטליך געקושט איהר קינדערשע מויל און נאָז. דאַן, קוקענדיג נאָך א ווײלע, אויף די שלאָפענדע גרויסע — און דאָך קליינע, — מיידעל, האָט ער איבער איהר אַריבערגעשפּאַנט און איז שטיל אויפגעשטאַנען. זי האָט שווער און מיט ערלייכטערונג אָפּגעזיפצט, ווען ער איז אַוועק, און זיך גוט אויסגעשטרעקט אויף דער ברייט פונ׳ם לעדיגען בעט. ער האָט געפּרואווט איהר אויפוועקען בעת ער האָט זיך אָנגעטאָן, כאָטש עס איז געווען אומזיסט. ווען ער איז שוין פאַרטיג געווען, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, געקוקט אויפ׳ן וואַסער פון וועלכען עס האָט זיך געהויבען אַ געדיכטע פאַרע און האָט אויסגעזעהן ווי באַדעקט מיט אייז. ער איז ווי אַנדערמעלט, פאַרטיפט געוואָרען אין אַ חלום, וואו ער האָט געהערט שטילע, רוהיגע, מעלאַנכאָלישע דאָרף־מוזיק.

פון צייט צו צייט האָט זי האַלב־אויפגעעפענט די אויגען, געקוקט שוואַך אויף איהם, גענומען אַ רגע, צוויי איהם צו דערקענען, איהם צוגעשמייכעלט און ווידער אַריבער פון איין שלאָף אין אַן אַנדערען. זי האָט איהם געפרעגט: וויפיעל דער זייגער איז?

„אַ פערטעל צו ניין.“

זי האָט געטראַכט, האַלב אַנטשלאָפען:

—„וואָס קאָן דאָס מיינען, אַ פערטעל צו ניין?“

האַלב צעהן האָט זי זיך גענומען אויסציהען, זיפצען און געזאָגט אַז זי שטעהט אויף.

צעהן אַ זייגער האָט געקלונגען איידער זי האָט זיך געריהרט. זי איז אין כעס געוואָרען.

—„עס קלינגט שוין ווייטער!... דער זייגער רוקט זיך

צו, שטענדיג!...

ער האָט געלאַכט און איז צוגעקומען זיך אוועקצוזעצען אויף'ן בעט נעבען איהר. זי האָט איהם אַרומגענומען דעם האַלז, און דערצעהלט איהרע חלומות. ער האָט זיך ניט שטאַרק צוגעהערט, און האָט איהר פון צייט צו צייט אונטערבראָכען מיט צערטליכע ווערטער. אָבער זי האָט איהם געמאַכט שווייגען, און אויפ'ס ניי אָנגעהויבען מיט אַ גרויסען ערנסט, אַזוי ווי דאָס וואָלטען געווען זאַכען פון דער העכסטער וויכטיגקייט:

—„זי איז געווען ביי אַ מאַלצייט: דער גרויספירשט איז דאָרט געווען, אַ ניופאַונדלענדער הונט... ניין, אַ שאָף מיט געקרייזעלטע וואָל, וואָס האָט באַדינט דעם טיש... אַדאַ האָט געפונען עפּעס אַ מיטעל ווי זיך אויפצוהייבען פון דער ערד, און צו געהן טאַנצען, זיך לעגען אין דער לופטען, אָט אַזוי. עס איז געווען גאַנץ איינפאַך, מען האָט עס נאָר באַדאַרפט טאָן... אַזוי... אַזוי... און עס איז שוין געווען געטאָן...“

קריסטאָף האָט פון איהר געלאַכט. זי האָט אויך געלאַכט און איז געווען אַ ביסעל ברוגז וואָס ער לאַכט. זי האָט געהויבען די אַקסלען:

—„אַ, דו פאַרשטעהסט גאָרנישט!...“

זיי האָבען געפרישטיקט אויף'ן בעט, פון דער זעלבער טאַס און מיט'ן זעלבען לעפעל.

ענדליך איז זי אויפגעשטאַנען: זי האָט אַראָפּגעוואָרפען די קאָלדרע, אַרויסגעשטעקט איהרע שעהנע, גרויסע, ווייסע פיס און זיך אַראָפּגעלאָזען אויף'ן בעט. נאָכדעם האָט זי זיך אוועקגעזעצט אויף'ן בעט אָפּצואָטעמען, און באַקוקען איהרע פיס. צולעצט האָט זי אַ קלאַפּ געטאָן מיט די

הענט און איהם געהייסען אַרויסגעהן; און אַזוי ווי ער האָט זיך ניט געאיילט, האָט זי איהם אַנגענומען פאַר די אַקסלען, איהם צוגעשטופּט צו דער טיר און פאַרשלאָסען.

נאָכדעם ווי זי האָט זיך גוט אַנגעשפּילט, באַקוקט און אויסגעצויגען יעדען פון איהרע שעהנע גלידער, געזונגען בעת'ן וואַשען זיך אַ סענטימענטאַל ליעד פון פערצעהן קופּלעטען, געגאַסען וואַסער קריסטאָף'ן אין פּנים אַריין (ער איז געשטאַנען ביים פענסטער און צוגעקלאַפּט נאָכ'ן טאַקט און אָפּגעפּליקט די לעצטע רויז פונ'ם גאָרטען) האָבען זיי גענומען די שיף. דער טומאַן איז נאָך ניט געווען צוגאַנגען, אָבער די זון האָט דורך איהם געשיינט. אַדאַ איז נאָכגעגאַנגען קריסטאָף'ן פון הינטען דרעמלענדיג און אָנגעבלאָזען און האָט זיך באַקלאָגט, אַז דאָס ליכט קומט איהר אין די אויגען אַריין אַז דעם גאַנצען טאָג וועט זי שוין האָבען אַ קאָפּ־וועהטאָג. און אַזוי ווי קריסטאָף האָט ניט גענוג ערנסט גענומען איהר קלאַגען, איז זי אַריינגעפאַלען אין אַ מרה שחורה'דיגען שטילשווייגען. איהרע אויגען זיינען געווען קוים אָפען, און דערביי האָט זי געהאַט די קאָמיש־שטיפערישע ערנסטקייט פון קינדער וואָס האָבען זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט פון שלאָף. אין עלעגאַנטע פרוי האָט זיך ניט ווייט פון זיי אָוועקגעזעצט. נאָך דער ערשטער שיף־סטאַנציע איז זי באַלד לעבעדיג געוואָרען און זי האָט זיך אַנגעשטרענגט צו רעדען מיט קריסטאָף'ן איבער סענטימענטאַלע און געהויבענע ענינים. זי האָט ווידער אָנגעהויבען איהם צו רופען מיט'ן צערעמאָניערען „איהר“.

קריסטאָף האָט זיך פאַרטראַכט וועגען דעם וואָס זי זאָל זאָגען איהר בעל־הבית'טע, אַלס אַ גוטען תירוץ פאַר איהר פאַרשפּעטיגען. זי האָט וועגען דעם וועניג גע'דאגה'ט:

—„בע! עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל“.

„דאָס ערשטע מאָל, וואָס?...“

—„וואָס איך פאַרשפּעטיג זיך,“ האָט זי געזאָגט, אויפגערעגט פון דער פראַגע.

ער האָט ניט געוואַגט זי צו פרעגען, פאַרוואָס זי קומט שפּעט.

„וואָס וועסטו איהר זאָגען?“

—„אַז מיין מאַמע איז קראַנק, טויט... איך וויים וואָס?“

עס האָט איהם וועה געטאָן וואָס זי רעדט אַזוי לייכט־זיניג.

„איך וואָלט וועלען, אַז דו זאָלסט ניט זאָגען קיין ליגען.“

זי האָט זיך געפיהלט באַליידיגט.

—„ערשטענס, זאָג איך קיין מאָל ניט קיין ליגען... און ווייטער... איך קאָן דאָך איהר ניט זאָגען...“

ער האָט געפרעגט האַלב אויף שפּאַס, האַלב־ערנסט:

—„פאַרוואָס ניט?“

זי האָט געלאַכט, געהויבען די אַקסלען, איהם געזאָגט אַז ער איז גראָב און שלעכט ערצויגען, און אַז זי האָט איהם געבעטען ער זאָל איהר מעהר ניט דו'צען.

„האָב איך דען דערצו ניט קיין רעכט?“

—„אודאי ניט!“

„נאָכדעם וואָס עס איז פאָרגעקומען.“

זי האָט אויף איהם געקוקט, לאַכענדיג מיט אַ ווידער־שטאַנד אין די אויגען, און כאָטש זי האָט געשפּאַסט, האָט ער געפיהלט אַז עס וואָלט איהר ניט שווער געווען דאָס צו זאָגען ערנסט און כמעט גלויבען אין דעם. אָבער עפּעס אַ

קאָמישע געשעהעניש איז איהר אַהז צווייפּעל אויפ'ן זכרון געקומען און איהר אויפגעמונטערט: וואָרום זי האָט אויס־געבראַכען אין אַ געלעכטער, אָנגעקוקט קריסטאָף'ן און איהם שטורמיש געקושט, זיך ניט קימערענדיג וועגען איהרע שכנים, וועלכע האָבען, איבריגענס, גאָרנישט אויסגעוויזען זיך צו וואונדערען וועגען דעם.

אין אלע זיינע לוסטרייזעז און שפאצירגענג, איז ער שוין איצט געוועז באגלייט פון מיידלאך און אנגעשטעלטע, וועלכע זיינען מיט זייער גראבקייט איהם ניט געוועז אנגע־נעהם און ער פלעגט פרואווען פון זיי פטור ווערען אויפ׳ן וועג: אדא אבער איז דוקא מעהר ניט געוועז אויפגעלעגט זיך צו פארבלאנדזשען אין וואלד. ווען עס פלעגט רעגע־נען אדער מען איז דורך עפעס אן אנדער סבה ניט ארויס־געפאהרען פון שטאט, פלעגט ער איהר פיהרען אין טעא־טער, אין מוזעאום אדער אין ט י ר ג א ר ט ע ן: ווארום זי האט געוואלט מען זאל איהר זעהן מיט איהם. עס האט זיך איהר אפילו געוואלט ער זאל איהר באגלייטען צום גאט־דינסט; אבער ער איז געוועז אזוי נאריש אויפגערעגט, אז ער האט מעהר ניט געוואלט אריינשטעלען א פוס אין א קירך זייט ער איז אן אומגלויביגער געווארען — (ער האט זיך אפגע׳פטר׳ט מיט א תירוץ ווענען זיין שטעל, אלס ארגעל־שפילער) — און צו דער זעלבער צייט, איז ער געבליבען, ניט וויסענדיג, צו שטארק רעליגיעז ניט צו בא־טראכטען אדא׳ם פארשלאג פאר א פארשוועכונג.

אין אבענט פלעגט ער געהען צו איהר. ער פלעגט דארט טרעפען מירא, וועלכע האט געוואוינט אין זעלבען הויז. מירא איז אויף איהם ניט געבליבען אין כעס: זי פלעגט איהם דערלאנגען איהר גלאט־ווייכע האנט, ריידען מיט איהם ווענען לייכטע אדער גלייכגילטיגע ענינים און פלעגט

פלינק זיך אַרויסדרעהן פון צימער. עס האָט אויסגעזעהן אַז קיינמאָל זיינען די יונגע פרויען ניט געווען קיין בעסע־רע פריינדינס ווי זינט זיי האָבען פאַר דעם וואָס וועניגער אורזאַך געהאַט. זיי זיינען שטענדיג געווען צוזאַמען. אָדאַ האָט קיין סוד ניט געהאַט פאַר מיראַ'ן, איהר אַלץ דער־צעהלט, און מיראַ האָט זיך צו אַלץ צוגעהערט. עס האָט אויסגעזעהן, אַז זיי האָבען ביידע הנאה פון דער זעלבער זאַך.

קריסטאָף פלעגט זיך פיהלען אומרוהיג אין דער גע־זעלשאַפט פון די צוויי פרויען. זייער פריינדשאַפט, זייערע מאָדנע געשפּרעכען, זייער צו פרייע בענעהמונג, זייער רוי־הער קוק אויף יעדער זאַך, און דער שטייגער ווי זיי פלעג־גען — איבערהויפּט אָדאַ — איבער דעם רעדען, (פונ־דעסטוועגען וויינינגער בעת ער איז דאָרט געווען; אָבער אָדאַ פלעגט עס איהם איבערדערצעהלען) — זייער משונה־דיגע און פלאַפּלערישע נייגעריגקייט, וועלכע פלעגט זיך שטענדיג דרעהען אַרום נאַרישע און נידעריג־תאוה'דיגע ענינים, די גאַנצע צווייידייטיגע און אביסעל חיה'שע סביבה, איז איהם שרעקליך שווער געווען, און האָט איהם דאָך אינ־טערעסירט, וואָרום ס'איז פאַר איהם געווען אַ נייעס. ער פלעגט ניט וויסען וואו ער געפינט זיך בשעת דעם גע־שפּרעך צווישען די צוויי חיה'לעך, וואָס פלעגען רעדען איבער מאָדעס, זיך דערצעהלען וויצען, לאַכען אויף אַ נאַ־רישען אופן, און אויפבליצען מיט זייערע אויגען בעת זיי זיינען געווען אויפ'ן שפּור פון עפּעס אַ מיאוסע, געפעפער־טע מעשה'לע. אַ שטיין פלעגט איהם אַראָפּפאַלען פון'ם האַרצען ווען מיראַ פלעגט אַוועקגעהן. ווען די צוויי פרויען פלעגען זיין צוזאַמען, איז ער געווען ווי אין אַ פרעמד לאַנד,

מיט א פרעמדען לשון. אוממעגליך מען זאל איהם פאר־שטעהן: זיי האבען זיך אפילו ניט צוגעהערט און האבען אפגעלאכט פונ'ם פרעמדען.

ווען ער פלעגט אליין זיין מיט אדא'ן, פלעגען זיי אויך רעדען צוויי פארשיידענע לשונות: אבער זיי האבען זיך דאך אנגעשטרענגט צו פארשטעהן איינער דעם אנדערן. דעם אמת געזאגט, וואס מעהר ער האט איהר פארשטאנען, אלץ וועניגער האט ער איהו' פארשטאנען. זי איז געווען די ערש־טע פרוי וואס ער האט געקענט, ווייל אויב ער האט אפילו די אומגליקליכע סאבינע יא געקענט, האט ער דאך וועגען איהר וועניג געוואוסט: זי איז פאר איהם אלע מאל פאר־בליבען ווי א הארץ־פאנטאם. אדא האט אויך זיך גענומען ער זאל צוריק געווינען די פארלארענע צייט. ער, פון זיין זייט, האט געפרואווט אויפקלעהרען דאס פרויען־רעטע־ניש: — וואס איז אפשר נאר א רעטעניש דערפאר ווייל מען זוכט א זין, א מיין אין דעם.

אדא האט ניט געהאט קיין אינטעליגענץ: און דאס איז געווען איהר קלענסטער חסרון. קריסטאף'ן וואלט עס סוף כל סוף, שוין מעהר ניט געארט, ווען זי וואלט איהר חסרון פארשטאנען. אבער כאטש זי איז שטענדיג געווען פארנומען מיט נארישקייטען, פלעגט זי מאכען אן אנשטעל אז זי פארשטעהט גייסטיגע זאכען און ארויסזאגען א מיי־נונג איבער אלץ מיט זיכערהייט. זי פלעגט רעדען איבער מוזיק, דערקלעהרען קריסטאף'ן זאכען וואס ער האט גע־וואוסט בעסער פון אלץ, און ארויסגעבען אן אבסאלוטען פסק אויף יא אדער אויף ניין. עס איז איבעריג געווען צו פרואווען איהר איבערצייגען: זי האט געהאט איהרע פרע־

טענזיעס און געפּיהלען איבער אַלץ: האָט זיך געגרויסט, איז געווען איינגעַ'עקשנ'ט, און מיט אַ פּוסטען שטאָלץ. זי האָט ניט געוואָלט — ניט געקאָנט גאַרנישט פאַרשטעהן, פאַרוואָס האָט זי טאַקע ניט מסכים געווען גאַרנישט ניט צו פאַרשטעהן? ווי פיעל ליעבער ער פלעגט זי האָבען ווען זי פלעגט זיך צופרידענשטעלען מיט וואָס זי איז, גאַנץ איינפאַך, מיט איהרע מעלות און חסרונות, אַנשטאָט זיך צו גרויסען פאַר אַנדערע און פאַר זיך אַליין.

אין אמת'ן האָט זי זיך זעהר וועניג אָפּגעגעבען מיט מאַרד־זאַכען. זי האָט זיך אָפּגעגעבען מיט עסען, טרינקען, זינגען, טאַנצען, שרייען, לאַכען, שלאָפען: זי האָט גע־וואָלט זיין גליקליך, און ווען דאָס זאָל זיך נאָר איהר געווען איינגעבען, וואָלט איהר שוין גאַנץ גוט געווען. אָבער כאָטש זי איז פאַר דעם געווען ווי געשאַפען, זייענדיג אַ פּרעסערקע, פויל, תאוה'דיג, איינפאַך עגאָיסטיש אויף אַזוי ווייט, אַז קריסטאָף פלעגט דערפון אַי אויפגעבראַכט ווערען, אַי זיך אַמוזירען: כאָטש זי האָט געהאַט כמעט אַלע פעהלערען וואָס מאַכען דאָס לעבען אַנגענעהם פאַר די, — אויב ניט פאַר זייערע פריינד, — וואָס האָבען דאָס גליק זיי צו באַ־זיצען, (און אפילו אַזוי, שיינט דען ניט אַראָפּ דאָס גליק פון אַ גליקליכען פּנים אויף אַלע וואָס דערנעהענטערען זיך צו איהם?) — כאָטש דאָס אַלץ האָט איהר באַדאַרפט צו־פרידענשטעלען מיט'ן לעבען און מיט זיך, האָט אַדאָ אָבער ניט געהאַט אפילו אויף דעם גענוג אינטעליגענץ. אָט די שעהנע און שטאַרקע מיידעל, וואָס איז געווען אַזוי פריש, לעבעדיג, געזונט, פול מיט לוסט און מיט אַ שרעקליכען אַפּעטיט, פלעגט זיך באַאומרוהיגען וועגען איהר געזונט. זי פלעגט, עסענדיג פאַר דרייען, קרעכצען איבער איהר

שוואכקייט. זי פלעגט זיך אויף אלץ באקלאגען: אז זי קאן זיך שוין מעהר ניט ארומשלעפען, אז זי קאן מעהר ניט אטעמען, אז זי האט קאפווייטאג, אז די פיס, דער מאגען די אויגען, די נשמה טוען איהר וועה. זי פלעגט מורא האבען פאר אלץ, איז געווען ווילד אבערגלויביש, געזעהן אין יעדער זאך און אומעטום עפעס א סימן: ביים עסען— די מעסערס און גאפלען, אויב זיי זיינען גראד געלעגען ווי א צלם, די צאהל געסט. דאס איבערגעקערטע זאלץ־מעס־טעל: דאן פלעגט מען מוזען מאכען א גאנצע צערעמאניע, כדי אויסצומיידען אן אומגליק. ביים שפאצירען פלעגט זי ניט פארגעסען איבערצוצעהלען די וואראנעס און קוקען אויף וועלכער זייט זיי פליהען אוועק. זי פלעגט שארף קו־קען אויפ'ן וועג בעת'ן געהן, און זיך באקלאגען, אויב זי האט פאר מיטאג געזעהען א שפין פארבייקריכענדיג: דאן פלעגט זי וועלען צוריקגעהן און מען האט אנדערש איהר ניט געקאנט צורעדען ווייטער צו געהן, סיידען מען האט איהר געזאגט און איהר פארזיכערט, אז ס'איז שוין נאכמיטאג, און אויב אזוי איז דער סימן שוין א גוטער, ניט קיין שלעכ־טער. זי פלעגט מורא האבען פאר איהרע חלומות: זי פלעגט זיי אויסציהען בעת זי האט זיי דערצעהלט קריס־טאף'ן, זוכען שעה־ווייז א קלייניגקייט, א פרט, וואס זי האט פארגעסען. קיין איינציגען פלעגט זי ניט פארפעהלען: ס'איז געווען א רייהע פון גרויסע נארישקייטען, מיט משונה'דיגע חתונות, מיט טויטע, מיט שניידערקעס, מיט פרינצען, מיט פרעהליכע, און צומאל שמוציגע סצענעס. ער האט זיך געמוזט צוהערען און געבען זיין מיינונג. אפט פלעגט זי גאנצע טעג בלייבען פארמוטשעט און פאר'מרה־שחורה'ט פון די נארישע פאנטאזיעס. דאס לעבען פלעגט

איהר אויסוויזעז שלעכט: אויף אלץ און אלעמען האט זי געקוקט גראב און קרום און האט קריסטאף'ען געפלאגט מיט איהרע יללות. עס האט זיךווירקליך ניט געלוינט צו פארלאזען די אנגעכמורעטע קליין־בירגער, כדי דא אויף דאס נייע צו געפינען דעם אייביגען שונא: דעם „ט ר ו י ע־ ר י ג ע ן, נ י ט ג ר י כ י ש ע ן ה י פ א כ א נ ד ר י־ ק ע ר."

אבער איז מיטען פון איהרע יללות און תערומות פלעגט זי ווידער ווערען פרעהליך, טומעלדיג, צו רוישיג: מען האט דאס ניט געקאנט בעסער דערקלעהרען ווי נאר דורך איהר פריהעריגע מרה־שחורה. אט האט זי אויסגעבראכען אין א געלעכטער, אהן אן אורזאך און אהן א סוף, און אט האט זי אנגעהויבען לויפען איבער די פעלדער, ווילד, זיך שפי־ לענדיג מיט די קינדער, הנאה האבענדיג פון אפטאן נאריש־ קייטען: פון אויפגראבען ערד, ארומגעהן און זיך שפילען מיט חיה'לעך, מיט שפינען, מיט מוראשקעס, מיט ווערים, זיי צו טשעפען, רייצען, זיי צווינגען אויפצועסען איינע די אנדערע: די פויגעלעך — פון די קעץ, די ווערעם פון די היהנער; די שפינען — פון די מוראשקעס, ניט פון בייז ווילען, און פיללייכט טאקע פון אן אומבאוואוסטזיני־ גען שלעכטען אינסטינקט, פון נייגעריגקייט, צוליעב צור־ שטרייטונג. עס איז געווען ווי א שטענדיגע באדערפעניש צו זאגען נארישקייטען, איבערצו'חזר'ען פופציג מאל א ווארט, וואס האט ניט קיין זינען: טשעפען, אויפרעגען, פלאגען און זיך ארויסברענגען פון די כלים, און איהר קאקעטירען — ווי עס פלעגט זיך נאר ווייזען עמיצער — סיי ווער — אויפ'ן וועג!... באלד פלעגט זי אנהייבען לעבעדיג צו רע־ דען, צו לאכען, צו טומלען, צו מאכען העויות, כדי צו ציהען

אויף זיך די אויפמערקזאמקייט און געהען מיט א פאראד־נעם און געמאכטען גאנג. קריסטאף פלעגט דערביי מיט מורא פיהלען אז באלד וועט זי אנהויבען זאגען ערנסטע זאכען. און אזוי פלעגט עס טאקע זיין. אט האט זי גענומען ווערען סענטימענטאל, — אהן א שיעור, ווי אין אלץ — און אט האט זי זיך אפגערעדט פון הארצען, פון ליעבע אזוי ווי א גלאק וואלט געקלונגען. קריסטאף פלעגט לייד־דען. עס האט זיך איהם געוואלט איהר שלאגען. ווענינער ווי אלץ, האט ער איהר געקאנט מוחל זיין דאס וואס זי איז ניט אויפריכטיג. ער האט נאך ניט געוואוסט, אז אויפריכ־טיגקייט איז אזא זעלטענע מתנה ווי אינטעליגענץ, ווי שעהנקייט און אז מ'קאן עס ניט מיט רעכט פאדערען פון אלעמען. ער האט ניט געקאנט פארליידען קיין ליגען: און אדא האט איהם דערפון געגעבן א נישט־קשה'דיגע פאר־ציע. זי פלעגט שטענדיג, און רוהיג ליגען זאגען, כאטש דער היפוך דערפון איז מעהר ווי קלאר געווען. זי האט געהאט די ערשטוינענדיגע פעהיגקייט צו פארגעסען וואס איהר געפעלט ניט — אדער וואס איז איהר פריהער געפעלען — וואס עס האבען אלע פרויען וועלכע געהען מיט'ן שטראם פון ידער שעה אדער פונ'ם טאג.

און דאך נישט קוקענדיג אויף אלץ, האבען זיי זיך גע־ליעבט, זיך געליעבט מיט'ן גאנצען הארצען. אדא איז אזוי אויפריכטיג געווען און איהר ליעבע ווי קריסטאף. כאטש זייער ליעבע האט פאר א יסוד ניט געהאט קיין גייסטיגע קרובה'שאפט, איז זי דאך געווען אן אמת'ע: זי האט ניט געהאט קיין זאך געמיינשאפטליך מיט דער נידעריגער תאוה. עס איז געווען די שעהנע יוגענד־ליעבע. און ווי ליידענשאפטליך זי איז ניט געווען, האט זי דאך אין זיך

ניט געהאט קיין גראבקייט. ווארום אַלץ איז אין דעם געווען יונג, נאַיוו, כמעט צנועה'דיג געריינינגט דורכ'ן אמת'ען ברען פון לוסט־פרייד. כאָטש אַדאַ איז ווייט ניט געווען אַזוי אומשולדיג־אומוויסענד ווי קריסטאָף, האָט זי נאָך אין זיך געהאט די געטליכע פריווילעגיע פון א יונג הארץ און אַ יונגען קערפער, די פרישקייט פון די חושים, די קלאָרקייט און שטארקייט פון א שטורמיש וואַסערל, וואָס גיט כמעט די אילוזיע פון אומשולד — און דעם פּלאַץ דערפון קאָן קיין זאך אין לעבען ניט פארנעהמען. עגאָיסטיש, מיטעלמעסיג, ניט אויפריכטיג אינ'ם געוועהנליכען לעבען, — האָט די ליעבע איהר געמאכט איינפאַך, טריי, כמעט גוט: זי האָט גענומען פארשטעהן די פרייד וואס מען קאן געפינען, פארגעסענדיג אַן זיך צוליב אַן אנדערען. קריסטאָף פלעגט איהר באַטראכטען מיט אנטציקונג און וואָלט געווען פאר איהר אוועקגעגעבען זיין לעבען. ווער קאָן זאגען וואָס פאר א נאַרישע און ריהרענדע אילוזיעס א פארליעבטע נשמה ברענגט מיט איהר ליעבע! און די נאַטירליכע אילוזיע פונ'ם פאַרליעבטען איז, דורך דעם כח פון אילוזיע וואָס איז איינגעבאָרען אין יעדען קינסטלער, נאָך הונדערט מאָל גרעסער געוואָרען אין קריסטאָף'ן. אַ שמייכעל פון אַדאַ'ן האָט פאר איהם געהאט א טיפע באדייטונג: אַ ליעבליך וואָרט האָט איהם באוויזען וואָס פאר א גוט הארץ זי האָט. ער האָט אין איהר ליעב געהאט אַל־דאָס גוטע און שעהנע וואס די וועלט פארמאָגט. ער האָט זי גערופען, זיין א י ד, זיין נשמה, זיין לעבען. זיי פלעגען פון ליעבע וויינען צוזאַמען.

פארבונדען האָט זיי ניט נאָר די ליידענשאַפט, נאָר אויך אן אומבאַשטימטע פּאָעזיע פון ערינערונגען און

חלומות — זייערע חלומות? אדער אפשר די חלומות פון מענשען, וואס האבען געליעבט פאר זיי, וואס האבען געליעבט פאר זיי — אין זיי?... זיי האבען אין זיך אויפגעהאלטען, ניט זאגענדיג, ניט וויסענדיג אפשר די באצויבערונג פון די ערשטע מינוטען ווען זיי האבען זיך באגעגענט אין וואלד, פון די ערשטע טעג, די ערשטע נעכט וואס זיי האבען פארבראכט צוזאמען, די שטונדען פון שלאף איינער אין דעם אנדערענס ארעמס, שטיל, אהן געדאנקען, פארטרונקען אין א שטורם פון ליעבע און שטילשווייגענדער פרייד. דאס פלוצלונגע ארויסרופען פון בילדער, פון שטומברומענדע געדאנקען, האט זיי לייכט באריהרט, בלאס געמאכט, אנגעצונדען מיט לוסטפרייד און זיי ארומגערינגעלט ווי דאס זשומען פון ביהנען. א ברענענדע און צארטע ליכט... דאס הארץ שטעלט זי אפ און שווייגט, ווי פון א צו גרויסער, זיסער פרייד. די שטילקייט, פיבער־מאטקייט, דער געהיימניספולער און מידער שמייכעל פון דער ערד וואס ציטערט אויף ביי די ערשטע זון־שטראהלען פונ'ם פריהלינג... די פרישע ליעבע פון צוויי יונגע גופים איז ווי אן אפריל־פריהמארגען, ווי אפריל געהט עס פארביי... די יוגענד פון הארצען איז ווי א זונען־פריהשטיק.

קיין זאך האָט ניט אזוי געקאָנט פארשטארקען קריס־טאָף'ס ליעבע צו אדאַ'ן, ווי די מיינונג וואָס אַנדערע האָ־בען געהאט איבער איהר.

דעם צווייטען טאָג נאָך זייער ערשטער באַגעגניש האָט דער גאנצער קווארטאַל דערפון געוואוסט. אדאַ האָט זיך גאָר ניט באמיהט צו באהאַלטען זייערע באציהונגען: זי האָט זיך געגרויסט און שטאָלצירט מיט איהר ערוֹבערונג. קריסטאָף'ן וואָלט מעהר געפעלען געווען אביסעל באַשיי־דענהייט, אבער אזוי ווי ער האָט געפיהלט, אז ער ווערט פארפאָלגט פון אלעמענ'ס נייגעריגקייט, און ער האָט ניט געוואָלט געבען דעם איינדרוק אז ער מיידט איהר אויס, איז ער אָפט און אומעטום אויסגעגאנגען מיט איהר. די גאנצע שטעטעל האָט וועגען דעם געפלאַפּעלט. קריסטאָף'ס אָרקעס־טער־קאמאראדען האָבען איהם געמאכט וויציגע קאָמפּלי־מענטען, אויף וועלכע ער האָט גאָרנישט געענטפערט, ווייל ער האָט קיינעם ניט ערלויבט זיך צו מישען אין זיינע עסקים. אין שלאָס האָט מען איהם באשולדיגט פאר זיין ניט־פּאַסיגער באַנעהמונג. די פארמעגליכע קליין־בירגער האָבען איהם שטרענג געאורטיילט. ער האָט פארלאָרען זיינע מוזיק־לעקציעס אין געוויסע פאמיליען. אין אנדערע פאמיליען האָבען די מאַמעס געגומען גלויבען אז עס איז זייער חוב בייצוואוֹהנען ביי די שטונדען און קוקען מיט חשד, אזוי ווי קריסטאָף וואָלט בדעה געהאט פון זיי אוועק־צורויבען זייערע טייערע קינדער. די מיידלאך האָבען

בלומרשט פון גארנישט ניט געדארפט וויסען. נאטירליך אבער האבען זיי פון אלץ געוואוסט, און כאטש זיי האבען זיך פארהאלטען קאלט צו קריסטאף'ן, צוליעב זיין אויפ־פיהרונג האט זיך זיי דאך שטארק געוואלט וויסען וואס מעהר איינצעלהייטען. קריסטאף איז געווען פאפולער נאר צווישען די קליינע קרעמערס און קראם־אנגעשטעלטע; אבער צווישען זיי אויך ניט אויף קיין לאנגע צייט: זייער פריינדשאפט איז איהם געווען גראד אזוי פארדריסליך ווי די באשולדיגונג פון די אנדערע; און ניט קאנענדיג טאן גארנישט געגען דער באשולדיגונג, האט ער זיך אנגעהויבען אויפצופיהרען אנדערש, כדי ניט אנצוהאלטען די פריינד־שאפט. דאס איז ניט געווען זעהר שווער. און ער איז אין כעס געווען אויף די אלגעמיינע גראבקייט.

די אויפגערעגטסטע פון אלע געגען איהם זיינען געווען יוסטוס איילער און די פאמיליע פאגעל. קריסטאף'ס שלעכטע אויפפיהרונג האט זיי אויסגעוויזען ווי א פערזענ־ליכע באליידיגונג. כאטש זיי האבען אויף איהם ניט גע־בויט קיין פלענער — זיי האבען ניט געהאט קיין צוטרויען (באזונדערס פרוי פאגעל) צום כאראקטער פון קיין קינסט־לער — זיינען זיי אבער געווען פון א ניט צופרידענער נא־טור, האבען געגלויבט אז די השגחה פארפאלגט זיי און האבען זיך איצט איינגערעדט, ווען פון דעם שידוך מיט קריסטאף'ן איז גאר ניט געווארען, אז זיי האבען יא גע־האלטען פון דער הייראט צווישען איהם און ראזע'ן; און האבען ווידער געזעהן אין דעם א סימן פון זייער שלים־מזל. לאגיש וואלט עס געמיינט, אז אויב דער שיקזאל איז שולדיג אין זייער ענטוישונג, איז קריסטאף פאר דעם ניט פאראנטווארטליך: אבער די לאגיק איז ביי די פאגעלס

געוועזן אַזאַ, וואָס האָט זיי ערלויבט צו געפינען וואָס מעהר אורזאַכען זיך צו באַקלאָגען. זיי זיינען דערפאַר געקומען צום שלום, אַז קריסטאָף פיהרט זיך אויף שלעכט ניט נאָר צו־ליב זיין פאַרגעניגען, נאָר אויך כדי זיי וועה צו טאָן. אַ חוץ דעם האָבען זיי עס באַטראַכט פאַר אַ סקאַנדאַל. זייענדיג שטאַרק רעליגיעז, מאָראַליש און פול מיט פאַמיליען־טוגענד, האָבען זיי, ווי אַסך אַנדערע, באַטראַכט די זינד פון קערפּערליכער תאוה פאַר די שענדליכסטע און ערגסטע פון אַלע זינד, כמעט פאַר די איינציגע זינד, וואָרום זי איז די איינציגע, פאַר וועלכע מען האָט מורא. (עס איז זעלבסט פאַרשטענדליך, אַז אָנשטענדיגע מענשען וועלען קיינמאָל ניט האָבען דעם נסיון צו גנב'ענען אָדער צו טויטען). דער־פאַר טאַקע האָט קריסטאָף אין זייערע אויגען אויסגעזעהן ווי אין גאַנצען אַ פאַרדאָרבענער מענש, און זיי האָבען גע־ביטען זייער באַנעהמונג צו איהם. זיי פלעגען איהם באַ־ווייזען אַן אייז־קאַלטען פנים און זיך אָפּדרעהן פון איהם אויפ'ן וועג. קריסטאָף, וואָס האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט זיי צו רעדען, פלעגט הויבען די אַקסלען אויף זייערע אַלע העוויות. ער פלעגט כלומרשט ניט באַמערקען די חוצפּה־דיגע באַנעהמונג פון אַמאַליע'ן, וועלכע האָט, כאָטש זי פלעגט זיך מאַכען אַז זי מיידעט איהם אויס מיט פאַראַכ־טונג, אָנגעווענדט אַלע מיטלען אַז ער זאָל זיך צו איהר דערנעהענטערן, כדי איהם צו קאָנען זאָגען אַלץ וואָס זי האָט אויפ'ן האַרצען.

קריסטאָף איז בלויז געריהרט געוועזן פון ראָזע'ס האַל־טונג. זי האָט איהם נאָך שטרענגער באַשולדיגט ווי אַלע אַנדערע פון דער פאַמיליע. ניט ווייל קריסטאָף'ס נייע ליעבע האָט איהר אויסגעוויזען צו פאַרניכטען די לעצטע מעג־

ליכקייטען וואס זיינען איהר פארבליבען צו ווערען פון איהם געליעבט: זי האט געוואוסט, אז זי האט ניט קיין מעגליכקייטען — (כאטש זי האט אפשר ווייטער געהאפט... זי האט שטענדיג געהאפט!) — אבער זי האט געהאט גע־מאכט פון קריסטאף'ן אן אפגאט, און דער אפגאט איז אזוי געפאלען. עס איז געווען דער ערגסטער ווייטאג... יא, אין דער אומשולד און עהרליכקייט פון איהר הארצען איז דאס געווען א גרויזאמערער שמערץ, ווי צו ווערען פון איהם פאר־אכטעט און פארגעסען. זייענדיג ערצויגען אויף א פורי־טאנישען אופן, מיט א שמאלער מאראל אין וועלכען זי האט געגלויבט מיט'ן גאנצען הארצען, האט איהר דאס וואס זי האט געהערט איבער קריסטאף'ן, ניט נאר געבראכט פארצווייפלונג, נאר איהר אויך אפגעעקעלט. זי האט שוין פריהער געליטען, ווען ער האט ליעב געהאט סאבינע'ן: שוין דאן האט זי פארלארען געוויסע אילוזיעס וועגען איהר העלד. דאס וואס קריסטאף האט דאן געקאנט ליעב האבען אזא געוועהנליכע פרוי, איז פאר איהר געווען אומדער־קלעהרליך און במעט שענדליך. אבער יענע ליעבע איז, ווענינגסטענס, געווען ריין און סאבינע איז דערצו ניט גע־ווען אומווירדיג. צום סוף איז דער טויט געקומען, האט עס פארדעקט, פארהייליגט... אבער אז גלייך נאך דעם זאל קריסטאף ליעב קריגען אן אנדערע — און וואס פאר אן אנדערע! — דאס איז געווען נידעריג, מיאוס, העסליך! זי האט גענומען באשיצען די טויטע געגען איהם. זי האט איהם ניט געקאנט מוחל זיין וואס ער האט איהר פארגע־סען...—אך! ע ר האט ניט מעהר געטראכט פון איהר ווי זי. אבער זי האט ניט פארשטאנען, אז צוויי געפיהלען קא־נען געפינען פלאץ צו דער זעלבער צייט אין א ליידענ־

שאָפּטליכען האַרץ: זי האָט געגלויבט, אַז מען קאָן ניט זיין טריי צו דער פאַרגאַנגענהייט, ניט זייענדיג מקריב די גע־גענוואַרט. זייענדיג אומשולדיג־ריין און קאַלט, האָט זי ניט געהאַט קיין באַגריף ניט פון לעבען, ניט פון קריסטאָף׳ן: עס האָט איהר אויסגעדאַכט, אַז אַלץ דאַרף זיין ריין, שמאָל און אונטערוואָרפען דער פליכט, ווי זי אַליין. זייענדיג באַשיידען מיט איהר גאַנצער נשמה און גאַנצען וועזען, האָט זי בלויז געהאַט איין שטאָלץ: דעם שטאָלץ פון דער ריינער אומשולד: זי האָט עס געפאָדערט פון זיך און פון אַנדע־רע. דאָס וואָס קריסטאָף האָט זיך אַזוי דערנידעריגט, האָט זי איהם איצט, און וואָלט איהם קיינמאָל, ניט געקאָנט מוחל זיין.

קריסטאָף האָט געפּרואווט מיט איהר רעדען, אויב ניט ערקלעהרען. — (וואָס וואָלט ער איהר געזאָגט? וואָס וואָלט ער געקאָנט זאָגען אַזאַ שטרענג רעליגיעז־מאָראַלישער און נאַיווער מיידעל ווי זי?) — ער האָט איהר געוואָלט פאַר־זיכערען אַז ער איז איהר פריינד, אַז ער וויל איהר אַכטונג, אַז ער האָט נאָך דערצו אַ רעכט. ער האָט איהר געוואָלט אָפּהאַלטען פון איהר דערווייטערען זיך פון איהם אַזוי נאָ־ריש. אָבער ראָזע פלעגט איהם אויסמיידען מיט אַ שטרענ־גען שטילשווייגען, און ער האָט געפיהלט אַז זי פאַראַכטעט איהם.

ער האָט דערפון געליטען, און איז אויך געווען אין כעס. ער האָט געפיהלט, אַז עס קומט איהם ניט די פאַראַכ־טונג. אָבער סוף כל סוף איז ער דאָך פאַרבליבען ווי צו־מישט — דערשראָקען: און זיך באַטראַכט פאַר שולדיג. די ביטערסטע פאָרוואָרפען פלעגט ער זיך אַליין מאַכען, טראַכ־

טענדיג פון סאבינע'ן. ער פלעגט זיך מאטערען:

—„א! גאט מיינער! ווי איז עס מעגליך? ווי בין איך דאס?...״

אבער ער האט זיך ניט געקאנט שטעלען קעגען דעם שטראם וואס האט איהם מיטגעשלעפט. ער האט געדענקט, אז דאס לעבען איז פארברעכעריש; און ער האט צוגעמאכט די אויגען כדי עס ניט צו זעהן, און לעבען. ער האט געפיהלט אזא גרויסע באדערפעניש צו לעבען, צו זיין גליקליך, צו ליעבען, צו גלויבען!... ניין, עס איז גארנישט געווען וואס צו פאראכטען אין זיין ליעבע! ער האט געוואוסט אז עס קאן זיין ניט קלוג, ניט געשיקט, ניט גליקליך צו ליעבען אדא'ן: אבער איז דען אין דעם פאראן נידעריגס? אנעהמענדיג — ער האט זיך אנגעשטרענגט צו צווייפלען אין דעם, — אז אדא האט אין זיך ניט קיין גרויסען מאראלישען ווערט, איז דען דערפאר די ליעבע וואס ער האט צו איהר ווייניגער ריין? די ליעבע באשטעהט אין דעם וועם עס ליעבט, ניט אין דעם וואס ווערט געליעבט. אויף ווי פיל דער וואס ליעבט האט א ווערט, אויף אזוי פיל האט זיין ליעבע א ווערט. אלץ איז ריין ביי די ריינע. אלץ איז ריין ביי די שטארקע, ביי די גייסטיג-געזונטע. די ליעבע, וואס באצירט מאנכע פויגלען מיט זייערע שעהנסטע פארבען, ברייגנט ארויס פון עהרליכע נשמות דאס איידעלסטע וואס זיי פארמאגען. דער פארלאנג ארויסצואווייזען דעם אנדערען נאר דאס ווירדיגע אין זיך, ברענגט דערצו, אז מען האט בלויז פארגעניגען פון די געדאנקען און האנדלונגען וועלכע זיינען אין הארמאניע מיט'ן שעהנעם בילד וואס די ליעבע האט אויסגעשטאלטעט, און די יוגענד־וואסערן וואו די נשמה קריגט צו נייע כחות, די הייליגע ארויסשטראה־

לונג פון קראַפט און פרייד זיינען שעהן און דערקוויקענד, און מאַכען דאָס האַרץ גרעסער.

דאָס וואָס זיינע פריינד פאַרשטעהען איהם ניט, האָט איהם אָנגעפילט מיט ביטערקייט, אָבער דאָס ערגסטע איז געווען וואָס זיין מאַמע אַליין האָט אָנגעהויבען צו האָבען יסורים.

די גוטע פרוי האָט ווייט ניט געהאַט די שמאָלע באַ־גריפען פון די פּאַגעלס. זי האָט שוין צו גוט געזעהן די אמת'ע לעבענס־צרות אום צו זוכען נייע. זייענדיג עניוות־דיג, צעבראָכען פונ'ם לעבען, וואָס האָט איהר וועניג פרייד געגעבען, און נאָך וועניגער פאַרלאַנגט, אַנעהמענדיג מיט ליעבע אַלץ וואָס האָט געטראָפען, און ניט פּרואווענדיג אפילו דאָס צו פאַרשטעהן, וואָלט זי זיך אודאי אָפּגעהיט פון באַרעכענען אָדער נאָכקוקען אַנדערע. עס האָט זיך איהר ניט געגלויבט, אַז זי האָט דערצו אַ רעכט. זי האָט זיך גע־האַלטען פאַר צו נאַריש אויף צו מאַכען אַן אָנשטעל, אַז זיי מאַכען אַ טעות מיט דעם וואָס זיי דענקען ניט ווי זי: עס וואָלט איהר אויסגעזעהן לעכערליך ארויפצוצווינגען איהרע שטרענגע כללים וועגען מאָראַל און גלויבען. אַ חוץ דעם זיינען איהר מאָראַל און גלויבען געווען אינסטינקטיוו־ריין: כאָטש זי איז פאַר זיך געווען פרום און צנועה־דיג, האָט זי זיך געמאַכט ניט קוקענדיג אויף יענעמס אויפ־פיהרונג מיט דעם איידעלען פאָלקס־געפיהל וואָס איז מוחל געוויסע חסרונות אָדער שוואַכקייטען. דאָס איז געווען איינע פון די קלאַגעס וואָס זשאַן־מישעל, איהר שווער, פלעגט אַמאָל האָבען קעגען איהר: זי פלעגט ניט מאַכען קיין גרויסען אונטערשייד צווישען בכבוד'יגע מענשען און אַנדערע: זי פלעגט ניט מורא האָבען זיך אָפּצושטעלען

אויפ'ן גאס, אדער אויפ'ן מארק כדי צו געבען די האנט און פריינדליך צו ריידען מיט געוויסע פרויען, וועלכע אז אנשטענדיגע פרוי האט כלומרשט ניט באדארפט קענען. זי האט זיך פארלאזט אויף גאט צו אונטערשיידען דאס גוטע פונ'ם שלעכטען און צו באשטראפען אדער מוחל צו זיין. זי האט בלויז פארלאנגט פון א צווייטען אביסעל פון דעם הארציגען מיטגעפיהל וואס איז אזוי נויטיג כדי צו דערלייכטערען איינער דעם אנדערען דאס לעבען. אבי א מענש איז גוט — דאס איז געווען פאר איהר די הויפטזאך.

אבער זינט זי האט געוואוינט מיט די פאגעלס, האט טער פון יענער פאמיליע צו ערנידעריגען אלץ וואס האט פון איהר געמאכט א לייכטען קרבן גראד ווייל זי איז געווען דערשלאגען און צו שוואך ווידערצושטעהן. אמאליע האט זיך פאר איהר גענומען: און פון פריהמארגען ביז'ן אבענט, אין די לאנגע אינטימע געשפרעכען, בעת די צוויי פרויען האבען געארבייט צוזאמען און אמאליע אליין האט גערעדט, האט לואיזע, וואס איז געווען צעבראכען און געדולדיג, זיך צוגעוואהנט, אהן איהר וויסען, צו בארעדען און קריטיקירען אלצדינג. פרוי פאגעל האט ניט פארפעהלט איהר צו זאגען וואס זי דענקט וועגען קריסטאף'ס אויפפיהרונג. לואיזע'ס רוהיגקייט האט איהר אויפגערעגט. זי האט געהאלטען פאר ניט־אנשטענדיג פאר וואס לואיזע גיט זיך אזוי ווייניג אפ מיט דעם וואס האט אלעמען אזוי אויפגעבראכט: זי איז ניט צופרידען געווען ביז עס האט זיך איהר ניט איינגעגעבען זי אינגאנצען צו רואינירען. קריסטאף האט עס באמערקט. לואיזע האט ניט געוואגט איהם צו מאכען פארוואורפען, אבער יעדען טאג האט זי געמאכט שטיל־שעמעוודיגע, אומרוהיגע, באמערקונגען, און

אזוי ווי ער האָט איהר אומרוהיג, שאַרף אפגעענטפערט. האָט זי באַלד אויפגעהערט. ער פלעגט אבער ווייטער זעהן די יסורים אין איהרע אויגען, און אהיימקומענדיג פלעגט ער, צומאָל, באמערקען אַז זי האָט געוויינט. ער האָט צו גוט געקענט זיין מאַמע'ן אום ניט צו צווייפלען אַז די אומרוהיגקייט קומט ניט פון איהר אליין. — און ער האָט געוואוסט פון וואנען עס קומט.

ער האָט באשלאָסען דערפון צו מאכען א סוף. אין אַן אָבענט, בעת לואיזע האָט שוין מעהר ניט געקאָנט צוריקהאַלטען איהרע טרערען און זיך אויפגעהויבען פונ'ם טיש אין מיטען עסען, און קריסטאָף האָט ניט געקאָנט דערגעהן פאַר וואס זי איז אזוי פארצווייפעלט, איז ער אַראָפּ די טרעפּ, צו פיער אויף אמאָל, און אנגעקלאַפּט אין טיר ביי די פאַגעל'ס. ער האָט געקאָכט מיט כעס. ער איז ניט נאָר אויפגערעגט געוועזן אויף די פרוי פאַגעל איבער דעם וואס זי באַגעהט זיך אזוי מיט זיין מאַמען: ער האָט זיך געוואָלט נוקם זיין פאַר דאָס וואס זי האָט ראָזע'ן אַנגערייצט געגען איהם, פאַר דעם וואס זי האָט אמאָל אַנגערעדט אויף סאַבינ'ען, פאַר אַלץ וואס ער האָט געהאַט אויסצושטעהן פון איהר זייט חדשים. זייט חדשים, האָט זיך אין איהם אַנגעזאַמעלט, געגען איהר, א גאַנצע מאַסע מיט נקמה־געפיהל און יעצט האָט ער געוואָלט דערפון לויז ווערען.

ער האָט אריינגעשטורעמט צו פרוי פאַגעל אין צימער און מיט א שטים וועלכע ער האָט געפּרואווט האַלטען רוהיג, אָבער וואס האָט געציטערט, האָט ער איהר געפרעגט וואס זי האָט געקאָנט זאָגען זיין מאַמען, כדי זי צו ברייננגען צו אזאַ מצב.

אמאליע איז שטארק אויפגעקאכט געווארען: זי האט איהם געענטפערט, אז זי זאגט וואס איהר געפעלט, אז זי דארף וועגען איהר אויפפיהרונג קיינעם ניט אפגעבען קיין חשבון, — איהם ווייניגער ווי ווענען עס איז — און אנ־כאפענדיג די געלעגענהייט צו האלטען די דרשה, וואס זי האט געהאט צוגעגרייט, האט זי צוגעלעגט, אז אויב לואיזע פהילט זיך אומגליקליך, דארף ער ניט זוכען קיין אנדער אורזאך ווי נאר זיין אייגענע אויפפיהרונג, וואס איז א שאנדע פאר איהם און א סקאנדאל פאר אלעמען.

קריסטאף האט נאר געווארט אויף'ן אנגריף, כדי פון זיין זייט אנצוגרייפען. ער האט מיט כעס געשריען, אז זיין אויפפיהרונג געהט נאר איהם אן, אז עס ארט איהם גאר ווייניג, צי עס געפעלט אדער עס געפעלט ניט פרוי פאגעל. אז אויב זי וויל זיך קלאגען אויף איהם, זאל זי זיך קלא־גען צו איהם, אז איהם קאן זי זאגען וואס זי וויל: עס וועט איהם ארען ווי דער פאר־א־יאהריגער שניי, אבער ער פ א ר ו ו ע ה ר ט איהר — (פארשטעהט זי גוט?) — ער פ א ר ו ו ע ה ר ט איהר צו זאגען וואס עס איז זיין מאמען, און אז עס איז א געמיינהייט צו פארמאטערען אז אומגליקליכע, אלטע, קראנקע פרוי.

פרוי פאגעל האט גענומען הויך שרייען. קיינמאל האט נאך קיינער ניט געוואגט מיט איהר צו רעדען אין אזא טאן. זי האט געזאגט, אז זי וועט זיך ניט לאזען לערנען פון אן אויסוואורף — און אין איהר אייגען הויז! און איהם אנגעזידעלט אויף א שענדליכען אופן.
אופן.

הערענדיג די געוואלטען, זיינען אנגעקומען די אנדע־רע — א חוץ, פאגעל'ן וואס פלעגט אויסמיידען אלץ וואס

האָט איהם געקאַנט שאדען צום געזונט. דער אַלטער איי־לער, וואָס איז ארויסגעשטעלט געוואָרען פון דער אויפגע־רעגטער אמאַליע פאַר אַן עדות, האָט שטרענג געבעטען קריסטאָף'ן זיך ווייטער ניט צו נעהמען די טרחה מיט זיי צו רעדען אָדער זיי צו באזוכען. ער האָט געזאָגט, אַז זיי באַדאַרפען איהם ניט כדי צו וויסען וואָס זיי דאַרפען טאָן, אַז זיי טוען זייער פליכט, אַז זיי וועלען עס שטענדיג טאָן.

קריסטאָף האָט ערקלעהרט, אַז ער געהט אוועק און וועט מעהר ניט אַריינטרעטען אין זייער הויז. ער איז אָבער ניט אוועקגעגאַנגען איידער ער האָט זיך ניט דער־לייכטערט דורך אַלץ וואָס ער האָט זיי נאָך געהאַט צו זאָ־גען מכח דער גרויסער פליכט, וואָס איז איהם גע־וואָרען ווי אַ בייזער שונא. ער האָט זיי געזאָגט אַז אַט די פליכט קאָן איהם מאַכען ליעב האָבען פאַרדאַרבענ־קייט: אַז אַזעלכע מענשען ווי זיי פיהרען אַראָפּ פון'ם דרך הישר מיט דעם וואָס זיי מאַכען פאַר מיאוס די עהרליכ־קייט; אַז ס'איז זייער שולד, וואָס מען האָט, להיפּוך צו זיי, שטארק הנאה אין דער געזעלשאַפט פון ניט־אַנשטענ־דיגע אָבער פריינדליכע און לעבעדיגע מענשען; אַז מען פאַרשוועכט די פליכט, אַנווענדענדיג איהר אויף אַלץ, אויף יעדע נאַרישע ארבייט, אויף יעדע גלייכגילטיגע האַנדלונג, מיט אַ שטייפער און גאוה'דיגער שטרענגקייט, ביז עס פאַר־פינסטערט און פאַר'סמ'ט דאָס לעבען... די פליכט איז אַן אויסנאַהם־זאַך: מען דאַרף איהר האַלטען פאַר צייטען פון אמת'ען אָפּפער און ניט צודעקען מיט דעם נאָמען די איי־גענע שלעכטע שטימונג און דעם פאַרלאַנג, וואָס מען האָט באַליידיגענדיג אַנדערע. עס האָט ניט קיין זינען דערפאַר, ווייל מען האָט אַליין די נאַרישקייט און גראָבקייט צו זיין

אומעדיג, צו וועלען אז אלע זאלען אזוי זיין, און ארויפ־צווינגען אויף אלע א קראנקהאפטע לעבענס־פיהרונג. די ערשטע מעלה איז פרייד. די טוגענד מוז האבען א גליקליכען אויסזעהן, א פרייען, א ניט־געצוואונגענעם. דער וואס טוט גוטס מוז אליין דערפון הנאה האבען. אבער די אייביג־אנ־געשטעלטע פליכט, די טיראניי פון א ועגווייזער, דער שריי־ענדיגער טאן, די פוסטע וכוכים, דאס פארביטערטע און קינדערישע זיך שפילען מיט ווערטער, דער געטומעל, די גראבקייט, דאס לעבען וואו עס פעהלט יעדער חן, יעדע העפליכקייט, יעדע שטילקייט, דער קליינליכער פעסימיזם וואס לאזט גארנישט דורך פון דעם וואס מאכט דאס לעבען נאך דלות׳דיגער ווי עס איז, די גדלות׳דיגע אומפארשטענ־דעניש, וועלכער עס איז גרינגער צו פאראכטען אנדערע ווי זיי צו פארשטעהן, די גאנצע קליינ־בירגערליכע מאראל, אהן גרויסמוט, אהן גליק, אהן שעהנקייט, דאס אלץ איז העסליך און שעדליך: דאס אלץ מאכט די פארדארבענהייט אויסצוזעהן מעהר מענשליך ווי די טוגענד.

אזוי האט געדענקט קריסטאף, און אין זיין באגעהר־ווען צו טאן די וואס האבען איהם וועה געטאן, האט ער זיך ניט ארומגעזעהען, אז ער איז אזוי אומגערעכט ווי די פון וועלכע ער רעדט.

קיין ספק ניט, אז די אומגליקליכע מענשען זיינען גע־ווען כמעט אזוי ווי ער האט זיי געזעהן. אבער דאס איז ניט געווען זייער שולד: עס איז געווען די שולד פון דעם אומדאנקבאר־מיאוס׳ען לעבען וואס האט געמאכט זייערע פנימ׳ער, זייערע באנעהמונגען, זייערע געדאנקען אומדאנק־באר־מיאוס. זיי זיינען פארקריפעלט געווארען פונ׳ם עלענד — ניט פונ׳ם גרויסען עלענד וואס קומט פלוצלונג, וואס

טויטעט אָדער שמידט אויפ'ם נײַ — נאָר פון די צרות, וואָס קומען נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל: פון דעם קליינעם עלענד וואָס פאַרשפּרייט זיך טראָפּענווייז. פונ'ם ערשטען טאָג אָן ביז'ן לעצטען... אַ! דער גרויסער טרויער! ווארום אונטער זיין צעקנייטשטען צודעק ליגען באַהאַלטען פיעל אוצרות פון עהרליכקייט, פון גוטסקייט, פון שטילער העל־דישקייט!... די גאַנצע קראַפט פון אַ פאָלק, אַלע זאַפטיגע כחות פון דער צוקונפט...

קריסטאף איז ניט געווען אומגערעכט, גלויבענדיג, אז די פליכט איז אן אויסנאמזאך. אבער די ליעבע איז ניט ווע־ניגער אן אויסנאם. אלץ איז אזוי. אלץ וואס האט עפעס א ווערט, האט זיין ערגסטען שונא — ניט איז דאס שלעכ־טע (זינד האבען זייער ווערט), נאר איז דאס געוואוינליכע... דער טויטליכער שונא פון דער נשמה איז דאס טאג־טעגליכע אפנוצען פונ׳ם לעבען.

אדא האט אנגעהויבען מיעד צו ווערען. זי איז ניט גע־ווען גענוג קלוג צו וויסען ווי צו באנייען איהר ליעבע אין אזא רייכער נשמה ווי קריסטאף׳ס. איהרע חושים און איהר נארישע גאוה האבען ארויסגעצויגען פון דער ליעבע דעם גאנצען גענוס וואס זי האט געקאנט געפינען. עס איז איהר בלויז פארבליבען עס צו פארניכטען. זי האט געהאט דעם געהיימען אינסטינקט, ווי פיעלע פרויען, אפילו גוטע, ווי פיעלע מענער, אפילו קלוגע, וואס שאפען ניט קיין ווערק, קיין קינדער, קיין טאט, קיין ארבייט — קיין זאך ניט פונ׳ם לעבען — און האבען דאך צופיעל לעבען צו טראגען און דערליידען, גלייכגילטיג און אנטשלאסען זייער נוצלאזיג־קייט. זיי ווילטען וועלען אז אנדערע זאלען אויך זיין אומ־נוצליך ווי זיי, און זיי טוען דערצו אלץ וואס מעגליך. צו־מאל איז עס געגען זייער אייגענעם ווילען, און ווען זיי דער־פיהלען דעם פארברעכערישען באגעהר, טרייבען זיי איהם אפ צארנדיג. אבער אפט אומארמען זיי איהם; און זיי נעהמען זיך לויט זייערע כחות — אייניגע אויף א באשיידענעם

אופן אין זייער ענג־אינטימען קרייז — אַנדערע אויף א גרויסען שטייגער צווישען די פֿאָלקס־מאַסען — צו פאַרניכ־טען אַלץ וואָס לעבט, אַלץ וואָס האָט ליעב צו לעבען, אַלץ וואָס האָט ווערט צו לעבען. דער קריטיקער וואָס וואַרפט זיך ביטער אויף גרויסע מענשען און גרויסע געדאַנקען און רייסט זיי צו זיך אַרונטער — און די פרוי וואָס האָט הנאה פון'ם ערנידעריגען איהרע ליעבהאָבער, זיינען צוויי בייזע חיות פון דעם זעלבען מין. אבער די צווייטע איז ליעב־ליכער.

אדאַ האָט אַלזאָ געוואָלט פאַרשמוצען אביסעל קריס־טאָף'ן, כדי איהם צו ערנידעריגען. אין אמת'ן איז זי דער־צו ניט געווען גענוג שטאַרק. מען האָט באַדאַרפט האָבען מעהר פאַרשטאַנד אפילו פאַר דעם מיאוסטען מיטעל. זי האָט עס געפיהלט. זי האָט געהאַט א פאַרבאָרגענעם פאַר־דרוס אויף קריסטאָף'ן פאַר וואָס איהר ליעבע קאָן איהם קיין שלעכטס ניט טאָן. זי האָט זיך ניט מודה געווען, אז זי וויל איהם טאָן שלעכטס; זי וואָלט עס איהם אפשר ניט געטאָן, ווען זי וואָלט דאָס געקאָנט. אבער זי האָט באַ־טראַכט פאַר א חוצפה, עס ניט צו קאָנען. מען ליעבט שוואַך א פרוי ווען מען לאָזט איהר ניט די אילוזיע, אז זי האָט א גוטען אָדער שלעכטען איינפֿלוס אויף איהר געליעבטען: און מען טרייבט זי מיט געוואָלט דורך דעם, עס אויסצו־פּרואווען. קריסטאָף האָט ניט אכטונג געגעבען, ווען אדאַ פלעגט פרעגען אין א געלעכטער: וואָלסטו אפּגעלאָזען די מוזיק צוליעב מיר? (כאָטש זי האָט דאָס גאָר ניט גע־וואָלט).

פלעגט ער אָפּען ענטפערען:

— אַה! דאָס, מיין טייערע, ניט דו, ניט קיין אַנדע־

רער, קאנען מיך ניט דערפון אפהאלטען. שפּיעלען וועל איך אלע מאל.“

„און דו זאגסט נאך, אז דו האסט מיך ליעב?“ פלעגט זי מיט פארדרוס אויסשרייען.

זי האט געהאסט זיין מוזיק — נאך מעהר דערפאר וואס זי האט דערפון גארנישט פארשטאנען, און עס איז איהר ניט מעגליך געווען צו געפינען א מיטעל צו טרעפען אט דעם אומזיכטבארען שונא און דערמיט פארוואונדען קריסטאף'ן אין זיין מוזיק־ליעבשאפט. אויב זי האט גע־פּרואווט רעדען דערפון מיט פאראכטונג, אדער אפלאכענ־דיג, מבינות ארויסזאגען וועגען קריסטאף'ס קאמפאזיציעס, פלעגט ער לאכען אויפ'ן קול, און ניט קוקענדיג אויף איה־רעס, פלעגט אדא זיך באשליסען צו שווייגען שטיל: וואָ־רום זי האט פארשטאנען, אז זי איז לעכערליך.

אויב אבער זי האט גארנישט געקאנט טאן אויף דעם אופן, האט זי אויסגעפונען ביי קריסטאף'ן אן אנדער שוואכע זייט וואו עס איז איהר גרינג געווען צו טרעפען: דאס איז געווען זיין מאראלישער געפיהל. טראץ זיין רוגזא אויף די פאגעלס, און טראץ זיין יוגענד־בארוישונג, האט קריסטאף אויפגעהאלטען אן אינסטינקטיווע צניעות, אן אומ־שולד־באדירפעניש, פון וועלכע ער האט ניט געוואוסט, וועל־כע האבען אבער צוערשט געמוזט אדא'ן זיין אויפפאלענד, איהר צוציהען און באצויבערען, דאן אמוזירען, דאן מאכען אומגעדולדיג, דאן אויפרעגען און טרייבען צו שנאה א פרוי ווי אדא. זי פלעגט איהם מיט א יינטערגעדאנק פרעגען:

—„האסטו מיך ליעב?“

„אודאי!“

—„ווי שטארק האסטו מיך ליעב?“

„אויף ווי פיעל מען קאַן ליעב האַבען.“

—„עס איז נישט קיין סך... נו! וואָס וואָלסטו טאַן פאַר מיינעטוועגען?“

„אַלץ וואָס דו ווילסט!“

—„וואָלסטו געטאַן עפּעס אומעהרליכעס?“

„דאָס וואָלט געווען אַ מאָדנע מין ליעבע!“

—„עס איז ניט דאָס! אָבער וואָלסטו עס געטאַן?“

„עס איז קיינמאָל ניט נויטיג.“

—„אָבער, ווען איך זאָל עס וועלען?“

„עס וואָלט געווען ניט רעכט.“

—„אפשר... וואָלסטו עס געטאַן?“

ער האָט איהר געוואָלט קושען, אָבער זי האָט איהם אָפּגעשטופּט.

—„וואָלסטו עס געטאַן, יאָ דער ניין?“

„ניין, ליעבענקע מיינע!“

זי האָט צו איהם אויסגעדרעהט דעם רוקען, שרעקליך אין כעס.

—„דו האָסט מיך ניט ליעב, דו ווייסט ניט וואָס עס הייסט ליעב האָבען.“

„אפשר“ — האָט ער גוטמוטיג געענטפערט.

ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער וואָלט אימשטאַנד געווען, ווי יעדער איינער, צו טאַן אַ נארישקייט, אין אַ מאָמענט פון ליידענשאַפט, עפּעס אומעהרליכעס אפשר און— ווער ווייסט? נאָך מעהר: אָבער עס וואָלט איהם אויסגעזעהן שענדליך זיך צו באַריהמען מיט דעם קאַלטבלוטיג, און געפעהרליך דאָס מודה צו זיין אַדאַ'ן. אַן אינסטינקט האָט איהם געוואָרנט אַז זי, אַט דער ליעבער שונא זיינער, ליגט באַהאַלטען און פאַרנעהמט יעדעס וואָרט זיינס: ער

האט איהר ניט געוואלט געבען קיין וואפען געגען זיך.

זי האט איהם געלאזט איהר נעהמען אין די ארימס. האט איהם געפרעגט:

—„האבטו מיך ליעב, ווייל דו האסט מיך ליעב, אדער ווייל איך האב דיך ליעב?“

„ווייל איך האב דיך ליעב.“

—„אויב אזוי, ווען איך זאל דיך ניט ליעב האבען, וואלסטו מיך אלץ ליעב געהאט?“

„יא!“

—„און ווען איך זאל ליעב האבען אן אנדערען, וואלסטו מיך נאך אלץ ליעב געהאט?“

„א, דאס, דאס ווייס איך ניט... איך גלויב ניט... ווי עס זאל ניט זיין, וואלסטו געווען דער לעצטער מענש וועמען איך וואלט עס דערצעהלט.“

—„וואס וואלט דען געווען אנדערש ווי יעצט?“

„א סך זאכען. איך, אפשר. דו אודאי.“

—„וואס מאכט עס אויס, אויב איך זאל זיין אנדערש?“

„ס'וואלט אין גאנצען אנדערש געווארען. איך האב דיך ליעב ווי דו ביזט. אויב דו ווערסט אן אנדערע, ווייס איך ניט צו איך וועל דיך נאך ליעב האבען.“

—„דו האסט מיך ניט ליעב, האסט מיך ניט ליעב! וואס טויגען די אלע פארדרעהטע רייד? מען האט ליעב, אדער מען האט ניט ליעב. אויב דו האסט מיך ליעב, דארפסטו מיך ליעב האבען ווי איך בין, וואס איך זאל ניט טאן — אלעמאל.“

„דאס וואלט געהייסען דיך ליעב האבען ווי א חיה.“

—„אזוי טאקע וויל איך געליעבט ווערען.“

„אויב אַזוי, האָסטו זיך אָפּגענאַרט, — האָט ער איהר געזאָגט אויף קאַטאָוועס, — איך בין ניט דער, וועמען דו זוכסט. ווען איך זאָל עס אפילו וועלען, וואָלט איך עס אויך ניט געקאָנט זיין. — און איך וויל דאָס ניט.“

—„דו ביסט גאַנץ שטאָלץ מיט דיין פארשטאַנד. דו האָסט דיין פארשטאַנד ליעבער ווי מיך.“

„אָבער, א י ך האָב דיך ליעב, דו אומדאַנקבאַרע איינע, מעהר ווי דו אַליין. איך האָב דיך ליעב וואָס מעהר, גראד ווען דו ביסט בעסער און שעהנער.“

—„דו ביסט אַ שול־לעהרער,“ — האָט זי געזאָגט מיט פאַרדרוס.

„נו, וואָס קאָן מען טאָן. איך האָב ליעב וואָס איז שעהן. דאָס מיאוסע עקעלט מיך אָפּ.“

—„אפילו אין מיר?“

„באַזונדערס אין דיר.“

זי האָט געקלאַפּט צאָרנדיג מיט'ן פוס.

—„איך וויל ניט אָפּגעמאָסטען ווערען.“

„נו, יאָ, קלאָג דיך טאָקע וואָס איך דענק אַזוי וועגען דיך און האָב דיך ליעב.“ — האָט ער צאַרט געזאָגט, ווי איהר צו באַרוהיגען.

זי האָט איהם געלאָזט איהר נעהמען אין די אָרימס. אַ טובה געטאָן מיט אַ שמייכעל און איהם ערלויבט איהר צו קושען. אבער אין אַ ווייל־ע ארום, ווען ער האָט געגלויבט, אַז זי האָט שוין פארגעסען, האָט זי ווידער געפרעגט, אומ־רוהיג:

—„וואָס געפינסטו מיאוס אין מיר?“

ער האָט זיך אָפּגעהאַלטען פון זאָגען און ווי אַ טרוס געענטפערט:

„איך גלייב גאר ניט אזוינס וואס זאל זיין מיאוס."

זי האט זיך פארטראכט א מינוט, געשמייכלט און גע־זאגט:

—„הער נאך א ווײלע, קריסטלי, דו זאגסט, אז דו האסט פיינט א ליגען?"

„איך פאראכט דאס!"

—„דו האסט רעכט, — האט זי געזאגט, — איך פאר־אכט דאס אודאי. יא, איך בין מיר גאנץ רוהיג — איך זאג קיינמאל ניט קיין ליגען."

ער האט איהר אנגעקוקט: זי איז געווען אויפריכטיג. איהר איינפאכקייט האט ביי איהם אוועקגענומען דאס גע־וועהר.

—„אויב אזוי, — האט זי ווייטער געזאגט, ארומנעה־מענדיג זיין האלז מיט איהרע ארימס, — פארוואס וואלסטו אין כעס געווען אויף מיר, ווען איך זאל ליעב האבען אן אנדערען און זאל עס דיר זאגען?"

„א! מוטשע מיך ניט שטענדיג!"

—„איך מוטשע דיך ניט: איך זאג דיר ניט, אז איך האב ליעב אן אנדערען: איך זאג דיר גראד אז ניין... אבער שפעטער, אויב איך זאל ליעב האבען..."

„נו, לאמיר דערפון ניט טראכטען."

—„איך וועל יא דארפען טראכטען... וועסט ניט דער־פאר אין כעס זיין אויף מיר? דו קענסט ניט אין כעס זיין אויף מיר?"

„ניין, איך וועל ניט אין כעס זיין, איך וועל דיך פאר־לאזען — און שווין."

—„מיך פארלאזען? און פארוואס? און ווען איך זאל דיך נאך ליעב האבען?..."

„בעת דו האָסט ליעב אַן אַנדערען?“

—„אודאי... עס מאַכט זיך.“

„נו, דאַס וועט זי ניט מאַכען מיט אונז.“

—„פאַרוואָס?“

„ווייל ווי דו וועסט נאָר ליעב האָבען אַ צווייטען, וועל איך דיך מעהר ניט ליעב האָבען, מיין ליעבענקע, גאָרנישט, גאָרנישט ניט ליעב האָבען“.

—„ערשט האָסטו געזאָגט אפשר... אַ! דו זעהסט דו האָסט מיך ניט ליעב!“

„זאָל זיין אַזוי: עס איז נאָך בעסער פאַר דיר.“

—„ווייל?...“

„ווייל, ווען איך זאָל דיך ליעב האָבען בעת דו האָסט ליעב אַן אַנדערען, וואָלט עס געקאָנט ברייננגען צו אַ מיאוס'ען סוף — פאַר דיר, פאַר מיר און פאַר דעם אַן אַנדערען.“

—„נו... יעצט רעדסטו ווי אַ משוגע'נער. הייסט עס שוין, אַז איך בין פאַראורטיילט צו בלייבען מיט דיר מיין גאַנצען לעבען?“

„זיי רוהיג. דו ביזט פריי. דו וועסט מיך איבערלאָזען ווען דו וועסט וועלען. עס וועט אָבער ניט זיין „צום וויע־דערזעהן“, עס וועט זיין „אַדיע“ אויף אייביג.“

—„און אויב איך האָב דיך נאָך ווייטער ליעב, איך?“

„ווען מען האָט זיך ליעב, איז מען זיך מקריב איינער פאַר'ן אַנדערען.“

„נו גוט, זיין דו דיך מקריב!“

ער האָט זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטען פון לאַכען אי־בער איהר עגאָיזם; און זי האָט אויך געלאַכט.

„ווען איינער אליין איז זיך מקרב — האט ער גע־זאגט — הייסט דאס, אז ער אליין האט ליעב.“

—„ניין, ניין, דאס הייסט אז ביידע האבען זיך ליעב. איך וועל דיך ליעב האבען א סך מעהר ווען דו וועסט דיך מקרב זיין פון מיינעטוועגען. און באטראכט נאר, קריסטלי, ווי שטארק דו אליין וועסט מיך ליעב האבען, ווען דו וועסט דיך מקרב זיין, — דו וועסט זיין זעהר גליקליך.“

זיי האבען געלאכט, צופרידען צו בייטען דעם ערנסטען טאן פון זייער שטרייט.

ער האט געלאכט און אויף איהר געקוקט. אין אמת'ן האט זיך איהר גארנישט געוואלט איהם איבערלאזען. אויב ער האט איהר אפט אויפגערעגט און געלאנגווײלט, האט זי אבער געוואוסט דעם ווערט פון אזא איבערגעבענהייט ווי זיינע; און זי האט דערצו קיין אנדערען ניט ליעב געהאט. עס איז פאר איהר א שפיעל געווען אזוי צו רעדען: טייל־ווייז, ווייל זי האט געוואוסט אז דאס איז איהם ניט אנגע־נעהם, און טייל־ווייז, ווייל זי האט הנאה געהאט זיך צו שפיעלען מיט צווייד־ייטיגע און ניט־ריינע געדאנקען אזוי ווי א קינד וואס איז זיך מחיה צו שפיעלען מיט שמוציג וואסער. ער האט עס געוואוסט און איז ניט געווען אין כעס. אבער ער איז מיעד געווען פון די קרענקליכע געשפרעכען, פון דעם באהאלטענעם קאמף געגען דער אומזיכערער און אומרוהיגער באשעפעניש וואס ער האט געליעבט, וואס האט איהם, אפשר, אויך ליעב געהאט. ער איז מיעד געווען פון דער אנשטרענגונג וואס ער האט געמוזט מאכען כדי זיך צו שאפען איבער איהר אן אילוזיע, מיעד געווען צומאל פון וויינען. ער פלעגט טראכטען: „פארוואס, פארוואס איז זי אזא? ווי מיטעלמעסיג דאס לעבען איז!“... צו דער זעלבער

צייט פלעגט ער שמייכלען קוקענדיג אויף איהר שעהנעם פנים וואָס האָט זיך צו איהם צוגעבויגען, אויף איהרע בלויע אויגען, איהר בלומען־הויטפארב, איהר לאַכענדיג, פלאַפלענדיג און אביסעל נאַריש מויל, וואָס איז געווען האלב אָפען און געוויזען דעם פרישען גלאַנץ פון איהר צונג און פון איהרע פייכטע ציין. זייערע ליפען האָבען זיך כמעט אָנגעריהרט; און ער האָט געקוקט אויף איהר ווי פון וויי־טען, פון זעהר וייט, פון אַן אנדער וועלט; ער האָט איהר געזעהן זיך דערווייטערען אלץ מעהר און מעהר, זיך פאר־לירען אין א טומאַן... און דאַן האָט ער איהר מעהר שויז ניט געזעהן. ער האָט איהר מעהר ניט געהערט. ער איז אריינגעפאַלען אין א מין שמייכלענדיגע פארגעסענהייט. וואו ער האָט געטראַכט פון זיין מוזיק, פון זיינע חלומות, פון טויזענד אנדערע זאַכען וואָס זיינען געווען פרעמד אַדאַ׳ן. ער האָט געהערט א ליעד. ער האָט רוהיג קאָמפּאָ־נירט... אַ, די שעהנע מוזיק!... אזוי אומעטיג, טויט־אומע־טיג! און דאָך אזוי גוט, אזוי ליעבליך... אַ! ווי גוט עס פיהלט זיך אויפ׳ן הארצען!... יאַ, דאָס איז עס, דאָס איז עס... דאָס איבריגע איז ניט אמת.

זי האָט איהם א טרייסעל געטאָן פאר׳ן אָרים: א שטים האָט געשריען:

—„נו, נו, וואָס איז מיט דיר? ביזטו טאַקע משוגע? פארוואס קוקסטו אזוי אויף מיר? פארוואס ענטפערסטו ניט?“

ער האָט נאָך אמאָל געזעהן די זעלבע אויגען וואָס האָ־בען געקוקט אויף איהם. „ווער איז דאָס?... אַ! יאַ...“ — ער האָט אָפּגעזיפצט.

זי האָט איהם באַקוקט. זי האָט געוואָלט וויסען פון

וואס ער האט געטראכט. זי האט ניט פארשטאנען: אבער זי האט געפיהלט, אז וואס זי זאל ניט טאן, קאן זי איהם ניט איינגאנצען צוהאלטען, אז עס איז שטענדיג פאראן א טיר דורך וועלכע ער קאן אנטלויפען. זי איז בסוד דערפון געוועןן אויפגערעגט.

—„פארוואס וויינסטו?“ — האט זי איהם איין מאל געפרעגט, בעת ער איז ארוים פון איינע פון די זאנדערבארע רייזעס דורך אן אנדער לעבען; ער האט פארבייגעפיהרט די האנט איבער די אויגען. ער האט געפיהלט, אז זיי זיי־נען פייכט.

„איך ווייס ניט“ — האט ער געזאגט.

—„פארוואס ענטפערסטו ניט? שוין דריי מאל, אז איך פרעג דיך די זעלבע זאך.“

„וואס ווילסטו?“ — האט ער זיס־שטיל געפרעגט.

און זי האט ווידער אנגעהויבען איהרע מאדנע רייד. ער האט געמאכט א מיעדען זשעסט.

—„יא, איך זאג שוין מעהר גארנישט. נאר איין ווארט!“

און זי האט פון דאס ניי אנגעהויבען.

קריסטאף האט זיך געטרייסעלט פון כעס.

„ווילסטו מיך אפלאזען מיט דיינע שמוציגע דבורים?“

—„איך רעד אויף קאטאוועס.“

„געפין ריינערע ענינים.“

—„רייד, ווענינגסטענס, זאג, פארוואס דאס געפעלט דיר ניט?“

„ניין! עס איז ניטא וואס צו ריידען פאר וואס א הוי־פען מיסט האט א מיאוסען ריח. ער האט אזא ריח און גענוג! איך פארשטאפ די נאז און געה מיר אוועק.“

און ער איז שטאַרק צאַרנדיג אוועקגעגאַנגען: ער האָט אוועקגעשפּרייזט מיט גרויסע טריט, איינאָטעמענדיג די קאַלטע לופט.

אָבער זי פלעגט ווידער אַנהייבען, איין מאָל, צוויי מאָל, צעהן מאָל. זי פלעגט פאַרברייינגען אַלע ענינים וואָס האָבען געקאָנט אויפטרייסלען און וועה טאָן זיין געוויסען.

ער פלעגט טראַכטען, אַז דאָס איז בלויז אַ קרענקלי־כער שפּיעל פון אַ נערווען־שוואַכער פרוי, וואָס האָט הנאה איהם צו פאַרטשעפּען. ער פלעגט הויבען די אַקסלען אויף דעם, אָדער זיך מאַכען, אַז ער הערט ניט: ער האָט איהר ניט גענומען ערנסט. און דאָך האָט זיך איהם צומאָל גע־וואָלט איהר אַרויסוואַרפען דורכ'ן פענסטער: וואָרום נער־ווען־שוואַכקייט און נערווען־שוואַכע זיינען איהם ווייניג וואָס געווען געפעלען...

אָבער עס איז פאַר איהם געווען גענוג זיך צו דערוויי־טערען אויף צעהן מינוט פון איהר, כדי צו פאַרגעסען אַלץ וואָס איז איהם געווען ניט געפעלען. ער פלעגט צוריק קו־מען צו אַדאַ'ן מיט אַ נייעם קוואַל פון האָפענונגען און איי־לוזיעס. ער האָט איהר ליעב געהאַט. די ליעבע איז אַ שטענ־דיג־דווירענדיגער גלויבען. צי גאָט עקזיסטירט אָדער ניט, איז ניט וויכטיג: מען גלויבט, ווייל מען גלויבט: מען ליעבט, ווייל מען ליעבט: מען דאַרף דערצו ניט האָבען קיין אויסרעכנונגען!...

נאָך דער סצענע, וואָס קריסטאָף האָט אָפּגעשפּיעלט די פּאַגעלס, איז איהם אוממעגליך געוואָרען צו פאַרבלייבען אין זעלבען הויז, און לואיזע האָט געמוזט זוכען אַן אַנדער דירה פאַר איהר זוהן און פאַר זיך.

אין אַ געוויסען טאָג איז קריסטאָף'ס יונגסטער ברו־דער, ערנעסט, פון וועמען זיי האָבען שוין אַ לאַנגע צייט ניט געהאַט קיין נייעס, פּלוצלונג אַריינגעפאַלען צו זיי. ער האָט ניט געהאַט קיין שטעל, ווייל מען האָט איהם אָפּגע־זאָגט פון אומעטום, וואו ער האָט געאַרבייט; זיין בייטעל איז געווען לעדיג און דאָס געזונט געבראָכען; דערפאַר האָט ער זיך באַרעכענט צו קומען אין דער מאַמעס הויז אַריין, כדי דאָרט זיך ווידער צו שטעלען אויף די פיס.

ערנעסט איז ניט צוקריגט געווען מיט קיינעם פון זיינע צוויי ברידער; זיי האָבען פאַר איהם ביידע געהאַט ווייניג וואָס דרך ארץ, און ער האָט עס געוואוסט; אָבער ער איז אויף זיי ניט געווען אין כעס, ווייל עס איז איהם געווען גלייכגילטיג. זיי זיינען אויף איהם אויך ניט געווען ברוגז. עס וואָלט געווען אַן אומזיסטע מיה. אַלץ וואָס מען האָט איהם געזאָגט האָט זיך פון איהם אַראָפּגעגליטשט און ניט איבערגעלאָזען קיין שפּור. ער פלעגט שמייכלען מיט זיינע לאַשטשענדע אויגען, אָנשטעלען אַ מינע פון אַ בעל־תשובה, האָט געטראַכט פון עפּעס אַנדערש, צוגעשאָקעלט, געדאַנקט, און סוף כל סוף אויסגעפּרעסט אביסעל געלט פון איינעם אָדער דעם אַנדערען פון זיינע ברידער. געגען זיין אייגענעם

ווילען, האט קריסטאף האלט געהאט אט דעם גוטמוטיגען לײדאק, וועמעס פנים איז עהנליך געווען, ווי זיינס, מעהר ווי זיינס, צו זייער פאטער'ס מעלכיאר. ער איז געווען הויך און שטארק ווי קריסטאף, האט געהאט רעגעלמעסיגע געזיכטסצוגען, אן אפענעם אויסדרוק, קלארע אויגען, א גלייכע נאז, א לאכענדיג מויל, שעהנע ציין און לאשטשענדיגע מאניערען. ווען קריסטאף פלעגט איהם זעהן, פלעגט ער פארלירען דעם כעס און איהם ניט מאכען א העלפט פון די פארוואורפען וואס ער האט געהאט צוגעגרייט: אין הארצען האט ער געהאט א מין מוטערליך געפיהל צו דעם שעהנעם בחור, וואס איז געווען פון זיין אייגען בלוט און האט איהם, פיזיש ווענינגסטענס, פארשאפט כבוד. ער האט איהם ניט געהאלטען פאר שלעכט; און ערנעסט איז ניט געווען קיין נאר. כאטש אהן בילדונג, האט איהם דאך ניט געפעהלט קיין שכל; ער האט זיך אפילו געקאנט אינטערסירען מיט גייסיטגע זאכען. ער האט גרויס הנאה געהאט הערענדיג מוזיק; און כאטש ער האט ניט פארשטאנען זיין ברודער'ס מוזיק, האט ער זיך נייגעריג צוגעהערט. קריסטאף, וואס איז ניט געווען פארצויגען מיט ליעבשאפט פון זיין משפחה, האט געהאט פארגעניגען איהם דערזעהענדיג ביי געוויסע קאנצערטען זיינע.

אבער ערנעסט'ס הויפט טאלאנט איז געווען צו פארשטעהן דעם כאראקטער פון ביידע ברידער און קונציג אויף דעם צו שפיעלען. קריסטאף האט געמעגט וויסען פון זיין עגאיזם, פון זיין גלייכגילטיגקייט; ער האט געמעגט זעהן אז ערנעסט טראכט נאר פון זיין מאמען, און פון איהם ווען ער האט זיי נויטיג. פונדעסטוועגען האט ער זיך דאך געלאזט פארנארען פון זיינע ליעבליכע מאניערען, און

איהם זעלטען ווען עפּעס וואָס אָפּגעזאָגט. ער האָט איהם א סך האַלטער געהאַט ווי דעם אַנדערען ברודער, רודאָלף, וואָס איז געווען גענצט און פּינקטליך, פּאַרטאַן אין זיינע געשעפטען, שטאַרק מאָראַליש, וואָס האָט ניט פאַרלאַנגט קיין געלט, און וואָלט אויך ניט געגעבען, און וואָס פלעגט קומען זעהן זיין מאַמע'ן רעגעלמעסיג, יעדען זונטאג, אויף א שעה, ניט ריידענדיג פון קיינעם א חוץ פון זיך, און לויבענדיג זיך, זיין געשעפט און אַלץ וואָס איז שייך איהם און זיך ניט נאָכפרעגען אויף אַנדערע, זיך מיט דעם ניט אינטערעסירען, און אוועקגעהן ווען דער זייגער פלעגט קלינגען, צופרידען מיט זיין אָפּגעטוענער פליכט. יענעם האָט קריסטאָף ניט געקאָנט פאַרליידען. ער פלעגט מאַכען אזוי, ניט צו זיין אין דער היים אין דער שעה וואָס רודאָלף פלעגט קומען. רודאָלף האָט געפיהלט קנאה צו איהם: ער האָט פאַראַכטעט קינסטלער; קריסטאָף'ס ערפאָלגען זיינען איהם געווען שמערצליך, און דאָך האָט ער זיך באַמיהט אויסצונוצען קריסטאָף'ס ערפאָלג אין די הענדלערישע קרייזען וואו ער איז געקומען: קיינמאָל האָט ער אָבער וועגען דעם א וואָרט ניט געזאָגט צו זיין מאַמע'ן אָדער צו קריסטאָף'ן: ער האָט זיך כלומרשט געמאַכט אזוי ווי ער וויים גאָרנישט. פאַרקעהרט אבער, פלעגט ער שטענדיג ווייסען די מינדסטע אומאַנגענעהמע זאַך וואָס פלעגט פאַרקומען ביי קריסטאָף'ן. קריסטאָף פלעגט פאַראַכטען די קלייניגקייטען, און זיך מאַכען ווי ער באַמערקט זיי ניט; אבער עס וואָלט איהם אמת וועה געטאָן צו וויסען — און ער האָט פון דעם קיינמאָל ניט געטראַכט — אז א טייל פון די בייזוויליגע ידיעות וואָס רודאָלף האָט איבער איהם געהאָט, קומען פון ערנעסט'ן. דער קליינער לומפּ האָט גוט

פאַרשטאַנען דעם אונטערשייד צווישען קריסטאָף'ן און רודאָלף'ן: קיין ספק ניט, אַז ער האָט אַנערקענט, אַז קריסטאָף שטעהט העכער, און ער האָט אפשר געהאט סימפּאַטיע, אַ ביסעל אַן איראָנישע, מיט זיין אויפריכטיגקייט. אָבער ער האָט גוט אַכטונג געגעבען דערפון צו פּראָפיטירען: און כאָטש ער האָט פאַראַכטעט רודאָלף'ס מיאוסע געפיהלען, האָט ער זיי שענדליך אויסגענוצט. ער פלעגט חנפ'ענען זיין פּוסטע גאוה, זיין קנאה, מיט דרך־ארץ אָנעהמען זיינע פאַרוואָרפען און פון צייט צו צייט דערצעהלען אַלע סקאַנדאַל־מעשה'לעך פון שטאָט און באַזונדערס אַלץ בנוגע קריסטאָף'ן — וואָס ער האָט תמיד מערקווירדיג גוט געוואוסט. אַזוי פלעגט ער דערגרייכען זיין צוועק: און רודאָלף, ניט קוקענדיג אויף זיין קאַרגשאַפט, פלעגט זיך לאָזען אָפּשערען פון ערענסטען גראַד ווי קריסטאָף.

אַזוי פלעגט ערנעסט זיך לאָזען וואויל געהן און אָפּלאַכען פון ביידע גלייך. און ביידע טאַקע האָבען איהם ליעב געהאַט.

ניט קוקענדיג אויף אלע זיינע שווינדלערישע קונצען, איז ערנעסט געווען אין א קלעגליכען מצב, ווען ער איז ערשינען פאר זיין מאמען. ער איז נאר וואס געקומען פון מינכען, וואו ער האט געפונען און, ווי געוועהנליך, באלד פארלארען זיין לעצטע שטעל. ער האט געמוזט צופוס מאכען דעם גרעסטען טייל פון'ם מהלך, דורך גרויסע שלאגס־רעגענס און איז געשלאפען גאט וויים וואו. ער איז געווען באדעקט מיט בלאטע, אפגעריסען, עהנליך צו א בעטלער און האט רחמנות'דיג געהוסט: ווארום ער האט, אויפ'ן וועג, געקראגען א שווערען בראנכיט. לואיזע איז מבולבל געווארען און קריסטאף איז א דערשראקענער צו איהם צוגעלאפען, ווען זיי האבען איהם געזעהן אריינקומענדיג. ערנעסט, וואס האט גרינג געקאנט וויינען, האט ניט פארפעהלט אויסצונוצען דעם איינדרוק. אלע זיינען געריהרט געווארען און אלע דריי האבען געוויינט איינער אין דעם אנדערנ'ס ארימס.

קריסטאף האט אפגעגעבען זיין צימער: מען האט אנגעווארמט דאס בעט און געלעגט דעם קראנקען, וואס האט אויסגעוויזען ווי ער וואלט האלטעןביים אויסאטעמען די נשמה. לואיזע און קריסטאף האבען זיך אוועקגעזעצט צוקאפענס און פארבליבען, איינער נאכ'ן אנדערען, נעבען איהם. מען האט געדארפט א דאקטאר, מעדיצינען, א גוטען פייער אין צימער און באזונדערע שפייז.

מען האט נאכדעם געדארפט טראכטען איהם צו באקליידען פון קאפ ביז די פיס: וועש, שיך, קליידער, אלע

ניי. ערנעסט האָט זיך אויף זיי פאַרלאָזט. לואיזע און קריסטאָף האָבען זיך געבלוטיגט ארויסצוקוועטשען פון זיך אויף די אַלע הוצאות. זיי זיינען גראָד געווען שטאַרק געענגט צו יענער צייט: דאָס אריבערציהען אין א טייערערע דירה, כאָטש ניט קיין באַקוועמערע. קריסטאָף'ס וועניגערע שטונדען, און נאָך אנדערע הוצאות. זיי זיינען קוים אויסגעקומען. זיי האָבען זיך גענומען צו די לעצטע מיטלען. קריסטאָף האָט געקאָנט, אָהן צווייפעל, זיך ווענדען צו רודאָלף'ן, וואָס איז געווען אין א בעסערער לאַגע צו העלפען ערנעסט'ן: אָבער ער האָט ניט געוואָלט. עס איז ביי איהם געווען אַ עהרען-געפיהל אליין צו העלפען זיין ברודער. ער האָט דאָס געהאַלטען פאַר א חוב, אלס עלטערער ברודער — און ווייל ער איז געווען קריסטאָף. רויט ווערענדיג פון שאַנד, האָט ער אַלזאָ געמוזט אויפזוכען און אַנעהמען אַ אַנבאָט וואָס ער האָט צאָרנדיג צוריקגעוויזען מיט צוויי וואָכען פריהער, — א פאַרשלאַג, דורך אַ פאַרמיטלער, פון אַ רייכען אומבאַקאַנטען אמאַטאָר וואָס האָט געוואָלט קויפען א מוזיקאַליש ווערק און עס פאַרעפענטליכען אונטער זיין נאָמען. לואיזע האָט זיך פאַרדונגען אויפ'ן טאָג צו פאַריכטען וועש. זיי האָבען זייערע קרבנות באַהאַלטען איינער פונ'ם אנדערען: זיי האָבען ליגען געזאָגט וועגען דאָס געלט וואָס זיי האָבען אַהיים געבראַכט.

ווען ערנעסט האָט אָנגעהויבען געזונט צו ווערען און פלעגט זיצען איינגעוויקעלט ביים פייער, האָט ער איינמאָל נאָך אן אָנפאַל פון הוסט מודה געווען, אז ער האָט א פאָר חובות — מען האָט זיי באַצאָהלט. קיינער האָט איהם ניט געמאַכט קיין פאַרוואורפען. דאָס וואָלט ניט געווען גרויסמוטיג צו א קראַנקען, צו א זוהן, אַן אויסברייִנגער, וואָס

איז ווי א בעל־תשובה אהיימגעקומען. און עס האט אויס־געוויזען ווי ערנעסט וואלט זיך גאר געענדערט דורך די צרות און פון דער קראנקהייט. ער פלעגט רעדען מיט א וויינענדיגער שטים פון זיינע פריהעריגע מעשים; און לו־איזע פלעגט איהם קושענדיג בעטען מעהר דערפון ניט צו טראכטען. ער איז געווען ליעבליך: ער האט אלעמאל גע־וואוסט ווי צו פאר'כשופ'ען זיין מאמען מיט שטארק־ארויסגעוויזענער צערטליכקייט. — קריסטאף איז אמאל פריהער וועגען דעם געווען אייפערזיכטיג. יעצט האט ער געהאלטען פאר נאטירליך, אז דער יונגסטער און שוואכס־טער זוהן, זאל אויך זיין דער באליעבטעסטער. ער אליין, כאטש עס איז געווען צווישען זיי א קליינער אונטערשייד אין יאהרען, האט איהם כמעט מעהר באטראכט פאר א זוהן, איידער פאר א ברודער. ערנעסט האט איהם ארויסגעווי־זען גרויס דרך ארץ; ער פלעגט צומאל אנווייזען אויף דעם יאך וואס ליגט אויף קריסטאף'ן, אויף די געלט־הוצאות; אבער קריסטאף פלעגט איהם ניט לאזען ווייטער רעדען און ערנעסט פלעגט עס שטיל אפשאצען מיט אן עניות'דיגען און צערטליכען בליק. ער פלעגט מסכים זיין צו קריסטאף'ס עצות; עס האט אויסגעוויזען אז ער האט בדעה צו ענדערען דאס אמאליגע לעבען און זיך צו נעהמען ערנסט ארבייטען אזוי שנעל ווי ער וועט רעכט געזונט ווערען.

ער האט זיך געבעסערט; אבער דאס געזונט ווערען האט געדויערט לאנג. דער דאקטאר האט דערקלעהרט, אז זיין געזונט, וואס ער האט אונטערגעגראבען, מוז ווערען גוט אויפגעפאסט. ער איז אלזא ווייטער פארבליבען ביי זיין מא־מען; געטיילט זיך מיט קריסטאף'ס בעט, געגעסען מיט א גוטען אפעטיט דאס ברויט וואס זיין ברודער האט פאר־

דיענט און די פיינע מאכלים וואָס לואיזע האָט זיך די מיה גענומען איהם צוצוגרייטען. ער האָט גאָר ניט געדערט וועגען אוועקגעהן. לואיזע און קריסטאָף האָבען מיט איהם אויך ניט גערעדט וועגען דעם. זיי האָבען זיך געפיהלט צו גליקליך וואָס זיי האָבען ווידער געפונען דעם באַליעבטען זוהן און ברודער.

ביסלעכווייז, אין די לאַנגע אָבענטען וואָס ער פלעגט פאַרברייגגען מיט ערנעסט'ן, האָט קריסטאָף אָנגעהויבען צו רעדען מיט איהם אויף א מעהר אינטימען שטייגער. ער האָט געפיהלט דאָס באַדערפעניש זיך צו פאַרטרויען עמי־צען. ערנעסט איז געווען קלוג. ער האָט געהאַט א שאַרפען פאַרשטאַנד און פאַרשטאַנען — אָדער האָט אויסגעזעהען צו פאַרשטעהן — מיט'ן האַלבען וואָרט. ס'איז אָנגענעהם גע־ווען מיט איהם צו רעדען. דאָך האָט קריסטאָף גאָרנישט גע־וואָגט צו זאָגען וועגען דעם וואָס איז איהם אזוי טיעף גע־לעגען אין האַרצען: וועגען זיין ליעבע. א מין צניעות האָט איהם צוריקגעהאַלטען. ערנעסט, וואָס האָט אַלץ געוואוסט, האָט איהם גאָרנישט אַרויסגעוויזען.

אין א געוויסען טאָג האָט ערנעסט, וואָס איז שוין געשטאַנען פעסט אויף די פיס, אויסגענוצט דעם זוניגען נאָכמיטאָג פאַר א שפּאַציר ביים ריין. פאַרבייגעהענדיג א ליאַרמדיגע גאַסט־הויז, א ביסעל אַרויס פון שטאָט, וואו מ'פלעגט קומען זונטאָג טאַנצען און טרינקען, האָט ער דער־זעהן ווי קריסטאָף, אַדאַ און מירא זיצען ביי א טיש און מאַכען א גרויסען טומעל. קריסטאָף האָט איהם אויך גע־זעהן און איז רויט געוואָרען. ערנעסט האָט געשפּיעלט די ראָלע פון'ם עדעל־פאַרזיכטיגען מענשען און איז פאַרביי־געגאַנגען ניט צוקומענדיג.

קריסטאף האט זיך געפיהלט שטארק פארשעמט דורך דער באנעגניש: ס'האט איהם בעסער געמאכט פארשטעהן איז וואס פאר א געזעלשאפט ער געפינט זיך: און ס'איז איהם אומאנגענעהם געווען וואס זיין ברודער האט איהם דארט געזעהן. ניט נאר ווייל ער האט דערמיט אויף ווייטער פאר־לארען דאס רעכט א דעה צו זאגען איבער ערנעסט'ס אויפ־פיהרונג, נאר אויך ווייל ער האט געהאט וועגען זיינע פליכ־טען אלס עלטערער ברודער א זעהר הויכען, א נאיווען, עט־וואס אלטען באגריף וואס וואלט אויסגעזעהן לעכערליך פאר א סך מענשען. ער האט גערענקט אז פארפעהלענדיג זיינע פליכטען, ווי איצט, דערנידעריגט ער זיך אין זיינע אייגענע אויגען.

אין אבענט, ווען זיי זיינען זיך ווידער צוזאמענ־געקומען אין צימער, האט ער געווארט אז ערנעסט זאל גע־בען עפעס אן אנצוהערעניש אויף דאס געשעהנע. ערנעסט האט פארזיכטיג געשוויגען און אויך געווארט. נאר בעת'ן אויסטאן זיך האט קריסטאף זיך באשלאסען צו רעדען וועגען זיין ליעבע. ער איז געווען אזוי צורודערט, אז ער האט ניט געוואגט צו קוקען אויף ערנעסט'ן: און פון שעמעודיג־קייט האט ער כלומרשט גערעדט מיט א הארט־שטרענגלי־כען טאן. ערנעסט האט איהם ניט אונטערגעהאלפען, איז געבליבען שטיל, האט אויף איהם אפילו ניט געקוקט — און דאך איהם געזעהן: ער האט אויך ניט פארזעהן דאס קאמישע אין קריסטאף'ס אומגעלומפערטער האלטונג און אין זיינע אומגעשיקטע רייד. קריסטאף האט קוים געוואגט צו דערמאנען אדא'ס נאמען און דאס בילד וואס ער האט פון איהר געגעבען, האט זיך געקאנט צופאסען צו יעדער געליעבטער. אבער ער האט גערעדט וועגען זיין ליעבע ·

דער שטראָם פון צערטליכקייט מיט וועלכען זיין הארץ איז געוועז פול, האָט איהם, בּיסלעכווייז, מיטגעריסען. ער האָט איהם דערצעהלט ס'אַר א גליק ס'איז צו ליעבען, ווי עלענד ער איז געוועז איידער ער האָט באגעגענט דאָס ליכט אין דער פינסטערניש, און ווי דאָס לעבען איז גאָרנישט אָהן א הארציגער און טיפער ליעבע. דער אנדערער האָט זיך זעהר ערנסט צוגעהערט, טאַקטפול געענטפערט און ניט געענטפערט און ניט געפרעגט קיין פראגע; אבער א הארציג־געפיהלפולער האנט־דרוק האָט געוויזען, אז ער פיהלט אזוי ווי קריסטאָף. זיי האָבען אויסגעטוישט זייערע געדאנקען איבער ליעבע און לעבען. קריסטאָף איז געוועזן גליקליך וואָס ער פאַרשטעהט אזוי גוט, זיי האָבען זיך ברידערליך געקושט פאַר'ן אנטשלאָפען ווערען.

קריסטאָף האָט זיך צוגעוואוינט, כאָטש אלעמאָל אויף א שעמעדיגען און איינגעהאַלטענעם שטייגער, צו פאַרטרויען זיין ליעבע ערנעסט'ען. ווענעם איידעלע האלטונג האָט איהם ערמוטיגט. ער האָט איהם דערצעהלט זיין אומרוהיגקייט וועגען אדא'ן; ער האָט זי אבער ניט באשולדיגט; ער האָט זיך אליין באשולדיגט. מיט טרערען אין די אויגען פלעגט ער איהם דערקלעהרען, אז ער וואָלט ניט געקאָנט לעבען ווען ער זאָל זי פאַרלירען.

ער האָט ניט פאַרגעסען צו רעדען וועגען ערנעסט'ן צו אדא'ן; ער האָט געלויבט זיין פאַרשטאַנד און שעהנקייט.

ערנעסט האָט קריסטאָף'ן ניט געבעטען פאַרגעשטעלט צו ווערען צו אדא'ן; ער פלעגט זיך אבער מעלאַנכאָליש אפּזונדערען אין זיין צימער און ניט געוואָלט ארויסגעהן זאָגענדיג אז ער קאָן קיינעם ניט. קריסטאָף פלעגט האָבען געוויסענסביסען וואָס ער פאָהרט יעדען זונטאג ארויס פון

שטאט מיט אדא'ן, אין דער צייט וואס זיין ברודער בלייבט אין דער היים. ס'איז איהם דאך געווען אומאנגענעהם ניט צו זיין אליין מיט זיין געליעבטער; ער האט זיך אבער באַשולדיגט אין עגאיזם און פארגעשלאגען ערנעסט'ן מיטצוקומען מיט זיי.

די באקאנטשאפט צווישען זיי איז געמאכט געווארען פאר אדא'ס טיר, נעבען די טרעפ. ערנעסט און אדא האבען זיך פארמאל פארנייגט. אדא איז ארויסגעקומען מיט איהר שטענדיגער באגלייטערין, מירא, וואס האט, דערזעהענדיג ערנעסט'ן, געגעבען א לייכטען געשריי פון איבערראשונג. ערנעסט האט געשמייכעלט, איז צוגעקומען און געקושט מיראַ'ן, וואס האט, ווי עס האט אויסגעזעהן, דאס באטראכט פאר גאנץ נאטירליך.

—„וואס, איהר קענט זיך?“ — האט קריסטאף געפרעגט, אנטוישט.

— אודאי! — האט מירא געזאגט, לאכענדיג.

—„זייט ווען?“

„אה! שוין א לאנגע צייט!“

—„און דו האסט עס געוואוסט?“ — האט קריסטאף געפרעגט אדא'ן, — „פארוואס האסטו עס מיר ניט דערצעהלט?“

„דו דענקסט באמת, אז איך קען מירא'ס אלע געליעבטע!“ — האט אדא געזאגט הויבענדיג די אקסלען.

מירא האט זיך אפגעשטעלט אויפ'ן ווארט אלע, און איז כלומרשט אויף קאטאוועס ברוגז געווארען. מעהר האט קריסטאף ניט געקאנט אויסגעפינען. ער איז געווארען אומעטיג. ס'האט זיך איהם אויסגעדוכט, אז ערנעסט, מירא און אדא זיינען ניט געווען גענוג אפענהערציג, כאטש באמת

האָט ער זיי ניט געקאָנט אויפוואַרפען קיין ליגען. ס'איז איהם אָבער שווער געווען צו גלויבען, אַז מירא וואָס האָט אַלץ דערצעהלט אַדאַ'ן, זאָל דאָס געווען האַלטען בסוד און אַז ערנעסט און אַדאַ האָבען זיך ניט געקענט פון פריהער. ער האָט זיי נאָכגעקוקט. זיי האָבען אבער בלויז זיך איבערגעוואַרפען מיט אַ פּאָר געוועהנליכע ווערטער, און ערנעסט האָט זיך ווייטער נאָר אָפּגעגעבען מיט מירא'ן. אַדאַ, פאַרקעהרט, האָט נאָר גערעדט מיט קריסטאָף'ן: זי איז געווען פיעל ליעבליכער צו איהם ווי געוועהנליך.

זייט דעמאָלסט איז ערנעסט מיט זיי אומעטום מיטגעגאַנגען. קריסטאָף וואָלט זיך אַן איהם בעסער באַגאַנגען. ער האָט אבער ניט געוואַגט דאָס צו זאָגען. ער האָט ניט געהאַט קיין אַנדער אורזאַך איהם צו דערווייטערען, ווי די בושה איהם צו האָבען אַלס לוסטיגען חבר. ער האָט ניט געהאַט קיין חשד. ערנעסט האָט איהם דערצו ניט געגעבען קיין גרונד. ער האָט אויסגעזעהן פאַרליעבט אין מירא'ן. האָט זיך צו אַדאַ'ן פאַרהאַלטען מיט גרויס העפליכקייט, מיט אַ צו גרויסער העפליכקייט וואָס איז כמעט געווען ווי איבעריג: ס'האָט אויסגעוויזען אַזוי ווי ער וואָלט וועלען ארויסצייגען זיין ברודער'ס געליעבטע אַ ביסעל פון דעם דרך ארץ וואָס ער האָט געהאַט פאַר איהם אַליין. אַדאַ'ן האָט דאָס ניט געוואונדערט: זי איז פונדעסטוועגען געווען גאַנץ פאַרזיכטיג.

זיי פלעגען אַלע דריי ארויסגעהן ווייט פון דער שטאָט. די צוויי ברידער פלעגען געהן פאָראויס: אַדאַ און מירא, לאַכענדיג און שעפּטשענדיג, פלעגען נאָכגעהן אַ פּאָר טריט הינטער זיי. זיי פלעגען זיך לאַנג אָפּשטעלען אין מיטען וועג, זיך דורכרעדען. קריסטאָף און ערנעסט פלעגען זיך

אויך אפשטעלען און ווארטען אויף זיי. קריסטאף פלעגט שנעל אומגעדולדיג ווערען און ווייטער געהן: באלד פלעגט ער זיך אבער פארדרוסיג אומדרעהען, הערענדיג ווי ערנעסט לאכט און רעדט מיט די צוויי פלוידערקעס. עס פלעגט זיך איהם ווילען וויסען וואס זיי זאגען; ווי זיי פלעגען אבער צו איהם צוקומען, פלעגט זיך דער געשפרעך אפשטעלען.

—„וואס פאר קאנספיראציעס מאכט איהר דאס אלע מאל צוזאמען?“ — פלעגט ער פרעגען.

זיי פלעגען ענטפערען מיט א שפאס. זיי האבען זיך אלע דריי איינפארשטאנען ווי שווינדלערס אויפ'ן מארק.

קריסטאף האט געהאט א שארפען קריג מיט אדא'ן. זיי זיינען געווען פארבייזט זייט'ן פריהמארגען. דעם מאל האט אדא ניט געהאט די שטאלצע און באליידיגטע האל־טונג וואס זי פלעגט געוועהנליך אנעהמען אין אזא פאל. כדי דורך אן אומערטרעגליכער לאנגווייליגקייט, זיך נוקם צו זיין. איצט האט זי זיך פשוט געמאכט ניט וויסענדיג, אז קריסטאף עקזיסטירט און זיך געפיהלט אויסגעצייכענט מיט די אנדערע צוויי קאמפאניאנען. ס'האט אויסגעזעהן, אז אין הארצען ארט זי ניט דער גאנצער רוגז.

קריסטאף'ן, פארקעהרט, האט זיך שטארק געוואלט מאכען שלום; ער איז געווען מעהר פארליעבט ווי שטענ־דיג. צו זיין צערטליכקייט איז צוגעקומען א געפיהל פון דאנקבארקייט פאר אל דאס גוטע און שעהנע וואס זייער ליעבע האט איהם געבראכט און א פארדרוס וואס זיי פאר־שווענדען די צייט מיט נארישע קריגערייען און בייזע מחשבות — און אויך די אומבארעכענטע מורא, דער גע־היימער געדאנק אז מיט זייער ליעבע האלט עס ביים סוף. ער האט מעלאנכאליש געקוקט אויף אדא'ס שעהן געזיכט,

בעת זי האָט אַלץ געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי זעהט איהם גאָרנישט און געלאַכט מיט די אַנדערע. איהר געזיכט האָט אין איהם ערוועקט אַזוי פיעל זיסע ערינערונגען פון טיעפער ליעבע, פון אויפריכטיגער נאָהענטקייט — דאָס באַ'חנ'טע געזיכט האָט אפילו אויסגעדריקט צייטענווייז — און גראַד אין דער מינוט — אַזוי פיעל גוטסקייט, האָט געהאַט אַזאַ אומשולדיגען שמייכעל, אַז קריסטאָף האָט זיך געפרעגט: פאַרוואָס זיי קומען ניט בעסער אויס? פאַרוואָס זיי פאַר־שטערען, ווי אומיסנע, זייער גליק? פאַרוואָס זי וויל דוקא פאַרגעסען די ליכטיגע מאָמענטען, אפלייקענען אדער באַ־קעמפען דאָס גוטע און עהרליכע אין איהר? — וואָס פאַר א מאָדנע צופרידענהייט קאָן זי האָבען פון שטערען, פון באַ־שמוצען, אפילו נאָר אין דער מחשבה, די ריינקייט פון זייער ליעבשאַפט? ער האָט אין זיך געפיהלט א גרויסע באַדער־פעניש צו גלויבען אין דעם וואָס ער ליעבט, און ער האָט נאָך אמאָל געפרואווט זיך שאַפען אַן אילוזיע. ער האָט זיך פאַרגעוואָרפען אַז ער איז אומגערעכט. ער האָט חרטה גע־האַט אויף די געדאַנקען וואָס ער רעכענט איהר צו און אויף זיין האַרט־האַרציגקייט.

ער האָט זיך דערנעהענטערט צו איהר און געפרואווט מיט איהר ריידען; זי האָט איהם געענטפערט א פּאָר טרוי־קענע ווערטער: זי האָט קיין פאַרלאַנג ניט געהאַט זיך אי־בערצובעטען מיט איהם. ער איז צוגעשטאַנען; ער האָט זי געבעטען אין אויער, אויף א רגע איהם צוצוהערען גאַנץ אַליין. זי איז מיט פאַרדרוס איהם נאָכגעגאַנגען. ווען זיי זיינען א פּאָר טריט אַוועק און ניט מירא און ניט ערנעסט האָבען זיי געקאָנט זעהן, האָט ער זי פלוצלונג אָנגענומען פאַר די הענט, זי געבעטען זי זאָל איהם מוחל זיין, און פאַר

איהר געקניהט, אין וואלד, אין מיטען די פארוויאנעטע בלע־טער, ער האט איהר געזאגט, אז ער קאן מעהר ניט לעבען אזוי, זייענדיג ברוגז מיט איהר; אז ער קאן ניט הנאה האבען פונ'ם שפאציער, פונ'ם שעהנעם טאג, אז ער קאן פון גארנישט הנאה האבען, ניט אטעמען אפילו, וויסענדיג, אז זי האסט איהם; אז ער מוז האבען איהר ליעבע. יא, ער איז אפט אומגערעכט, צארנדיג, שלעכט, פארדרוסיג; ער בעט זי אבער זי זאל איהם מוחל זיין; אין דעם איז שולדיג טאקע זיין ליעבע; אז ער קאן ניט פארטראגען קיין מיטעלמע־סיגקייט אין איהר, קיין זאך וואס איז ניט ווירדיג פאר איהר און וואס פארמיאוסט די ערינערונגען אן זייער ליעבער פארגאנגענהייט. ער האט איהר אן דעם דערמאנט, ער האט איהר דערמאנט זייער ערשטע באגעגניש, זייערע ערשטע טעג צוזאמען. ער האט איהר געזאגט, אז ער האט זי אלץ אזוי ליעב; אז ער וועט זי שטענדיג ליעב האבען. זאל זי זיך ניט דערווייטערען פון איהם! זי איז אלץ פאר איהם...

אדא האט איהם צוגעהערט, שמייכלענדיג, אומרוהיג, כמעט געריהרט. זי האט אויף איהם געקוקט מיט איהרע גוטע אויגען — די אויגען וואס זאגען, אז מ'האט זיך ליעב און מ'איז מעהר ניט אין כעס. זיי האבען זיך געקושט, און געגאנגען צוגעטוליעט איינער צום אנדערען, אין דעם אנט־בלויזטען וואלד. קריסטאף האט איהר אויסגעוויזען זעהר גוט און זי איז איהם דאנקבאר געווען פאר זיינע צערטליכע רייד; זי האט אבער ניט אויפגעגעבען די מיאוס־שלעכטע קאפריזען וואס זי האט געהאט אין קאפ. עפעס האט זי זיך געקוויינקעלט, און שוין ניט אזוי געהאלטען פון זיי. דאך, האט זי אויסגעפיהרט וואס זי האט געפלאנט. פארוואס? ווער קאן עס זאגען? ווייל זי האט זיך, פריהער, דאס ווארט

געגעבען, אַז זי וועט עס טאָן?... ווער ווייסט? ס'האָט איהר אפשר אויסגעזעהן מעהר פיקאַנט צו פאַראַטען איהר געליעבטען, גראַד דעם טאָג, כדי איהם צו באַווייזען, כדי זיך אַליין צו דערווייזען אַז זי איז פריי. זי האָט ניט געטראַכט איהם צו פאַרלירען: זי האָט דאָס ניט געוואָלט. זי האָט זיך געפיהלט מיט איהם זיכערער ווי אַלעמאָל.

זיי זיינען צוגעקומען אין וואַלד צו אַן אָרט אַהן בוימער. צוויי שטעשקעס זיינען פון דאָרט געגאַנגען. קריסטאָף האָט גענומען איינע. ערנעסט האָט גע'טענה'ט, אַז מיט דער אַנדערער קומט מען גיכער אָן צום שפּיץ בערגעל, וואו זיי האָבען געוואָלט געהען. אַדאָ האָט זיך געהאַלטען אָן זיין מיינונג. קריסטאָף, ווידער, וואָס האָט גוט געקענט דעם וועג, ווייל ער איז דאָרט אָפט געווען, האָט גע'טענה'עט, אַז אַז זיי מאַכען אַ טעות. זיי האָבען ניט געוואָלט נאָכגעבען. מ'האָט דאַן באַשטימט אויסצופּרואוווען: און יעדער האָט געוועט, אַז ער וועט אָנקומען צוערשט. אַדאָ איז אַוועק מיט ערנעסט'ן. מירא האָט באַגלייט קריסטאָף'ן. זי איז כלומרשט געווען איבערצייגט אַז ער האָט רעכט; און האָט צוגעלעגט: „ווי אַלע מאָל". קריסטאָף האָט דעם שפּיעל אָנגענומען ערנסט, און אַזוי ווי ער האָט ניט ליעב געהאַט צו פאַרליערען, איז ער שנעל געגאַנגען, צו שנעל פאַר מירא'ן, וואָס האָט זיך ווייניגער געאיילט ווי ער.

— „אייל דיך ניט אַזוי, גוט ברודער" — האָט זי איהם געזאָגט מיט איהר איראָנישען און רוהיגען קול — „מיר וועלען סיי ווי סיי אָנקומען פריהער."

ער האָט ווי געפיהלט זיך אַביסעל שולדיג:

— אמת, — האָט ער געזאָגט, — מיר דוכט, אַז איך געה טאַקע אַביסעל צו שנעל: ס'איז ניט רעכט.

ער האָט נאָכגעלאָזען די טריט.

—„איך קען זיי אָבער — האָט ער ווייטער געזאָגט, — כ'בין זיכער, אז זיי לויפען, כדי דאָרט צו זיין פריהער פאר אונז.“

מירא האָט אויסגעבראָכען אין א געלעכטער.

—„ניין, זאָג איך דיר, ניין, זיי זאָר ניט אומרוהיג!“

זי האָט זיך אָנגעהאנגען אויף זיין אָרים און זיך שטארק געטוליעט צו איהם. זייענדיג קלענער ווי קריסטאָף האָט זי, בעת'ן געהען, אויפגעהויבען צו איהם איהרע קלוגע און לאַשטשענדע אויגען. זי איז געווען אמת שעהן און רייצענד. ער האָט זי קוים דערקענט, אזוי אנדערש האָט זי אויסגעזעהן. געוועהנליך איז איהר פּנים געווען בלאַסליך און א ביסעל אָנגעבלאָזען; אבער די קלענסטע אויפרעגונג, א לוסטיגע מחשבה אָדער דער באַגעהר עמיצען צו געפעלען איז גענוג געווען אומצובייטען איהר פארעלטערטען אויסזעהן, ראָזיג מאכען איהרע באַקען, אויסגלעטען די קנייטשען פון די אויגען־דעקלעך ארום און אונטער די אויגען, אָנצוּנדען איהר בליק און צו געבען איהר געזיכט אזוי פיעל יוגענד, לעבען און גייסט, וואָס אדאָ האָט קיינמאָל ניט געהאַט. קריסטאָף איז נשתומם געוואָרען פון דער אומענדערונג און אוועקגעדרעהט זיינע אויגען פון איהרע: ער איז אַביסעל אומרוהיג געווען זייענדיג מיט איהר אליין: זי האָט איהם געמאכט אומרוהיג און ניט געלאָזט חלומ'ען אומגעשטערט; ער האָט זיך ניט צוגעהערט וואס זי זאָגט, האָט איהר ניט געענטפערט, און אויב יאָ, גאַנץ פארקעהרט: ער האָט געטראַכט — ער האָט געוואָלט בלויז טראַכטען פון אדאַ'ן. ער האָט געטראַכט פון די גוטע אויגען איהרע וואס זי האָט רשט געהאַט, פון איהר שמייכעל, פון איהר קוש;

און דאָס האַרץ איז איהם געווען איבערגעפילט מיט ליעבע. מיראַ האָט איהם געוואָלט מאַכען באַוואונדערען די שעהנקייט פונ'ם וואַלד, מיט די פיינע צווייגעלעך וואָס לויפען ביז צום קלאָרען הימעל... יאָ, אַלץ איז געווען שעהן: די כמאַרע איז זיך צוגאַנגען. ער האָט ווידער געהאַט אַדאַ'ן. ס'האָט זיך איהם איינגעגעבען צו ברעכען דאָס אייז וואָס איז געווען צווישען זיי: זיי האָבען זיך אויפ'ס ניי ליעב געהאַט. נאָהענט אָדער ווייט איינער פונ'ם אַנדערען זיינען זיי געווען ווי איינס. ער האָט געאָטעמט מיט דערלייכטערונג: ווי לייכט, ווי פריש די לופט איז! אַדאַ איז איהם ווידער צוריקגעקומען... אַלץ האָט איהם אָן איהר דערמאָנט... ס'איז גראָד אַביסעל פייכט: וועט איהר ניט קאַלט זיין?... די שעהנע ביימער זיינען באַשפּרינקעלט געווען מיט געפראָרענער טוי: ס'אַ שאָד וואָס זי זעהט עס ניט!... אָבער ער האָט זיך דערמאָנט אָן זייער וועט און צוגעאיילט זיינע טריט: ער האָט זיך פאַרטראַכט כדי ניט צו מאַכען קיין טעות מיט'ן וועג. ער האָט מיט נצחון אויסגעשריען ביים אָנקומען צום ציעל: — מיר זיינען די ערשטע!

ער האָט לוסטיג געוואָרפען דעם קאַפּעלוש. מיראַ האָט איהם אָנגעקוקט שמייכלענדיג.

דער אָרט וואו זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט איז געווען אַ לאַנגער אָפּגעריסענער פעלז אין מיטען וואַלד. פון דעם פלאַכען שפּיץ, אַרומגערינגעלט מיט ניס־ביימלעך און קליינע, אויסגעבויגענע דעמבעס האָבען זיי געזעהן דעם גאַנצען באַוואַלדעטען באַרג־אַראָפּ, די שפּיצען פון די סאָסנעס איינגעטונקט אין אַ בלויליכען נעבעל און דעם לאַנגען פּאַס פונ'ם ריין אין דעם וויאָלעט־פאַרביגען טאָל. קיין פייגעלגעשריי, קיין ווינטעלע. אַ גאָר־שטילער, רוהיגער ווינטער־

טאג וואס ווארעמט זיך ציטערענדיג אין די בלייכע שטראה־לען פון א שוואכער זון. צייטענווייז, האט פון וויטען גע־פייפט א באהן אין טאל. קריסטאף האט, שטעהענדיג ביים ברעג פעלז, באטראכט די לאנדשאפט, מירא האט בא־טראכט קריסטאף'ן.

ער האט זיך צו איהר אומגעדרעהט, און גוטמוטיג גע־זאגט:

—„עה! די פוילענצערס, כ'האב זיי אבער געזאגט!...“

„נו, ס'איז ניטא קיין ברירה: מען מוז אויף זיי ווארטען...“

ער האט זיך אויסגעשטרעקט צו דער זון אויף דער גע־שפאלטענער ערד.

—„יא, יא, לאמיר ווארטען...“ — האט מירא גע־זאגט, אראפנעהמענדיג דעם הוט.

איהר קול האט געהאט עפעס אזא חוזק'דיגען אפקלאנג, אז ער האט זיך אויפגעהויבען און זי אנגעקוקט.

—„וואס איז?“ — האט זי רוהיג געפרעגט.

„וואס האסטו געזאגט?“

—„איך זאג: לאמיר ווארטען. האסט אודאי ניט באדארפט מיך מאכען אזוי לויפען.“

„אמת?“

זיי האבען געווארט, ליגענדיג ביידע אויף דער הארטער ערד. מירא האט אונטערגעזונגען א ליעדעל. קריסטאף האט אויך אונטערגעהאלפען א פאר שטראפען. אבער ער פלעגט זיך אפשטעלען יעדע רגע, מיט פארשפיצטע אויערען.

—„מיר דוכט, איך הער זיי.“

מירא האט ווייטער געזונגען.

„שוויג נאר א רגע, שוויג!“

מירא איז שטיל געבליבען.

—„ניין. ס'אזי גאר נישט.“

קריסטאָף האָט מ'עהר ניט געקאָנט איינליגען:

„זיי האָבען זיך אפשר פארבלאָנדזשעט.“

—„פארבלאָנדזשעט? מ'קאָן זיך ניט פארבלאָנדזשען. ערנעסט קען אלע שטעזשקעס.“

א משונה'דיגער געדאַנק איז דורך קריסטאָף'ס קאָפּ:

„אפשר זיינען זיי אנגעקומען ערשט און אוועקגעגאַנגען פאר אונזער אנקומען!“

מירא, אויסגעצויגען אויפ'ן רוקען און קוקענדיג אויפ'ן הימעל האָט זיך אזוי ווילד צעלאַכט אין מיטען זינגען. אז זי האָט זיך גענומען שטיקען. קריסטאָף האָט זיך איינגעשפּאַרט. ער האָט געוואָלט אראָפּ געהען צו דער סטאַנציע. זאָגענדיג אז זייערע פריינד מוזען שוין זיין דאָרט. מירא האָט זיך סוף כל סוף באַשלאָסען א ריהר צו טאָן.

—„דאָס וועט זיין דער בעסטער מיטעל זיי צו פאַרלירען!... ס'איז גאר קיין פראַגע ניט געווען פון דער סטאַנציע. אָט דאָ, דאַרף מען זיך באַגעגנען.“

ער האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט נעבען איהר. זי האָט הנאה געהאַט פון זיין ווארטען. ער האָט געפיהלט ווי איהר איראָנישער בליק קוקט אויף איהם. ער האָט אָנגעהויבען ווערען ערנסט־אומרוהיג — געוואָרען אומרוהיג איבער זיי: ער האָט אויף זיי ניט געהאַט קיין חשד. ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבען. ער האָט געוואָלט צוריקגעהען אין וואַלד, זיי זוכען, זיי רופען. מירא האָט געטאָן אן איינגעהאַלטענעם לאַך. זי האָט פון איהר קעשענע ארויסגענומען א נאָדעל, א שערעל און פאָדים; זי האָט צונומען

און רוהיג צונויפגעשטאַכען די פעדערען פון איהר הוט: זי האָט זיך, ווי באַזעצט אויפ'ן גאַנצען טאָג.

—„ניין, ניין, נאַרעלע איינער!“ — האָט זי געזאָגט — „ווען זיי זאָלען וועלען קומען, דענקסטו, אַז זיי וואָלטען אַליין ניט געטראָפען?“

דאָס האָט איהם אַ שטאָך געטאָן אין האַרצען. ער האָט זיך אומגעדרעהט צו איהר: זי האָט אויף איהם ניט געקוקט: זי איז פאַרנומען געווען מיט איהר אַרבייט. ער איז צוגעקומען:

„מירא!“ — האָט ער געזאָגט.

—„הע?“ — האָט זי געענטפערט, זיך ניט אָפּשטעלענדיג.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניע, כדי זי נעהענטער אָנצוקוקען.

„מירא!“ — האָט ער איבערגע'חזר'ט.

—„נו, וואָס איז?“ — האָט זי געפרעגט אויפהויבענדיג די אויגען פון איהר אַרבייט און געקוקט אויף איהם מיט אַ שמייכעל. — „וואָס איז אַזוינס?“

זי האָט געהאַט אַן אָפּלאַכענדיגען אויסדרוק, זעהענדיג זיין דערשראָקען פּנים.

„מירא?“ האָט ער געפרעגט מיט אַ דערשטיקט קול.

—„זאָג מיר וואָס דו דענקסט...“

זי האָט געהויבען די אַקסלען, געשמייכעלט און זיך ווידער גענומען אַרבייטען.

ער האָט זי אָנגענומען ביי די הענט, איהר אַרויסגענומען דעם הוט וואָס זי האָט באַנייט:

—„לאָז נאָר שטעהן, לאָז שטעהן און זאָג מיר...“

זי האָט איהם אָנגעקוקט גלייך אין פּנים אַריין און

געוואָרט. זי האָט געזעהן ווי קריסטאָף'ס ליפּען ציטערען.

„דו דענקסט, — האָט ער גאַנץ שטיל געזאָגט, — אַז ערנעסט און אַדאַ...?“

זי האָט געשמייכעלט.

—„נו, אודאי...“

ער איז אויפגעשפּרונגען מיט כעס.

„ניין! ניין! ס'קאָן ניט זיין! דו דענקסט ניט דאָס!... ניין! ניין!“

זי האָט איהם געלעגט די הענט אויף די אַקסלען און זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

—„ווי נאַריש, ווי נאַריש דו ביסט, מיין ליעבינקער!“

ער האָט זי שטאַרק געטרייסעלט:

„לאַך ניט! פאַרוואָס לאַכסטו? וואָלסט ניט געלאַכט ווען עס זאָל אמת זיין. דו האָסט ליעב ערנעסט'ן?...“

זי האָט ווייטער געלאַכט, איהם צוגעצויגען צו זיך און געקושט. ניט ווילענדיג האָט ער זי אויך געקושט. ווען ער האָט אָבער דערפיהלט איהרע ליפּען, די ליפּען וואָס זיינען נאָך וואַרם געוועזען פון דעם ברודער'ס קושען, האָט ער זיך צוריק געוואָרפען, געהאַלטען איהר קאָפּ ווייט פון זיינעם; ער האָט זי געפרעגט:

„דו האָסט עס געוואוסט? עס איז געוועזען אָפּגעמאַכט צווישען אייך?“

זי האָט געזאָגט:

—„יאָ.“ — לאַכענדיג.

קריסטאָף האָט ניט געשריען, ער איז ניט אויפגעשפּרונגען פון כעס. ער האָט אויפגעעפענט דאָס מויל, אַזוי ווי ער וואָלט ניט קאָנען אָטעמען; ער האָט פאַרמאַכט די אויגען און זיך אָנגעכאַפּט די ברוסט מיט די הענט: זיין

הארץ האט געהאלטען ביים צעפלאצען. דאן האט ער זיך אוועקגעלעגט אויף דער ערד, דעם קאפ איינגעגראבען אין די הענט, און איז אויפגעטרייסעלט געווארען פון א שרעקליכען געפיהל פון עקעל און פארצווייפלונג, ווי ווען ער איז געווען א קינד.

מירא, וואס האט ניט געהאט קיין צארטע נשמה, האט אויף איהם דאך רחמנות געקראגען: זי האט אין זיך דערפיהלט, ניט וועלענדיג, א דראנג פון מוטערליכען מיטגעפיהל, זי האט זיך צוגעבויגען צו איהם, צו איהם גערעדט ליבעליך, זי האט איהם צוגערוקט א פלעשעלע מיט טראפענס, ער האט עס אבער אפגעשטויסען מיט א ציטער און זיך אויפגעהויבען אזוי פלוצלונג, אז זי האט זיך דערשראקען. ער האט ניט געהאט דעם כח און ניט דעם פארלאנג זיך נוקם צו זיין. ער האט זי אנגעקוקט מיט א פנים פארקרימט פון שמערץ.

—„דו, גאסען־פרוי איינע, — האט ער, א דערשלאגענער אויסגערופען. — דו ווייסט גאר ניט דעם ווייטאג וואס דו פארשאפסט...“

זי האט איהם געוואלט צוריקהאלטען. ער איז אנטלאפען דורכ'ן וואלד, אויסשפייענדיג זיין עקעל פון דער שאנד, פון די בלאטיגע הערצער און פון דעם בלוט־שענדערישען פארקעהר צו וועלכען זיי האבען איהם געוואלט פיהרען. ער האט געוויינט, געציטערט, געכליפעט פון עקעל. ס'האט איהם אפגעשווידערט פון איהר, פון זיי אלע, פון זיך אליין, פון זיין קערפער און פון זיין הארץ. א שרעקליכער שטורם פון פאראכטונג האט זיך אין איהם אויפגעריסען: שוין לאנג, אז דער שטורם האט זיך געגרייט: פריהער אדער שפעטער האט די געגענווירקונג געמוזט קור־

מען איבער דער גערדאַנקען־נידעריגקייט, די מיאוסע, געמיי־נע פשרות, די שווערע פאַרפּעסטעטע לופט אין וועלכער ער האָט געלעבט זיינט עטליכע חדשים; אָבער דער פאַר־לאַנג נאָך ליעבע, דער פאַרלאַנג זיך אָפּצוגאָרען איבער דעם וואָס מ׳האָט ליעב האָט אָפּגעהאַלטען דעם קריזיס ווי פיעל ס׳איז נאָר געווען מעגליך. דער קריזיס האָט פּלוצלונג אויס־געבראָכען: און ס׳איז בעסער געווען אַזוי. ס׳איז געווען אַ גרויסער לופט־שטורם, אַ שמערצענדע ריינקייט, אַן אייז־קאַלטער ווינד וואָס האָט אָוועקגעשמיסען די גיפטיגע ריחות. דער עקעל האָט געטויט אויף איין מאָל זיין ליעבע צו אַדאַ׳ן.

אויב אַדאַ האָט געגלויבט מיט דער טאָט פּעס־טער צו מאַכען איהר הערשאַפט איבער קריסטאָף׳ן, האָט דאָס נאָך אַמאָל באַוויזען ווי ווייניג און ווי גראָב זי האָט פאַרשטאַנען דעם וואָס האָט זי ליעב געהאַט. די אייפער־זוכט וואָס פאַרקניפּט באַפלעקטע הערצער, האָט נאָר גע־קאָנט אויפקאָכען, אָפּעקלען אַ יונגע, שטאָלצע און ריינע נאַטור ווי קריסטאָף׳ס. אָבער, וואָס ער האָט, דער עיקר, ניט מוחל געווען, וואָס ער וואָלט קיינמאָל ניט מוחל גע־וועזן, איז דאָס וואָס אַדאַ׳ס פאַראַט איז ניט געווען דער אויסברוך פון אַ ליידענשאַפט, כמעט אפילו ניט איינער פון די נאַרישע און דערנידעריגענדע, אָפּט אָבער אומווידער־שטעהענדע קאַפּריזען, וועלכע דער פרויען־פאַרשטאַנד האָט צומאָל ניט דעם כח ניט נאָכצוגעבען. ניין — ער האָט יעצט פאַרשטאַנען — ס׳איז אין איהר געווען אַ פאַרבאָרגענער באַגעהר איהם צו באַשמוצען, איהם צו דערנידעריגען, איהם צו באַשטראָפען פאַר זיין מאָראַלישען ווידערשטאַנד. זיין פיינדליכער אמונה, איהם צו מאַכען פאַלען צו דער

נידעריגער מדרגה פון אַלע פּראָסטע, איהם צו לעגען צו איהרע פיס, זיך אַליין צו דערוויזען איהר כח שלעכטס צו טאָן, און מיט אַ שוידער האָט ער זיך געפרעגט: וואָס איז עס דער פאַרלאַנג צו באשמוצען, וואָס געפינט זיך ביי דעם גרעסטען טייל — צו באשמוצען דאָס ריינע אין זיי און אין אנדערע — וואָס איז דאָס פאַר אַ חזירים־נשמות וואָס האָבען אַזא ווילדע הנאה זיך צו וואַלגערען אין שמוץ. און זיינען גליקליך ווען עס פאַרבלייבט ניט אויף זייער גאַנצער הויט קיין איין ריין אָרט!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אדאַ האָט געוואַרט צוויי טעג אויף קריסטאָף'ס צוריק קומען. דאַן האָט זי אָנגעהויבען ווערען אומרוהיג, און איהם געשיקט אַ זיס בריוועל, וואו זי האָט גאָר ניט דערמאַהנט דאָס געשעהענע. קריסטאָף האָט אפילו ניט געענטפערט. ער האָט אדאַ'ן פיינט געקראָגען מיט אַזאַ טיעפער שנאה, אז ער האָט ניט געהאַט קיין ווערטער דאָס אויסצודריקען. ער האָט זי אויסגעשטראָכען פון זיין לעבען. זי האָט פאַר איהם מעהר ניט עקזיסטירט.

קריסטאף איז באפרייט געווארען פון אדא'ן, אבער ניט פון זיך אליין. אומזיסט האט ער געפּרואווט זיך צו שאפען אן אילוזיע און צוריקצוקומען צו דער צנועה'דיגער און שטארקער רוהיגקייט פון אמאל. מ'קאן זיך ניט אומקעהרען צו דער פארגאנגענהייט. מען מוז ווייטער געהען דעם אייגענעם וועג: און עס נוצט ניט זיך אומצוקעהרען, סיידען כדי צו זעהן די ערטער וואו מ'איז פארבייגעגאנגען, דעם ווייטען רויך פונ'ם דאך, אונטער וועלכען מ'איז איינגעשלאסען, ווי ער פארלירט זיך ביים האריזאנט אינ'ם לייכטען נעבעל פונ'ם זכרון. אבער גארנישט דערווייטערט אונז אזוי שטארק פון אונזערע אמאליגע נשמות, ווי די ליידענשאפט פון עטליכע חדשים. דער וועג דרעהט זיך פּלוצלונג אוועק, די לאנדשאפט בייט זיך: עס דוכט זיך אז מען געזעגענט זיך צום לעצטען מאל מיט אלץ וואס מען לאזט הינטער זיך.

קריסטאף האט דערצו ניט געקאנט מסכים זיין. ער האט אויסגעשטרעקט די ארימס צו דער פארגאנגענהייט: ער האט דוקא געוואלט אויפלעבען און באנייען זיין אמאליגע נשמה. אבער זי האט שוין ניט געלעבט. די תאוה איז ניט אזוי געפעהרליך ווי די חורבות וואס זי קלייבט אן. קריסטאף האט געמעגט אויפהערען ליעב האבען, ער האט געמעגט — אויף א ווײלע — פאראכטען די ליעבע. האט ער דאך איין זיך געטראגען די שפּורען פון איהרע שארפע נעגעל, זיין גאנצער וועזען איז דערפון אויסגע־

קנאַטעז געוואָרעז. אנשטאט דער שרעקליכער באַדערפע־
ניש צו צערטליכקייט און גענוס, וואָס פאַרצעהרט די וואָס
האָבעז דערפון פאַרזוכט, האָט ער געמוזט האָבעז עפּעס
אַז אַנדער ליידענשאַפט (אפילו א היפּוכ׳דיגע ליידענ־
שאַפט): אַ ליידענשאַפט צו פאַראַכטונג, צו שטאָלצער
ריינקייט, צום גלויבעז אין צניעות. דאָס איז אָבער ניט
גענוג געוועז. דאָס האָט מעהר ניט גענוג געזעטיגט זיין
הונגער: דאָס איז נאָר געוועז שפּייז אויף אַ רגע. זיין לע־
בעז איז געוועז אַ רייהע פון גוואַלדיגע געגענווירקונגעז—אומ־
געהייערע שפּרונגעז. אַט האָט עס געוואָלט איינברעכעז און
צופּאַסעז צו אַן אומענשליכעז אסקעטיזם: ניט עסענדיג, ניט
טרינקענדיג גאַרנישט אַ חוץ וואַסער, זיך אויסמאַטערעז פון
געהן, פון מיעדקייט, פון ניט שלאָפעז, זיך אָפּזאָגעז פון
יעדעז פאַרגעניגעז: און אַט איז ער געוועז איבערצייגט, אַז
נאָר קראַפט איז די אמת׳ע מאָראַל פון מענשעז ווי ער.
און זיך אָוועקגעלאָזט אויף דער יאַגד נאָך פאַרגעניגענס.
אין איין פאַל און אין אַנדערעז האָט ער זיך געפיהלט אומ־
גליקליך. ער האָט מעהר ניט געקאָנט זיין אליין. ער האָט
שוין מעהר ניט געקאָנט זיין ווי נאָר אליין.

די איינציגע רעטונג זיינע וואָלט געקאָנט זיין צו גע־
פינעז אַן אמת׳ע פריינדשאַפט — ראָזע׳ס פריינדשאַפט
אפשר וואָלט איהם געשיצט. אבער די רוגזה איז געוועז
שטאַרק גרויס צווישעז דיביידע פאַמיליעז. זיי פלעגעז זיך
מעהר ניט זעהעז. בלויז איין מאָל האָט קריסטאָף באַגע־
גענט ראָזע׳ן. זי איז אַרויסגעקומעז פון קירך. ער האָט זיך
ווי אָפּגעשטעלט פאַר׳ן צוגעהן, און זי האָט זיך אַ דרעה גע־
טאָן ווי איהם צו באַגעגנעז: ווען ער האָט אבער געוואָלט
צוקומעז צו איהר, דורך אַ גאַנצעז שטראָם גאָט־בעטערס,

וואָס זיינען אַראָפּגעגאַנגען די טרעפּ, האָט זי אָוועקגעדרעהט די אויגען: און ווען ער איז נאָהענט געווען נעבען איהר האָט זי איהם קאַלט באַגריסט, און פאַרבייגעגאַנגען. ער האָט דערפיהלט אין דעם מיידעל'ס האַרץ אַן אומגעהייערע און קאַלטע פאַראַכטונג. ער האָט ניט געפיהלט אַז זי האָט איהם אַלץ ליעב און וואָלט עס איהם געוואָלט זאָגען: אָבער זי האָט זיך דאָס פאַרגעוואָרפען ווי אַ שולד, ווי אַ נאַריש־קייט: זי האָט קריסטאָף'ן באַטראַכט פאַר שלעכט און פאַרדאָרבען — מעהר דערוויטערט פון איהר ווי ווען עס איז פריהער. אַזוי זיינען זיי פאַרלאָרען געגאַנגען איינער פון דעם אַנדערען אויף תמיד. און ס'איז אפשר גוט געווען פאַר ביי־דען. טראָץ איהר גוטסקייט האָט זי ניט געהאַט גענוג לעבען אין זיך איהם צו פאַרשטעהן. טראָץ זיין באַדערפעניש נאָך ליעבע און אַכטונג, וואָלט ער דערשטיקט געוואָרען אין אַ מיטעלמעסיג און אָפּגעשלאָסען לעבען. אָהן פרייד, אָהן לייד און אָהן לופט. זיי וואָלטען ביידע געליטען. דער שלעכטער צופאַל וואָס האָט זיי צוטיילט איז אפשר, סוף כל סוף, געווען אַ גוטער צופאַל. ווי עס געשעהט אָפט, — ווי עס געשעהט אַלעמאָל — מיט די וואָס זיינען שטאַרק און אויסדויערענד.

אָבער, דערווייל, איז דאָס געווען אַ גרויס צער און אומגליק פאַר זיי, פאַר קריסטאָף'ן באַזונדערס. די צנועה'־דיגע אומטאָלעראַנץ, די ענג־האַרציגקייט וואָס נעהמט דוכט זיך צומאָל געגצליך אַוועק דעם שכל פון די קלוגסטע און די גוטסקייט פון די בעסטע, האָט איהם אויפגערעגט, איהם פאַרלעצט, איהם צוריק אַריינגעוואָרפען אין אַ פרייען לע־בען.

בעת זיין אַרומגעהן מיט אַדאַ'ן אין די ביער־שענ־

קען ארום דער שטאט, האט ער זיך באקענט מיט א פאר וואוילע יונגען — שכרה, וועמעס פריי און ניט פאר־דאגה'ט לעבען איז איהם אביסעל געפעלען. איינער פון זיי, פריעדעמאן, א מוזיקער ווי ער, אן ארגעל־שפיעלער פון א יאהר דרייסיג, איז געווען שארף און וויציג, און האט גוט געקאנט זיין פאך. ער איז אבער געווען אומגעהייער פויל און וואלט גיכער געשטארבען פאר הונגער (אויב ניט, אפשר, פאר דורשט) איידער צו מאכען די מינדסטע אנשטרענגונג צו פארבעסערען זיין מיטעלמעסיגען שטאנד. ער פלעגט זיך טרייסטען מיט זיין פוילקייט, בארעדענדיג די וואס צאפלען זיך אין לעבען, גאט ווייסט פארוואס; און זיין שטעכיג אפלאכען, באטש פראסטליך, האט דעם עולם אמוזירט. זייענדיג פרייער, ווי זיינע קאלעגען, האט ער ניט מורא גע־האט — באטש שטיל, מיט א וואונק און אן אנצוהערעניש — א שטאך געבען די גאנץ חשוב'ע לייט; ער האט אפילו געקאנט פועל'ען ביי זיך ניט צו האבען קיין גאנץ בא־שטימטע באגריפען איבער מוזיק אבי הינטערוויילעכטס צו געבען א גוטען קלאפ די העלדען פונ'ם טאג, וועמעס בא־ריהמקייט איז געווען אן אומפארדיענטע. די פרויען האבען ביי איהם אויך קיין גרעסערען חן ניט געפונען; ער פלעגט האלט האבען, שפאסענדיג, איבערצוזאגען ווענען זיי אז אלט פרויען־פיינטליך ווערטעל וואס איז איצט, קריסטאף'ן מעהר געפעלען ווי סיי וועמען, צוליעב דער ביטערקייט:

— די פרוי טויט די ליעבע. Femina mors anime

אין זיין צומישטען מצב פלעגט קריסטאף געפינען א מין צעשטרייאונג רעדענדיג מיט פריעדמאנ'ען. ער פלעגט איהם אפעקלען און ער האט ניט געקאנט לאנג הנאה האבען

פון דעם גראַבען, שפּאַטישען שאַרפזין; דער אָפּלאַכענדער און שטענדיג מבטל'דיגער טאָן, האָט איהם באַלד געגומען אויפרעגען, ער האָט דערפיהלט די שאַפונגס־אומפעהיגקייט: ער האָט אָבער באַרוהיגט זיין געפיהל געגען דער נאַרישער זעלבסט־צופרידענהייט פון די באַלעבאַטעמלעך. כאָטש ער האָט אין האַרצען פאַראַכט דעם קאָמפּאַניאָן זיינעם, דאָך האָט זיך קריסטאָף ניט געקאָנט באַגעהן אָהן איהם. מען פלעגט זיי אַלעמאָל זעהען בייגאַנד ביים טיש מיט פאַרדעכטיגע און צו קיין קלאַס־געהערענדע מענשען פון פריעדמאַנ'ס חברותא, וואָס האָבען נאָך וועניגער ווערט געהאַט ווי ער. זיי פלעגען שפּיעלען, קנאַקענדיג ריידען און טרינקען גאַנצע נעכט. קריסטאָף פלעגט זיך ווי פּלוצלונג אויפכאַפּען אין מיטען פון דעם אָפּעקלענדיגען גערוך פון געזאַלצענע פליישען און טאַבאַק; ער פלעגט קוקען אויף די חברה אַרום איהם מיט פאַרבלאָנדזשעטע אויגען; ער פלעגט זיי ניט דערקאָנען, און מיט אַנגסט טראַכטען:

„וואו בין איך? ווער זיינען אָט די אַלע לייט? וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך מיט זיי?"

זייערע רייד און לאַכען האָבען איהם געעקעלט. אָבער ער איז ניט געווען שטאַרק גענוג פון זיי אָוועקצוגעהן: ער האָט מורא געהאַט אהיים צו געהן, צו בלייבען אַליין, פּנים על פּנים מיט זיין נשמה, מיט זיינע פאַרלאַנגען, מיט זיינע געוויסענס־ביסען. ער האָט זיך חרב געמאַכט, ער האָט געוואוסט אַז ער מאַכט זיך חרב: ער האָט עס ווי אומיסנע געזוכט — ער האָט אין פריעדמאַנ'ען געזעהן, מיט אַ גרוייזאַמער קלאַרקייט, זיין איצטיג אייגען דערנידעריגט געשטאַלט,— דאָס געשטאַלט וואָס ער וועט שפּעטער האָבען: ער האָט דורכגעלעבט אַזאַ מין יאוש און עקעל, דאָס אַנשטאָט דער־

וואכט צו ווערן פון דער געפאהר, איז ער נאך מעהר דער־שלאגען געבליבען. ער וואלט זיך רואינירט, ווען עס זאל איהם געווען מעגליך זיין. צום גליק האט ער געהאט אין זיך, ווי אלע מענשען פון זיין מין, אן עלאסטישע ספרור־זשינקע, א מיטעל געגען דער פארניכטונג וואס אנדערע האבען ניט: זיין לעבענס־קראפט ערשט, זיין לעבענס־אינס־טינקט וואס האט איהם ניט געלאזט אפשטארבען, און איז געווען טיעפער ווי זיין פארשטאנד, שטארקער ווי זיין ווי־לען. ער האט אויך געהאט, אהן זיין וויסען, די זאנדערבארע נייגעריגקייט פון'ם קינסטלער, די ליידענשאפטליכע אביעק־טיוויטעט, וועלכע עס טראגט אין זיך יעדע באשעפעניש וואס איז אמת'דיג באשאנקען מיט שעפפערישער מאכט: ער האט געמעגט ליעבען, ליידען און אלע זיינע כחות אוועקגע־בען צו אלע ליידענשאפטען: ער האט זיי אבער געזעהן. זיי זיינען געווען אין איהם, זיי זיינען אבער ניט געווען ע ר. אומצעהליגע מיליאנען נשמה'לעך האבען זיך פארבארגען גע־דרעהט אין איהם צו א באשטימטען פונקט צו, אן אומבא־קאנטען און זיכערען: אזוי ווי די פלאנעטען וועלט וואס ווערט ארייגגעצויגען דורכ'ן רוים אין א געהיימניספולען תהום, דער שטענדיגער מצב פון זיין אומבאוואוסטער, צוויי־זייטיגער נאטור, האט זיך באזונדערס אנטפלעקט אין די שווינדלענד־טומלענדיגע רגעות ווען דאס טאג־טעגליכע לע־בען שלאפט איין און עס הויבען זיך אויף פון די טיעפעניש פון שלאף און פון דער נאכט דער ספינקס'ישער בליק, דער פיעל־פארמיגער פנים פון'ם ז י י ן. דער עיקר, זייט א יאהר, איז קריסטאף פארפאלגט געווען פון חלומות. וואו ער האט קלאר געפיהלט אין דער זעלבער רגע און מיט א פאל־קאמער אילוזיע, אז ער א י ז מעהרערע, פארשיעדענע

באַשעפענישעז, וואָס זיינען אַפּט ווייט פון איהם, אַפּגעזונ־דערט פון לענדער, פון וועלטען, פון יאָהרהונדערטע. בעת ער איז וואַך געווען, פלעגט קריסטאָף אויפהאַלטען איז זיך דעם משונה׳דיגען חלום־אומרוה, כאָטש ער האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען די סבה. ס׳איז געווען אַזוי ווי מיעד־קייט פון אַ „פיקסער“ אידעע, וואָס לאָזט שפּורען, וועלכע מ׳פיהלט, כאָטש מ׳קאָן עס ניט פאַרשטעהן. אָבער בעת זיין נשמה האָט זיך שמערצליך געראַנגעלט אין דעם לעבענס־נעץ, האָט אַן אַנדער נשמה, אויפמערקזאַם און רוהיג, בייר־געוואוינט אין איהם די פאַרצווייפעלטע אַנשטרענגונגען. ער האָט אָט די נשמה ניט געזעהן: אָבער זי האָט אויף איהם אַפּגעשיינט איהר פאַרבאַרגענע ליכט. די נשמה איז גע־ווען לוסטיג און זשעדנע אַלץ צו דערפיהלען, אַלץ צו דער־ליידען, נאָך צו קוקען און פאַרשטעהן די מענער, די פרויען, די ערד, דאָס לעבען, די באַגעהרען, די ליידענשאַפטען, די נעדאַנקען, די מאַטערונגען, מיטעלמעסיגע אָדער נידעריגע: און דאָס איז גענוג געווען צו וואַרפען אויף דעם אַלעמען אַביסעל פון איהר ליכט, צו רעטען קריסטאָף׳ן פונ׳ם פינס־טערען תהום. ס׳האָט איהם געמאַכט פיהלען — ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי — אַז ער איז ניט גאַנץ אַליין. די ליעבע צו זיין אַלץ, צו וויסען אַלץ, די צווייטע פעסטונג האָט אויפגעשטעלט אַ פעסטע וואַנד געגען אַלע פאַרניכטענדע ליידענשאַפטען.

אויב אָבער דאָס איז גענוג געווען אויפצוהאַלטען זיין קאָפּ אויפ׳ן וואַסער, האָט עס איהם דאָך ניט געלאָזט אַרויס־געהן מיט זיינע אייגענע כחות. עס האָט זיך איהם ניט איינ־געגעבען זיך קלאָר צו פאַרשטעהן, זיך צו באַהערשען, זיך צו באַרוהיגען. יעדע אַרבייט איז איהם געווען אומעגליך. ער איז

דורכגעגאנגען א גייסטיגען קריזיס: די פרוכטבארסטע אין זיין לעבען: — זיין גאנץ צוקונפטיג לעבען האט שוין אין איהם געשפראצט: — אבער די אינערליכע רייכקייט האט זיך, דערוויל, נאר אויסגעדריקט אין צולאזענקייט: און די באלדיגע אפווירקונג פון דעם איבערפלוס האט זיך ניט אונ־טערשיידעט פון די פאלגען פון דער טרוקענסטער גייסטיגער ארימקייט. דאס לעבען האט קריסטאף'ן פארזונקען. אלע זיינע כחות האבען צו שטארק אויסגעבראכען, צו שנעל גע־וואקסען, אלע אויף איין מאל, פלוצלונג. נאר זיין ווילען האט ניט אזוי שנעל געוואקסען און איז פארווילדעט גע־ווארען פון דער מאסע שרעקליכע כחות. זיין וועזען האט גע־קראכט פון אלע זייטען. פון אט דער ערד־ציטערניש, פון אט דער אינערליכער דערשיטערונג האבען אנדערע גאר נישט געזעהן. קריסטאף אליין האט בלויז געזעהן זיין אהן מאכט צו שאפען, צו וועלען, צו ז י י ן. פארלאנגען, אינסטינק־טען, געדאנקען זיינען ארויס איינע נאך די אנדערע אזוי ווי כמארעס שוועבעל פון די שפאלטען פון א פייערשפייענדען בארג, און ער האט זיך אלעמאל געפרעגט:

„און איצט, וואס וועט נאך ארויסקומען? וואס וועט פון מיר ווערען? וועט עס שטענדיג אזוי זיין, אדער וועט עס זיין דער סוף פון אלעמען? וועל איך גארנישט ווערען, קיינמאל ניט?“

און אט האבען זיך אויפגעהויבען די גע'ירש'עטע אינס־טינקטען, די זינד פון די וואס זיינען געוועזן פאר איהם. — ער האט זיך אנגע'שכור'ט.

ער פלעגט אהיים קומען, שמעקענדיג פון ווייז, דער־שלאָגען. לואיזע נעבאך פלעגט איהם אנקוקען, זיפצען, ניט זאגען גארנישט און תפלה טאָן.

איין אבענט אבער, בעת ער איז ארויסגעגאנגען פון א וויין־שענק ביים עק שטאָט, האָט ער דערזעהן אופי'ן וועג, א פאָר טריט פאר זיך, דאס משונה'דיגע געשטאַלט פונ'ם פעטער גאָטפריעד מיט זיין פּאַק אויפ'ן רוקען. חדשים־לאנג איז שוין דאס מענשעלע ניט געווען אין דער געגענד, און וואס אמאָל איז ער אלץ ווייניגער געקומען. קריסטאָף האט איהם צוגעשריען גאנץ דערפרעהט. גאָטפריעד, איינגעבויגען אונטער דער משא, האָט זיך אומגעדרעהט: ער האט אנגעקוקט קריסטאָפ'ן וואס האט געמאכט שכור'ע העויות, און זיך אוועקגעזעצט אויף א שטיין צו ווארטען אויף איהם. קריסטאָף איז צו איהם צוגעקומען, טענצלענדיג און האָט גע־טרייסעלט דעם אנקעל'ס האנט מיט א שרייענדער ליעב־שאפט. גאָטפריעד האט איהם לאנג אנגעקוקט, און דאן געזאגט:

„גוט'ן אבענט, מעלכיאָר.“

קריסטאָפ'ן האט זיך געגלויבט, אַז דער פעטער מאַכט א טעות און ער האט אויסגעבראָכען אין א געלעכטער:

—„דער אלטער ווערט נעבאך עובר בטל, האט ער זיך געטראכט, ער פארליערט זיין זכרון.“

גאָטפריעד האט ווירקליך אויסגעזעהען שטארק געעל־טערט, פארגעלט, איינגעשרומפּט, איינגעהויקערט; ער האט

געהאט א שווערען און קורצען אטעם. קריסטאף האט ווייטער קאנאקענדיג גערעדט. גאטפריעד האט ווידער ארויפגעלעגט דעם פאק אויף די אקסלען, און איז שטיל ווייטער געגאנגען. זיי האבען אנגעפאנגען געהען איינער נעבען אנדערען. קריסטאף, זיך ווארפענדיג און רעדענדיג אויף'ן קול, גאטפריעד צוהוסטענדיג און שווייגענדיג. ווען קריסטאף האט זיך צו איהם געווענדט, האט ער איהם ווידער גערופען מעלכיאר. דעם מאל האט איהם שוין קריסטאף געפרעגט:

„הער נאר! וואס רופסטו מיך עפעם מעלכיאר? איך הייס קריסטאף, דו ווייסט עס גאנץ גוט. האסטו פארגעסען מיין נאמען?"

גאטפריעד האט, אהן זיך אפצושטעלען, אויפגעהויבען די אויגען צו איהם, געשאקעלט מיט'ן קאפ, און קאלט געזאגט:

— „נייז, דו ביסט מעלכיאר, איך דערקען דיך גוט."

קריסטאף האט זיך אפגעשטעלט דערשלאגען. גאטפריעד איז זיך ווייטער געגאנגען. קריסטאף איז איהם נאכגעגאנגען אהן א ווארט. ער איז ניכטער געווארען. פארבייגעהענדיג די טיר פון א קאפע־שאנטאן, איז ער צוגעגאנגען צו אן אפגעריבענעם שפיגעל. וואו עס האט אפגעשיינט די גאז־ליכט פון דעם אריינגאנג, און זיך איינגעקוקט: ער האט דערקענט מעלכיאר'ן. ער איז אהיים געגאנגען שווער, דערשראקען.

ער האט פארבראכט די נאכט — א נאכט פון אנגסט־פיין — זיך בארעכענענדיג, זיך אפגעבענדיג א חשבון הנפש. ער האט יעצט פארשטאנען, ער האט דערקענט די אינסטינקטען און פארדארבענע געפיהלען וואס האבען זיך אין

איהם געיאָוועט. ער האָט פון זיי געשווידערט. ער האָט גע־טראַכט פון דער אומעטיגער וואַך־נאַכט נאָך מעלכיאָר׳ס טויט, פון דער שבועה וואָס ער האָט זיך געגעבען: ער האָט געוואָרפען אַ בליק איבער זיין לעבען זייט דעם, און דער־פיהלט, אַז ער האָט אַלץ פאַראַטען. וואָס האָט ער געטאָן זייט אַ יאָהר? וואָס האָט ער געטאָן פאַר זיין גאָט, פאַר זיין קונסט, פאַר זיין נשמה? וואָס האָט ער געטאָן פאַר זיין אייביגקייט? יעדען טאָג האָט ער פאַרלאָרען, פאַרשווענדט, פאַרשמוצט: קיין איין ווערק, קיין איין געדאַנק, קיין איין דויערהאַפטע אונטערנעהמונג. אַ כאַאָס פון באַגעהרען וואָס האָבען זיך איינער דעם אַנדערען פאַרניכטעט. ווינט, שטויב, נישטיגקייט... וואָס האָט איהם גענוצט זיין ווילען? פון אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער גאָרנישט אויפגעטאָן דעם היפוך דערפון האָט ער אויפגעטאָן. ס׳איז פון איהם געוואָרען וואָס ער האָט ניט געוואָלט זיין: דאָס איז דער אונטערשטער חשבון פון זיין לעבען.

ער האָט זיך ניט געלעגט שלאָפען. זעקס אַ זייגער איז דער פריה איז עס נאָך טונקעל געווען — ער האָט געהערט גאָטפריעד׳ן זיך צוגרייטענדיג אַוועקצוגעהן. — ווארום גאָט־פריעד האָט זיך ניט געוואָלט לענגער אָפּשטעלען. פאַרביי־געהענדיג די שטעטעל, איז ער געקומען, לויט זיין געוואוינ־הייט, אומאַרמען זיין שוועסטער און נעפּע, ער האָט אבער באַלד צו וויסען געגעבען, אַז דעם צווייטען פריהמאָרגען וועט ער ווייטער אוועקגעהן.

קריסטאָף איז אַראָפּ געקומען. גאָטפריעד האָט געזעהן זיין בלייך פּנים, איינגעפאַלען פון דער נאַכט׳ס יסורים. ער האָט איהם ליעבליך צוגעשמייכעלט און געפרעגט: צי ער וויל איהם באַגלייטען אביסעל. זיי זיינען צוזאַמען אַרויסגעגאַנ־

נען פאר טאג־אויסברוך. זיי האבען ניט באדארפט רעדען צווישען זיך: זיי האבען זיך פארשטאנען. פארבייגעהענדיג ביים בית־עולם, האט גאטפריעד געזאגט:

—„לאמיר אריינגעהן, ווילסט?“

ער האט קיינמאל ניט פארפעהלט צו געהן אויף זשאן מישעל׳ם און אויף מעלכיאר׳ם קבר, ווען ער פלעגט קומען אין דער געגענד. קריסטאף איז דארט ניט געווען זייט א יאהר. גאטפריעד האט געקניהט פאר מעלכיאר׳ם קבר, און געזאגט:

„לאמיר תפלה טאן, אז זיי זאלען גוט שלאפען און זאלען אונז ניט מאטערען.“

זיינע מחשבות זיינען געווען א צומישונג פון מאדנע אבערגלויבענישען און א קלארען געזונטען פארשטאנד. ער פלעגט צומאל צום שטוינען מאכען קריסטאף׳ן. דעם מאל אבער האט ער איהם צו גוט פארשטאנען. זיי האבען מעהר גארנישט געזאגט ביז׳ן ארויסגעהן פון דעם בית־עולם.

בעת זיי האבען צוגעמאכט דעם קרעכצענדען טויער און אנגעהויבען געהען ביי דער וואנד אויף די קיהלע פעלדער וואס האבען געגנומען דערוואכען. דורך דער קליינער שטעזשקע וואס איז פארבייגעלאפען אונטער די ציפרעסען־בוימער פון די קברים, פון וועלכע דער שנעע האט געטריפט, האט קריסטאף אנגעפאנגען וויינען:

—„אה! פעטער, האט ער געזאגט, ווי איך לייד שרעק־ליך!“

ער האט ניט געוואגט איהם צו דערצעהלען ווי ער האט דורכגעלעבט די ליעבע, אויס א מאדנער מורא און א פארלעגענהייט צו ברייגען, אדער צו פארלעצען גאטפריעד׳ן: ער

האָט אָבער גערעדט פון זיין שאַנד, פון זיין מיטעלמעסיג־קייט, פון זיין פייגהייט, פון זיינע געבראָכענע שבועות.

„פעטער, וואָס איז צום טאָן? איך האָב געשטרעבט, איך האָב געקעמפט: און נאָך א יאָהר צייט האַלט איך ניט ווייטער ווי פריהער. נאָך מעהר! איך בין צוריקגעטראָטען. איך טויג צו גאָרנישט, איך טויג צו גאָרנישט! איך האָב מיין לעבען חרוב געמאַכט, איך האָב פאַלש געשוואוירען...“

זיי זיינען יעצט אַרויפגעשטיגען א בערגעל איבער'ן שטעטעל. גאָטפריעד האָט איהם גוטהאַרציג געזאָגט:

—„ס'איז ניט דאָס לעצטע מאָל, מיין קינד, מען טוט ניט וואָס מען וויל. וועלען און לעבען — דאָס זיינען צוויי באַזונדערע זאַכען: מען מוז זיך טרייסטען. דער עיקר איז, פאַרשטעהסטו, ניט מיד ווערען צו וועלען און צו לעבען. דאָס איבריגע הענגט ניט אָפּ פון אונז.

קריסטאָף האָט מיט יאוש אַלץ איבערגע'חזר'ט:

„איך האָב פאַלש געשוואָרען!...“

—„הערסטו?“ האָט געזאָגט גאָטפריעד.

(די העהנער האָבען געקרייט אין די דערפער אַרום.)

„זיי קרייען, זינגען פאַר אַנדערען וואָס האָט פאַלש געשוואָרען. זיי קרייען פאַר יעדען פון אונז, יעדען פריה־מאָרגען.“

„ס'וועט קומען א טאָג, האָט קריסטאָף ביטער געזאָגט, ווען זיי וועלען מעהר ניט קרייען פאַר מיינעטוועגען... א טאָג אָהן א מאָרגען. און וואָס וועל איך האָבען אויפגעטאָן מיט מיין לעבען?“

—„ס'איז שטענדיג פאַראַן א מאָרגען“, האָט גאָטפריעד געזאָגט.

„אבער וואס זאל מען טאן, אז דאס וועלען נוצט גאר־ נישט?"

—„וואַד און טו תפלה."

„איך גלויב מעהר נישט."

גאטפריעד האט געשמייכעלט:

—„דו וואלסט ניט לעבען, ווען דו זאלסט ניט גלוי־ בען. יעדער גלייבט. טו תפלה."

„תפלה, צו וואס?"

גאטפריעד האט איהם געוויזען די זון, וואס איז גאר וואס ערשינען אויף'ן רויט־געפרוירענעם האריזאנט.

—„זיי גאטספורכטיג פאר'ן טאג, וואכט אויף, טראכט ניט וואס עס וועט זיין אין א יאהר, אין צעהן יאהר ארום. טראכט פון היינט. לאז איבער דיינע טעאריעס. אלע טעא־ ריעס, פארשטעה גאר, אפילו די איבער צניעות זיינען שלעכט, זיינען נאריש, טוען אונז שלעכטס. נעהם ניט דאס לעבען מיט שטורם. לעב היינט, זיי עהרענפורכטיג צו יעדען טאג. האב איהם ליעב, רעספעקטיר איהם, פאראומ־ רייניג איהם, דער עיקר, ניט, שטער איהם ניט פון אויפבלי־ העז. האב איהם ליעב אפילו ווען ער איז גרוי און אומעט־ טיג ווי היינט. באאומרוהיג זיך ניט. זעה, ס'איז יעצט ווינ־ טער. אלץ שלאפט. די גוטע ערד וועט אויפוואכען. מען דארף זיין ווי די גוטע ערד, און געדולדיג ווי זי. זיי פרום, עהרענפורכטיג. ווארט. אויב דו ביסט גוט, וועט אלץ געהן גוט. אויב דו ביסט עס ניט, אויב דו ביסט שוואך, אויב גאר נישט געלינגט דיר. — נו, מוז מען אזוי גליקליך זיין, מסתמא קאנסטו ניט מעהר. פארוואס־זשע זאלסטו וועלען מעהר? פארוואס זאל דיך פארדריסען וואס דו קאנסט ניט מעהר טאן? מען דארף טאן וואס מען קאן.. Als ich kann

—„ס'איז צו ווייניג." — האָט קריסטאָף געזאָגט, מאַכענדיג אַ גרימאַסע.

גאָטפריעד האָט פריינדליך געלאַכט:

„ס'איז מעהר ווי ווער־עס־איז טוט. דו ביסט אַ בעל־גאוה. דו ווילסט זיין אַ העלד. דערפאַר באַגעהסטו נאַר נאַרישקייטען... אַ העלד!... איך ווייס ניט אַקוראַט וואָס דאָס איז: אָבער, דו פאַרשטעהסט, איך שטעל מיר פאָר: אַ העלד איז דער וואָס טוט וואָס ער קאָן. די אַנדערע טוען דאָס ניט."

—„אַה! — האָט קריסטאָף אָפּגעזיפצט. — צו וואָסזשע דאַרף מען לעבען? ס'האָט ניט ווערט די מיה. ס'איז דאָך פאַראַן מענשען וואָס זאָגען אַז „ווע̇לען איז קאָנען!..."

גאָטפריעד האָט ווידער שטיל געלאַכט:

„יאָ?... נו, זיי זיינען גרויסע ליגנערס, מיין קינד. אָדער, אַז ניט, „ווילען" זיי ניט קיין סך..

זיי זיינען אָנגעקומען צום שפּיץ בערגעל. זיי האָבען זיך האַרציג־ליעבליך אומאַרמט. דער קליינער הויזירער איז מיט זיין מידען טריט אַוועק. קריסטאָף איז פאַרבליבען, פאַרטראַכט, איהם נאָכקוקענדיג ווי ער דערווייטערט זיך. ער האָט פאַר זיך איבערגעזאָגט דעם פעטער'ס ווערטער:

דייטש ? ? (ווי איך קאָן). Als ich kann

ער האָט געשמייכעלט, טראַכטענדיג:

„יאָ... יעדענפאַלס... ס'איז גענוג..."

ער האָט זיך אומגעקעהרט אין שטעטעל. דער פאַרהאַרטעטער שנעע האָט געסקריפּעט אונטער זיינע שיך. דער שטאַרקער ווינטער־ווינט האָט אויפגעציטערט אויף דעם בערגעל די נאַקעטע צווייגען פון די צובויגענע בוימער. האָט געראָיטעלט זיינע באַקען, געבריענט זיין הויט און גע־

שמיסען זיין בלוט. די רויטע דעכטער פון די הייזער, אונטען, האבען געלאכט צו דער בלישטשענדער און קאלטער זון. די לופט איז געווען שטארק און שארף. די פארפרוירענע ערד האט ווי געיובעלט פון א שמערצענדער לוסט. קריסטאף'ס הארץ איז געווען ווי זי. ער האט געטראכט:

— איך וועל אויך אויפוואכען.

ער האט נאך געהאט טרערען אין די אויגען. ער האט זיי אפגעווישט מיט דער לינקער זייט פון דער האנד און געקוקט, לאכענדיג, אויף דער זון וואס האט זיך אראפגעלאזט אונטער א פארהאנג פון א לייכטען נעפעל. די וואלקענס, שווער פון שנעע, זיינען פארבייגעגאנגען איבער'ן שטעטעל, געשמיסען פון שטארקע ווינטען. ער האט זיי ארויסגעשטעלט א נאז. דער אייז־קאלטער ווינט האט געבלאזען...

—„בלאז, בלאז!... טו וואס דו ווילסט מיט מיר! הויב מיך אויף און פיהר מיך אוועק!... איך ווייס וואויל וואו איך וויל געהן...

ע נ ד ע.